DAVID AND SYLVIA STEINER YIZKOR BOOK COLLECTION

STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 14052

Tłuszcz Memorial Book

Sefer zikaron li-kehilat Ṭlushṭsh

THE NEW YORK PUBLIC LIBRARY – NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
YIZKOR BOOK PROJECT

NEW YORK, NEW YORK AND AMHERST, MASSACHUSETTS

THE STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY PROVIDES
ON-DEMAND REPRINTS OF MODERN YIDDISH LITERATURE

•

MAJOR FUNDING FOR THE
YIZKOR BOOK PROJECT WAS PROVIDED BY:
Harry and Lillian Freedman Fund
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
David and Barbara Margulies
The Nash Family Foundation
Harris Rosen
David and Sylvia Steiner
Ruth Taubman

•

Original publication data

TITLE	Sefer zikaron li-kehilat Tlushtsh / ha-'orekh, M. Gelbart.
IMPRINT	880-02 Tel Aviv : Irgun Yots'e Tlushtsh be-Yiśra'el, 1971.
DESCRIPT	340 p. : ill., facsims. ports. ; 25 cm.
SUBJECT	Jews -- Poland -- Tłuszcz.
	Tłuszcz (Poland) -- Ethnic relations.
	Holocaust, Jewish (1939-1945) -- Poland -- Tłuszcz.
ADD'L NAME	Gelbart, M. (Mendl), b. 1898.

THIS BOOK MEETS A.N.S.I. STANDARDS FOR
PAPER PERMANENCE AND LIBRARY BINDING

PRINTED IN THE U.S.A.

ספר זכרון

לקהילת טלושטש

73-953408

ספר זכרון

לקהילת טלושטש

העורך: מ. גלברט

הוצא ע"י ארגון יוצאי טלושטש בישראל
בעזרתו הנדיבה של כבוד נשיא המדינה
מר זלמן שזר


תל־אביב, תשל"א — 1971

החומר בשביל הספר
הוכן ועובד ע״י ח. פרל


דאס מאטעריאל פארן
ספר זכרון
צוגעגרייט און באארבעט דורך ח. פערעל

דפוס „מופת״, י. רייזמן, עין־הקורא 6 תל־אביב


ארגון יוצאי טלושטש בישראל



אלתר בן יהודה, יו״ר הארגון



אריה פרל, חבר הנהלת הארגון



חנוך פרל, היוזם והמוציא
לפועל של ספר הזכרון



מנחם בן ציון פרידמן
חבר הועד למען הספר



יצחק צהובי
חבר הועד למען הספר

פתח דבר

בחרדת קודש וברגשות מעורבים אנו מגישים את **ספר־הזכרון לקהילת טלושטש** ליוצאי עירנו — השרידים המעטים של שארית הפליטה של עיירתנו שהושמדה. מצד אחד אנו מלבים, עם הספר, את הכאב הצורב, הלוהט בלב כולנו, ללא הפגות, אחרי השואה שהמיט על עמנו מלאך המות הנאצי ימ״ש. אולם מאידך תוקף אותנו, כעת, רגש של „סיפוק״, מעין רגש של ו„גילו ברעדה״ על שזכינו בהוצאת ספר זכרון זה להנציח את זכרם הקדוש של יקירנו, אבותינו ואמהותינו, אחינו ואחיותינו, קרובינו וידידינו, אנשים, נשים וטף שנספו על קדוש השם על־ידי הנאצים הצוררים ימ״ש, ובזה הבאנו תיקון לנשמות הקדושות והטהורות שניצלו על־ידי כך מתהום הנשיה.

עצם הופעת ספר הזכרון מביאה כבוד לשארית הפליטה של קהילת טלושטש בישראל — המונה פחות מעשרים משפחות, המפוזרות בכל רחבי המדינה — על שגילו הבנה, מסירות והקרבה לרעיון הנצחת קדושי עירם, ולא חסכו כל מאמץ למימוש רצונם זה, שהוצא לפועל כמעט בכוחות עצמיים (סיוע מאנשי חוץ לארץ קבלנו רק מבודדים).

ספר הזכרון המוגש לכם, הוא פרי עבודה מאומצת, שנעשתה במשך תקופה קצרה יחסית. לא עברה עדיין תקופה, אפילו של שנה וחצי, מרגע שהוחלט על ידי יוצאי עירנו לגשת, להוצאת ספר זכרון להנצחת זכר קדושי טלושטש, לאחר שנכשל הנסיון להצטרף לארגון יוצאי וולומין ולהוציא במשותף ספר זכרון להנצחת הקדושים של שתי הקהילות וולומין וטלושטש. כעת ניתן לומר, מתוך ספוק מלא, שאין אנו מצטערים על שנתפרדה החבילה; „מעז יצא מתוק״...

לצערנו הרב נוצר הספר, מתחילת יזימתו ועד לגמר הדפסתו, בתקופה שבה קיים ניתוק מלא של היחסים בין מדינת ישראל ולבין פולין ומשום

כך נשללה מאתנו האפשרות לפנות למוסדות המוניציפליים או לאזרחים פרטיים (פולנים) תושבי עיירתנו בבקשת עזרתם, כדי להשלים בספר את החסר בתמונות ובחומר חשוב אחר הקשור עם קהילתנו שנחרבה.

אולם על אף כל הקשיים השתדלנו לתת תאור נאמן של החיים הצבוריים, הדתיים והחברתיים שבעיירתנו, על ארגוניה, מוסדותיה ואישיה, וכמדומני שהצלחנו במילוי משימה זו.

הספר שלפנינו נועד לשמש נר־תמיד לעיירה יהודית קטנה, אחת מני רבות, אשר הושמדה ואיננה עוד: — **לקהילת הקודש טלושטש הי״ד.**

בהזדמנות זו אנו מביעים את תודתנו ליוצאי עירנו, בארץ ובתפוצות, אשר הרימו את תרומותיהם למטרה קדושה זו, כל אחד ביד נדיבה, ובמיוחד אנו מגישים שלמי תודה לבני עירנו הנדבנים: לח׳ מנחם ב. צ. פרידמאן, ת״א; למר אברהם בנט ולרעייתו הלינה (הינדה רדזימינסקי) דנוור־קולורדו ולגב׳ מרים־גיטל קרסון־רדזימינסקי, ניו־יורק, אשר בסיועם נתנו לנו את העידוד להמשיך בעבודת ההנצחה ולהביאה לידי גמר. כמו כן נתונה תודתנו לח׳ יצחק צהובי ולרעייתו רות מת״א, אשר ביתם שימש, כל השנים, כאכסניה לאזכרות לזכר קדושי טלושטש ובמיוחד בעד חלקו בספר הזכרון בשורה של מאמרים וזכרונות בעברית.

ואחרון־אחרון חביב — ליוזם ספר הזכרון, לחברנו ובן עירנו ר׳ חנוך פרל, אשר התמסר כולו, באש־דת, לעבודת ההנצחה של קדושי עירנו ונשא, כמעט לבדו, בכל המעמסה הכבדה שהיתה קשורה עם הוצאת ספר הזכרון, הן בנוגע לריכוז האמצעים הכספיים לאותה המטרה והן בנוגע לעבוד החומר, שנתקבל בשביל הספר, ובעיקר בהכנת סדרה שלמה של מאמרים חשובים, בעברית ואידיש, מפרי עטו, כמו כן בתרגומיו המוצלחים מאידיש ופולנית לעברית ומעברית לאידיש. המקום ישלם שכרו!

ארגון יוצאי טלושטש בישראל

יו״ר:

אלתר בן־יהודה (וולף)

פ אָ ר וו אָ ר ט

מיט געמישטע געפילן ברענגען מיר דאָס ספר הזכרון לקהילת טלושטש פאַר אונדזערע לאַנדסלייט — דעם קליינעם הייפעלע פון דער שארית־הפליטה פון דעם פאַרטיליקטן יידישן קיבוץ אין טלושטש.

פון איין זייט פרישן מיר אויף דעם נישט געלאָשענעם ווייטיק, וואָס ברענט אונאויפהערלעך אין אונדזערע הערצער, נאָך דעם גרויזאַמען יידישן חורבן און טאָטאַלער אויסראָטונג פון גאַנצע יידישע ישובים אין אייראָפּע און בתוכם אויך דעם יידישן ישוב פון אונדזער שטעטעלע טלושטש דורך די נאַצישע האָרדן, אָבער פון דער אַנדערער זייט באַהערשט אונדז אין דעם מאָמענט א געפיל פון באַפרידיגונג, וואָס מיר האָבן זוכה געווען אַרויסצוגעבן דאָס יזכור־בוך צו פאַראייביקן דעם אָנדענק פון אונדזערע טייערסטע און ליבסטע — טאַטעס און מאַמעס, ברידער און שוועסטער, קרובים און פריינט, און דערמיט געבראַכט א תיקון פאַר די נשמות פון די קדושים וטהורים פון אונדזער שטעטעלע, וועלכע מיר האָבן אָפּגעראַטעוועט פון תהום פון פאַרגעסנהייט.

עס איז אויך א כבוד פאַר דער קליינער שארית הפליטה פון דעם טלושטשער יידישן קבוץ אין ישראל, וועלכער ציילט קנאַפּע צוויי מנינים יידישע משפחות, צושפּרייטע איבערן גאַנצן לאַנד, וועלכער האָט אַרויסגעוויזן פאַרשטענדעניש און אָפּפערווויליקייט פאַר דעם ענין פון „הנצחת זכר הקדושים" און מיט כמעט אייגענע כוחות אַרויסגעגעבן דעם ספר הזכרון, ביי דער מיטהילף פון בלויז איינצעלנע לאַנדסלייט פון חוץ־לארץ.

דאָס ספר הזכרון איז די פּרוכט פון אַן אָנגעשטרענגטע אַרבעט, דורכגעפירט אין א פאַרהעלטניסמעסיק קורצער צייט. עס איז קוים אַדורך נישט מער ווי אַנדערטהאַלבן יאָר, זינט עס איז געפאַלן דער באַשלוס פון די טלושטשער לאַנדסלייט אַרויסצוגעבן אַן אייגן ספר הזכרון, נאָכדעם ווי עס איז דורכגעפאַלן דער פרווו זיך אָנצושליסן צום ארגון יוצאי וולומין און אַרויסגעבן צוזאַמען א בשותפות־דיקן יזכור־בוך פאַר די קדושים פון ביידע קהילות.

צום באַדויערן האָבן מיר צוליב דעם פולשטענדיקן איבעררייס פון די באַציונגען צווישן מדינת ישראל און פּוילן נישט געקאָנט זיך פאַרבינדן

מיט די געהעריקע מוניציפאלע אינסטיטוציעס און פריוואטע פערזאָנען (פאליאקן) פון אונדזער שטעטל אין שייכות מיט מאטעריאל און בילדער פארן יזכור־בוך. טראָץ די דערמאָנטע שוועריקייטן, האָבן מיר זיך באמיט צו געבן אין דעם בוך א ריכטיק בילד פון דעם געזעלשאפטלעכן און רעליגיעזן לעבן פון דער קהילת הקודש אין טלושטש און אירע געשטאלטן, ווי אויך גביית־עדות פון דער צייט פון שרעקלעכן חורבן.

דאָס דאָזיקע יזכור־בוך, דארף דינען ווי א נר־תמיד, צום אייביקן אָנדענק פון א קליין ידיש שטעטעלע אין פוילן, איינס פון צווישן פיל אנדערע, וואָס איז געווען און איז שוין מער נישטאָ: — אונדזער שטעטעלע **טלושטש הי״ד.**

מיט דאנק דערמאָנען מיר אונדזערע לאנדסלייט פאר זייערע ברייט־הארציקע שפענדונגען פאר דעם דאָזיקן הייליקן צוועק, און באזונדערס: דעם ה׳ מנחם ב. צ. פרידמאן פון תל־אביב; דעם מר אברהם בענעט און זיין פרוי האלינא (הינדע ראדזימינסקי), דענווער־קאָלאָראדאָ; דער פרוי מרים־גיטל קערסאָן־ראדזימינסקי פון ניו־יארק, וועמענס שפענדונגען האָבן אונדז דערמוטיקט צו פארענדיקן די הייליקע ארבעט, ווי אויך דעם ה׳ יצחק צהובי און זיין פרוי רות, וועמענס הויז דינט, זייט אלע יאָרן, ווי אן אכסניה פאר די אזכרה־אָוונטן פאר די קדושים פון אונדזער שטעטל, און באזונדערס פאר זיין ביישטייער צום ספר הזכרון מיט א ריי מאמרים און זכרונות.

ואחרון אחרון חביב, דעם איניציאטאָר פון יזכור־בוך, אונדזער חבר און לאנדסמאן ר׳ חנוך פערעל, וועלכער האָט מיט הייליקן ברען זיך איבערגעגעבן דער דאָזיקער שווערער ארבעט און אויסגעטראָגן, כמעט אליין, דעם שווערן באלאסט, וואָס איז געווען פארבינדן מיטן ארויסגעבן דאָס ספר הזכרון, סיי מיטן שאפן די פינאנציעלע מיטלען פאר דעם דאָזיקן צוועק און סיי ביים באארבעטן דעם באקומענעם מאטעריאל פאר דעם בוך, און בעיקר פאר זיינע פיל אייגענע וויכטיקע מאמרים און ידיש און אין עברית, ווי אויך פאר זיינע געלונגענע איבערזעצונגען פון פויליש און ידיש אויף עברית און פון עברית אויף ידיש. המקום ישלם שכרו.

ארגון יוצאי טלושטש בישראל

י ו ״ ר

א ל ת ר ב ן ־ י ה ו ד ה (וולך)

תוכן — אינהאַלט

עיירתנו — אונדזער אלטע היים

שואה וחידלון — חורבן און אומקום

דמויות — געשטאַלטן

ע י י ר ת נ ו

אונדזער אלטע היים

חנוך פערעל — בני־ברק

דער יידישער ישוב אין טלושטש



דער יידישער ישוב אין טלושטש איז אַנט־שטאַנען ערשט ביים סוף פון ניינצנטן, און אָנהייב צוואַנציקסטן יאָרהונדערט, ווען טלושטש איז געוואָרן פאַרוואַנדלט אין אַ באַן־קנופּ סטאַציע, פון וואַנען עס זענען זיך פונאַנדערגעגאַנגען די באַן־ליניעס אין פיל ריכטונגען. ווי: פּעטערבורג, ווילנע, לאָמזשע, ביאַליסטאָק א. א.

דער באַן־קנופּ אין טלושטש האָט אויך געהאַט אַ זייער וויכטיקע סטראַטע־גישע באַדייטונג, פאַרבינדנדיק די פּוילישע רעזידענץ מיט די וויכטיקע צענטרען פון דער מדינה, ווו עס האָבן זיך געפונען וויכטיקע סטראַטעגישע באַזעס.

די ערשטע אינפאָרמאַציע וועגן טלושטש געפינען מיר אין דעם געאָגראַפישן לעקסיקאָן (אין דער פּוילישער שפּראַך), וועלכער איז דער־שינען אין וואַרשע אין יאָר 1889 (באַנד 12, זייט 353):

„טלושטש, אַ דאָרף און פאָלוואַרק ביים טייך יאַשאַנקאַ, אָדער טשעונקאַ, (צופלוס צום טייך זשענדזאַ), ראַדזימינער קרייז, קלעמ־באָווער גמינע און פּאַסטאַליסקער פּאַראַפיע; 18 וויאָרסט ווייט פון ראַדזימין, באַזיצט אַן אייזנבאַן־סטאַציע וואַרשע — פּעטערבורג, אַ מרחק פון 32 וויאָרסט פון וואַרשע. טלושטש האָט ביז 400 איינוווינער

און אַן עלעמענטאַר־שול. מ׳האָט דאָ אויפגעשטעלט פיל הייזקעס אויף זומער־וווינונג. די געגנט איז אַ וואַלדיקע און פייכטע. אין יאָר 1827 זענען געווען 21 הייזער און 126 איינוווינער.

אין יאָר 1884 איז דער שטח פון פאָלוואַרק, צוזאַמען מיטן ישוב, באַשטאַנען פון 611 מאָרג:

1. אַקער־באָדן און גערטנער —	376 מאָרג	
2. לאָנקעס —	82	״
3. פּאַשע־באָדן —	52	״
4. וועלדער —	79	״
5. נישט באַאַרבעטער באָדן —	22	״
ס״ה	611	״

געמויערטע הייזער 2, הילצערנע 17״.

אין דעם דערמאָנטן יאָר האָבן נאָך דאָרט, וואָרשיינלעך, קיין יידן נישט געוווינט. אין דעם געאָגראַפישן לעקסיקאָן ווערט אין אַנדערע ערטער אויך אָנגעגעבן די צאָל פון דער יידישער (איזראַעליטישער) באַפעלקערונג. דאָקעגן ביי טלושטש ווערט מיט קיין איין וואָרט נישט דערמאָנט וועגן יידישע איינוווינער.

רבנים

אין יאָר 1909 האָט דאָס שטעטל טלושטש געציילט ביי קנאַפּע הונדערט יידישע משפחות. אין דעם דאָזיקן יאָר איז אין טלושטש געוואָרן אויפגענומען דער ערשטער רב. דער רב איז געווען פון ליטע — אַ מתנגד,

דער זון פון דעם איישישאָקער רב, וועלכער האָט געשמט ווי אַ גרויסער תלמיד חכם. (זיין שוואָגער איז געווען דער באַקאַנטער הרב הונטער, מיטגליד פון וואַרשעווער ראַבינאַט, וועלכער האָט שפּעטער עולה געווען קיין ארץ ישראל). דער דאָזיקער מתנגדישער רב האָט אָבער נישט גענאָסן פון דער סימפּאַטיע פון די אָנפירנדיקע בעלי־בתים פון שטעטל, וועלכע זענען געוואָרן דערצויגן אויף חסידישע הרגלים און השקפות, און נישט געקענט שלום מאַכן מיט אַ סך מנהגים פון זייער מתנגדישן רב. עס איז געקומען דערצו, אַז די חשובע בעלי־בתים, בפרט די גערער חסידים, האָבן געפאָדערט,, אַז דער איישיטאָקער רב זאָל באַפרייען דעם כסא הרבנות אין טלושטש, אין דער שפּיץ פון זיינע קעגנער זענען געשטאַנען ר׳ מענדל פּערל, ר׳ אהרון־יעקב ראַדזימינסקי, ר׳ יצחק־מאיר לערנער און אַנדערע.

עס איז דעמאָלט אין שטעטל פאָרגעקומען אַ גרויסע מחלוקת אַרום דעם כסא־הרבנות פון דעם איישישאָקער רב. פאַרשטענדלעך, אַז דער רב האָט אויך געהאַט זיינע אָנהענגער, צווישן זיי איז געווען דער אָנגע־זעענער בעל־הבית און תלמיד־חכם ר׳ ארקע גאָלדוואַסער. ענדלעך איז דער סכסוך וועגן דעם כסא־הרבנות געוואָרן איבערגעגעבן אַ בית־דין פון דריי רבנים, וועלכער האָט אָפּגעהאַלטן אין טלושטש עטלעכע סעסיעס און אויסגעהערט טענות פון ביידע צדדים און צום סוף אַרויסגעטראָגן אַ פסק־דין, אַז דער איישיטאָקער רב מוז רעזיגנירן פון זיין רבנות־שטול אין טלושטש.

אין יאָר 1912 איז געוואָרן אויפגענומען דער צווייטער רב לויט דער ריי — הרב ר׳ יעקב־יוסף בר׳ יהושע בריקמאַן הי״ד פון גריצע. הרב בריקמאַן איז געווען אַן אַמשינאָווער חסיד און אַ תלמיד מובהק פון דעם אָסטראָווצער גאון. ער איז געווען אַ שוואַרצהנעווודיקער יונגערמאַן פון אַ יאָר פינף און צוואַנציק, באַצירט מיט אַ קליין שוואַרץ־רונדיק בערדל און געקרייזלטע לאַנגע פאות מיט אַ פּאָר ברענענדיקע אויגן, וועלכע האָבן מיט זייער צויבער צוגעצויגן אין דער ערשטער מינוט זיינע מיטשמועסער.

הרב בריקמאַן איז געזעסן אויף דעם כסא־הרבנות אין טלושטש פולע דרייסיק יאָר ביז זיין טראַגישן אומקום דורך די נאַציִשע מערדער אין יאָר 1942, צוזאַמען מיט זיין גאַנצער יידישער קהילה אין טלושטש. הי״ד.

די „יידישע געמיינדע״

אָפיציעל איז דער יידישער קבוץ אין טלושטש געוואָרן אָנערקענט אַלס אַ „יידישע געמיינדע״ אין יאָר 1915 — 1916, דורך דער דייטשער באַזעצונגס־מאַכט, וועלכע האָט אָקופּירט פּוילן באַלד נאָך דעם אויסברוך פון דער ערשטער וועלט־מלחמה.

הרב ד״ר קאַרליבאַך, דער הויפּט פעלד־ראַבינער פון דער דייטשער אָקופּאַציע־אַרמיי אין פּוילן, האָט דאַן אָנגעפירט מיטן אָרגאַניזירן די יידישע קהילות אין פּוילן. ער האָט אַרויסגערופן צו זיך דעם טלושטשער רב, הרב בריקמאַן, און געפירט מיט אים אַלענגערן געשפּרעך וועגן דעם אָרגאַניזאַציאָנעלן לעבן פון די יידישע קהילות אין די יידישע שטעטלעך, און דערביי אים אויך עקזאַמינירט אין זיינע יידישע און וועלטלעכע קענטעניש. הרב בריקמאַן, וועמענס תלמיד איך בין דעמאָלט געווען, האָט מיר דערציילט, אַז ד״ר קאַרליבאַך האָט מיט אים געפירט אַ לאַנגן שמועס וועגן ריין תלמודיש־הלכה'שע ענינים און שפּעטער איבערגעגאַנגען אויף געשיכטלעכע טעמעס, און צום סוף איבער — ספרי־קבלה.

הרב קאַרליבאַך האָט זיך געוואָנדן צו הרב בריקמאַן, ער זאָל אים אויפקלערן דעם באַגריף פון „סוד הצמצום״ אין די ספרי־קבלה. די תשובה פון הרב בריקמאַן האָט באַפרידיקט דעם ד״ר קאַרליבאַך.

צום סוף — דערציילט ווייטער הרב בריקמאַן — האָט ד״ר קאַרליבאַך פונאַנדערגעשפּרייט אויפן טיש אַ גרויסע פעלד־מאַפּע פון אייראָפּע. ער האָט אָנגערופן פאַרשידענע שטעט אין אייראָפּעאישע מדינות און געהייסן, הרב בריקמאַן זאָל אָנווייזן אויף דער מאַפּע, ווו די דאָזיקע שטעט געפינען זיך. אויסהאַלטנדיק דעם עקזאַמען, האָט הרב בריקמאַן באַקומען שפּעטער צוגעשיקט די אַמטלעכע נאָמינאַציע אַלס „אָפיציעלער ראַבינער פון דער „יידישער רעליגיעזער געמיינדע אין טלושטש״.

בית המדרש

ביזן יאָר 1910 האָט טלושטש נישט געהאַט קיין אייגענע שול. עס זענען געווען אייניקע בתי־תפילה אין פּריוואַטע הייזער. ביי ר׳ ארקע גאָלדוואַסער אין הויז האָט זיך געפונען דאָס גרעער שטיבל. דאָרט האָט געדאַוונט די עליטע פון שטעטל. ערשט אין יאָר 1910, נאָכן אויפנעמען דעם ערשטן רב אין שטעטל, איז מען צוגעטרעטן צום בויען אַן אַלגע־מיינעם בית־תפילה. דאָס איז געווען אַ הילצערנע געביידע, וואָס האָט זיך גערופן בית־המדרש און נישט בית־הכנסת (שול). דער בית־המדרש האָט אויך געדינט ווי אַן אָרט פון „חדרים" פאַר די טלושטשער מלמדים, ווי אויך אכסניה פאַר ארחי־פרחי, וואַנדערנדיקע אָרעמעלייט, וועלכע האָבן דאָרט איבערגענעכטיקט און ווייטער געוואַנדערט. ערשט אין די יאָרן 1936 — 1937 האָט די יידישע קהילה אויפגעשטעלט אַ געמויערטע שול, צוגעפּאַסט צו די געברויכן פון דעם פאַרגרעסערטן יידישן קיבוץ, וואָס האָט פאַר דעם קריגס־אויסברוך געציילט בערך 200 יידישע משפחות.

די שול האָט זיך געפונען אויף דער קאָפּערניקאַ־גאַס. דער שול־הויף האָט געהאַט אַ שטח פון 5 — 4 טויזנט קוואַדראַט מעטער. (פון דאָרט האָט זיך בעתן חורבן אָנגעהויבן דאָס געטאָ). דער שול־בנין איז געבליבן גאַנץ און, נאָך דער ליקווידאַציע פון געטאָ, פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ פערד־שטאַל.

דער שטאָטישער חזן

ר׳ שמואל־יאַנקל בערגמאַן איז געווען לאַנגע יאָרן חזן אין שטעטל. ער איז געווען אַ חזן בחסד, געדאַוונט מיט ברען און מיטגעריסן דעם עולם מתפללים, אַ גוטער זאָגער פון עברי און אַ בעל־דקדוק, ווי אויך אַ בעל־קורא אין שול. איז נפטר געוואָרן אייניקע יאָר פאַר דער צווייטער וועלט־מלחמה.

די שטאָטישע באָד

די געשיכטע פון דער שטאָטישער באָד (מקוה טהרה) אין טלושטש איז עלטער ווי דאָס בית־המדרש אין שטעטל. די מקוה איז געבויט געוואָרן

גלייך ביי דער אַנטשטייונג פון דעם יידישן ישוב אין שטעטל. אַ חוץ זיין באַדייטונג פאַר טהרת־המשפחה, אַלס מקוה־טהרה האָט די באָד אויך דערפילט אַ סאַניטאַר־היגיענישע אויפגאַבע. ביי די באַדינגונגען אין די קליינע שטעטלעך, ווו עס זענען נישט געווען קיין מאָדערנע באָד־אַנ־שטאַלטן, האָט די באָד־מקוה צוגעהאָלפן צו דער ריינלעכקייט ביי די יידישע איינוווינער. ערב שבת פלעגט כמעט דאָס גאַנצע שטעטל — טאַטעס און קינדער — גיין אין מקוה זיך טובל זיין לכבוד שבת און דערביי אויך גענומען אַ שוויץ־באָד אָדער הייסע וואַנע. אלתר שוואַרצבערג איז געווען אַלע יאָרן דער בעדער אין שטעטל. (פּאָפּולער מיטן נאָמען אלתר בעדער). זיין ווייב איז געווען באַקאַנט מיטן נאָמען זלאַטע די בעדערקע. די באָד האָט זיך געפונען הינטער דעם שטעטל אין אַ קליינער הילצערנער הייזקע, ווו עס האָט געוווינט אלתר בעדער מיט זיין פאַמיליע.

בקור־חולים

טלושטש האָט בערך ביזן יאָר 1933 נישט געהאַט קיין שטאַטישן דאָקטאָר. אין פאַל פון אַ נויט פלעגט מען דאַרפן אַרויסרופן אַ דאָקטאָר פון וואַרשע, אָדער פון יאַדאָוו, ווו עס האָט געוווינט דער דאָרט זייער פּאָפּולערער פוילישער דאָקטאָר טשאַפּליצקי (געווען אויך אַ צייט דעפּוטאַט אין פוילישן סיים). דער מאַנגל אין אַ דאָקטאָר האָט צוגעאיילט דאָס שאַפן די בקור־חולים אינסטיטוציע. בעת דעם ערשטן וועלט־קריג, ווען עס האָט געבושעוועט די טיפוס־עפּידעמיע (אין די יאָרן 16—1915) האָט דער בקור־חולים דערפילט אַ זייער גרויסע סאָציאַלע אויפגאַבע, איבער־נעמענדיק די זאָרג פון וואַכן ביי נאַכט ביי קראַנקע און זיי דערטיילן די ערשטע סאַניטאַרע און מעדיצינישע הילף, ווי אויך זאָרגן אין נויטפאַל וועגן ברענגען פון דער פרעמד אַ דאָקטאָר. לאַנגע יאָרן, בעת דעם ערשטן וועלט־קריג און נאָך אים — איז געווען פרעזעס פון בקור־חולים ר׳ מענדל פערל (גערופן ר׳ מענדל וואַרשעווער), און מיטן אמתן מסירות־נפש אויסגעפירט די הייליקע אויפגאַבע. באַזונדערס ווען אין די יאָרן 1915 — 1916, האָט געווילדעוועט די טיפוס־עפּידעמיע, איז ר׳ מענדל אַרומגעלאָפן פון שטוב צו שטוב און זיך אַליין מטפל געווען מיט די קראַנקע און

אויך געזאָרגט פאַר דער מאַטעריעלער הילף פון די משפחות, וועלכע האָבן זיך אין דעם גענויטיקט. פאַרנדיק זיך אַרום אַנשטעקנדע קראַנקע, האָט ער באַדראָט דאָס געזונט פון זיין אייגענער פאַמיליע — מיט 11 קינדער.

אויך אין די יאָרן 1940 — 1942 ביי די געטאָ־באַדינגונגען האָט דער בקור־חולים (דעמאָלט זיך גערופן „לינת־הצדק") דערפילט זיין אויפגאַבע ביים דערטיילן ערשטע הילף דעו גרויסער צאָל קראַנקע אין געטאָ. איי דער שפיץ פון „לינת הצדק" איז דעמאָלט געשטאַנען ר' מענדל זשולטי, וועלכער האָט דורכגעמאַכט אַ ספעציעלן קורס פאַר סאַניטאַציע און ערשטער הילף. ביי דער דאָזיקער אַרבעט האָט זיך מענדל זשולטי אַליין אַנגעשטעקט מיט אַ טיפוס־קראַנקהייט און איז דערפון געשטאָרבן.

די פאָלקס־באַנק

אין יאָר 1925 איז אין טלושטש געוואָרן געגרינדעט די יידישע קאָאָפּעראַטיווע פאָלקס־באַנק, וואָס האָט אין משך פון 7 — 8 יאָר דערפילט אַ גרויסעווירטשאַפטלעכע אויפגאַבע פאַר דער דאָרטיקער יידישער באַפעלקערונג, דערטיילנדיק ביליקע קרעדיטן דעם יידישן קליינהענדלער און בעל־מלאכה. די באַנק האָט גענאָסן פון פינאַנסיעלער אונטערשטיצונג פון „דזשאָינט" און „פונדיישן" און איז געווען אָנגעשלאָסן אין דעם פאַרבאַנד פון די יידישע באַנק־אינסטיטוציעס. אין דער לייטונג פון דער באַנק זענען געווען: יעקב־יוסף גרינהויז און אברהם ראַדזימינסקי.

חנוך־אינסטיטוציעס

אויסער דריי־פיר חדרים האָבן זיך אין טלושטש געפונען אויך „יבנה"־ און „תרבות"־שולן. די דאָזיקע שולן זענען אַנטשטאַנען בערך אין די יאָרן 1928 — 1927. אין דער שפיץ פון דער לייטונג פון עלטערן־קאָמיטעט פון בית־ספר „יבנה" איז געשטאַנען ר' יעקב־יוסף גרינהויז און פון בית־ספר „תרבות" — מרדכי לערנער. די דאָזיקעביידע שולן האָבן עקזיסטירט ביזן חורבן.

עס האָט אויך עקזיסטירט אין טלושטש אַ „בית־יעקב״־שול פאַר מיידלעך, אָנגעפירט דורך לערערינס (אַבסאָלוועטינס) פון דעם באַקאַנטן שענירער סעמינאַר אין קראָקע. די „בית־יעקב״־שול האָט גענאָסן פון



קבוצת חברות מ„בנות־יעקב״

א גרופע מיידלעך פון „בנות־יעקב״

אָנערקענונג מצד דער גאַנצער יידישער באַפעלקערונג, און אַ סך משפחות, פאַרטייאיש ווייטע פון אגודת־ישראל, האָבן אויך געשיקט זייערע קינדער אין „בית־יעקב״. ביים „בית־יעקב״ האָט זיך אויך געפונען אַ קרייז פון

דערוואַקסענע מיידלעך, וואָס האָט אַנטוויקלט אַ קולטורעלע טעטיקייט, איינאָרדענענדיק פון צייט צו צייט קולטור־אָוונטן, אָדער פאַרשטעלונגען. דער דאָזיקער קרייז איז געוואָרן אַ לאַנגע צייט אָנגעפירט דורך פריילין לאה פערל הי״ד, וועלכע האָט פאַרמאָגט אַן אָרגאַניזאַציאָנעלן, ווי אויך דראַמאַטישן טאַלאַנט.

די לעצטע לערערין פון דער „בית יעקב״־שול אין טלושטש איז, בעת דעם קריגס־אויסברוך, געווען שרה־גיטל פלאַנטשאַק פון ווישקאָוו.

אגודת־ישראל

די מערהייט פון די בעל־הביתישע יידן אין שטעטל איז געווען שטאַרק רעליגיעז און געהאַט סימפּאַטיעס צו „אגודת־ישראל״. אָפיציעל האָט אין טלושטש נישט עקזיסטירט קיין פאַרבאַנד פון „אגודת־ישראל״, אָבער זייער עקזיסטענץ און השפעה האָט זיך געלאָזט פילן ביי יעדער וויכטיקער געזעלשאַפטלעכער, אָדער פּאָליטישער אַקציע, ביי וואַלן צו דער קהילה, אָדער צום סיים אדג״ל. דער אָרטיקער רב, הרב ר׳ יעקב־יוסף בריקמאַן איז נאַטירלעך געווען אַן אַקטיוויסט פון דער „אגודת־ישראל״־אידעע און געהאַט אַ השפעה אויף דער איבערוויגנדער מערהייט פון זיינע בעלי־בתים.

די „אַלגעמיינע ציוניסטן״

דעם ערשטן פּלאַץ צווישן די ציוניסטישע גרופּירונגען האָבן פאַרנומען די „אַלגעמיינע ציוניסטן״, וועלכע זענען געווען טעטיק אויף אַלע געביטן. זיי האָבן דורכגעפירט די פאַרשידענע מגביות פון די ציוניסטישע פאָנדן, ווי „קרן קיימת״ און „קרן היסוד״, געפירט קולטורעלע טעטיקייט. אין דער לייטונג פון די „ציונים־כלליים״ איז אַ לאַנגע צייט געשטאַנען מאיר־שלום זאַלצמאַן. ער איז געווען אַ שטאַרק באַלעזענער יונגערמאַן און זיינע רעפעראַטן אויף פּאָליטישע טעמעס האָבן ביי זיינע צוהערער אַרויסגערופן גרויס אינטערעס.



קבוצת חברים של „הנוער הציוני״
א גרופע חברים פון „הנוער הציוני״
עומ־ים (משמאל לימין): אברהם רדזימינסקי, יהודה רדזימינסקי, יושב.
(הראשון משמאל): מאיר שלום זלצמן

ברית-החייל

אין דער שפּיץ פון „ברית החייל״ איז געשטאַנען הערשל בערגמאַן, וועלכער איז געווען לאַנגע יאָרן דער מפקד. ער פלעגט שטענדיק מאַרשירן אין דער שפּיץ פון יעדן פּאַראַד, וואָס דער „ברית-החייל״ פלעגט אַראַנ־זשירן. דער לעצטער מפקד פון „ברית-החייל״ איז געווען משה ראַדזימינסקי

(דער זון פון אברהם ראַדזימינסקי), וועלכער האָט אויף אַרישע פּאַפּירן איבערגעלעבט דעם חורבן און געפינט זיך היינט אין אייראָפּע.

*

נישטאָ שוין מער אונדזער באַחנט ייִדיש שטעטעלע טלושטש! נישטאָ שוין מער די דאָרטיקע האַרציקע ייִדן, וועלכע האָבן געהאַט אַ שם מיט זייערע וואַרעמע ייִדישע הערצער. נישטא שוין מער אונדזער טייערע און איבערגעגעבענע טאַטעס און מאַמעס, ברידער און שוועסער. זיי אַלע האָט פאַרשניטן די שווערד פון דעם נאַצישן מלאך־המות און זיינע מיטהעלפער.

כבוד לשמם וזכרם!

השם ינקום דמם.

אונדזער שטעטל פאַרן חורבן

דער ייִדישער ישוב אין דעם שטעטל טלושטש האָט געציילט בערך 200 משפחות (1000—900 נפשות). עטלעכע צענדליק משפחות האָבן אויך געוווינט אין די שכנותדיקע דערפער. נאָר אין די לעצטע יאָרן פאַר דעם קריג, מיט דער פאַרשטאַרקונג פון דעם אַנטיסעמיטיזם און פּראָקלאַמירן דעם אָפיציעלן עקאָנאָמישן באָיקאָט קעגן ייִדן, האָבן די ייִדישע דאָרפישע משפחות ליקווידירט זייערע דאָרטיקע היימען און זיך באַזעצט אין שטעטל. 80 פּראָצענט פון דער אַלגעמיינער באַפעלקערונג פון דער טלושטשער גמינע איז באַשטאַנען פון פויערישן עלעמענט.

דער באָדן איז געווען אַ פרוכבאַרער (מעגלעך אַז דערפון שטאַמט טאַקע דער נאָמען „טלושטש״, וואָס באַדייט אין דער פּוילישער שפּראַך:

„פעטס", אָדער „פעטקייט"). די פוילישע פעלדער פלעגן ווערן באַאַרבעט אויף אַ זייער פרימיטיוון אופן: מיט פערד און אַקעראייזן, פונקט ווי אין די צייטן פון אברהם אבינו. בלויז די גרויסע גוט־באַזיצער פלעגן באַאַר־בעטן זייערע שטחים מיט מאָדערנע אַגראַר־מאַשינען, ווי טראַקטאָרן און קאָמביינען.

אַדמיניסטראַטיוו האָט טלושטש געהערט צו דער קרייז־שטאָט ראַדזימין, וווּ עס האָט זיך געפונען דער גרעסטער טייל פון די מלוכהשע אַמטן, ווי סטאַראָסטע, פינאַנס־אַמט אד"גל. אויך אין שייכות מיט קהלישע פּראָבלע־מען איז דאָס שטעטעלע טלושטש געווען געבונדן מיט ראַדזימין. טלושטשער נפטרים פלעגט מען פירן אויף דעם ראַדזימימער בית־הקברות. און הגם אין די לעצטע יאָרן פאַר דעם קריג האָט די יידישע קהילה אין טלושטש דעראָבערט אַ שטח זאַמדיקן באָדן, וואָס איז באַשטימט געוואָרן אויף אַ בית־הקברות פאַר דער טלושטשער קהילה — איז דאָך אָדורכגעלאָפן אַ שיין ביסל יאָרן און דער בית־הקברות איז נישט געוואָרן גענוצט, ווייל קיין שום משפחה, ביי וועמען ס'איז געווען אַ נפטר, האָט נישט געוואָלט מסכים זיין, אַז זייער בר־מינן זאָל זיין דער ערשטער איינזאַמער מת אויף דעם נייעם בית־הקברות.

די קאָמוניקאַציע מיט ראַדזימין איז געווען אַ שווערע. צום מיינסטן איז די פאַרבינדונג געווען מיט אָקס אויף פוילישע, נישט ברוקירטע וועגן, עס איז אויך געווען אַ נישט דירעקטע פאַרבינדונג: ביז וואַרשע מיט דער אייזנבאַן, און פון וואַרשע — מיט דער קאָלייקע, דורכמאַכנדיק אויף אַזאַ אופן אַ דרייפאַכיקן מרחק, אַנשטאָט 18 קילאָמעטער מיט אָקס — אַ מהלך פון עטלעכע פופציק קילאָמעטער.

דאָס יידישע לעבן האָט זיך קאָנצענטרירט בעיקר אויף דער קאָש־טשושקי־גאָס — די הויפּט־גאָס אין שטעטל. דאָרט האָבן זיך געפונען די יידישע געשעפטן פון מאַנופאַקטור, גאַלאַנטעריע, שיך, אייזן און קיך־געשיר, שפּייז־קראָמען, בעקערייען א"אנד. לאַנגע יאָרן פלעגט אויך אויף דער דאָזיקער גאַס זיך שטעלן דער וועכנטלעכער יאַריד.

נאָך דעם, ווי דער פּויער האָט פאַרקויפט זיינע דאָרפישע פּראָדוקטן,

האָט ער כמעט זיין גאַנצן פּדיון איבערגעלאָזט אין די יידישע געשעפטן. אַזוי, אַז דער יאַריד־טאָג איז געווען דער הויפּט־קוואַל פון דער פּרנסה פאַר יידישע קרעמער פון שטעטל.

אין די לעצטע יאָרן, נאָך דעם באַרימטן „אָווש'ם״־קורס פון דער סקלאַדקאָווסי־רעגירונג, וועלכע האָט געפּרעדיקט עפנטלעכן און עקאָנאָמישן באָיקאָט קעגן יידישע סוחרים — האָט דער גמינע־ראָט אין טלושטש באַשלאָסן איבערצופירן דעם יאַריד הינטער דעם שטעטל. דאָס האָט געגעבן דעם שטאַרקסטן קלאַפּ די דאָרטיקע יידישע קרעמער, וועלכע האָבן דערמיט פאַרלוירן דעם הויפּט־צווייג פון זייער עקזיסטענץ.

אַ סך משפחות פלעגן ציען זייער חיונה פון האַנדל מיט בהמות און תבואה. זיי פלעגן צו דעם צוועק אָרומפאָרן איבער די דערפער און איינקויפן זייער סחורה. אין די לעצטע יאָרן איז אויך דער מין האַנדל אונטערגעגאַנגען צוליב דעם שטאַרקן אַנטיסעמיטיזם. אין די דערפער האָבן די יידישע הענדלער פּשוט מורא געהאַט זיך אַרויסצולאָזן.

אין די לעצטע חדשים פאַר דעם קריג־אויסברוך, נאָך דעם, ווי היטלער האָט דערקלערט, אַז דעם אַנטי־אַגרעסיע־פּאַקט מיט פּוילן, באַטראַכט ער פאַר אויפגעלייזט, איז די שטימונג אין לאַנד געוואָרן אַ שטאַרק פּעסימיסטישע. יעדער האָט אינסטינקטיוו געפילט, ווי מען שטייט ערב אַ ווולקאַן־אויסברוך פון חורבן און פאַרניכטונג. ס'איז געוואָרן דורכגעפירט אַ פרייוויליקע קריגס־באַשטייערונג, ביי וועלכער עס האָט זיך באַזונדערס אויסגעצייכנט די יידישע באַפעלקערונג, וואָס האָט אויך אין אונדזער שטעטל גענומען אַן אַקטיוון אָנטייל אין אַלע צוגרייטונגס־אַקציעס.

אַ סך יידישע יוגנטלעכע, ווי אויך עלטערע, מענער און פרויען, האָבן זיך באַטייליקט אין די קורסן פון סאַניטאַציע און לופט־שוץ, מיט וועלכע עס האָט ביי אונדז אָנגעפירט דער יידישער דאָקטאָר גאָלאָמב.


דער ד״ר גאָלאָמב מיט זיין פאַמיליע, זענען אומגעקומען דורך דער א. ק. 2 וואָכן פאַר דער באַפרייאונג, נאָך דעם, ווי זיי האָבן זיך די גאַנצע צייט אויסבאַהאַלטן אין אַ גוט־מאַסקירטן בונקער אין אַ דאָרף הינטער טלושטש.

אין חודש אויגוסט 1939, שוין האַרט פאַרן קריגס־אויסברוך, איז ביי אונדז אין שטעטל געוואָרן אָרגאַניזירט צווישן דער ציווילער באַפעלקערונג

וואַך־דרוזשינעס, וועלכע זענען צעשיקט געוואָרן צו האַלטן שמירה במשך גאַנצע 24 שעה אין מעת־לעת אויף דער באַן־ליניע, כדי צו פאַרהיטן פון סאַבאָטאַזש־אַקטן מצד דעסאַנטן אָדער דאָרטיקע פאָלקס־דייטשן.

אַ באַדייטנדע צאָל יידישע יונגעלייט, אויסגעדינטע זעלנער פון דער פוילישער אַרמיי, האָבן זיך פרייוויליק אָנגעשלאָסן אין די דאָזיקע וואַך־דרוזשינעס און מיט געווער אין די הענט געשטאַנען אויף זייערע וואַך־פונקטן.

ווי באַוווסט, איז די אייזנבאַן־סטאַציע אין טלושטש געווען פון גרויסער סטראַטעגישער באַדייטונג. עס איז דאָרט געווען אַ זייער וויכטיקער באַן־קנופּ, וואָס האָט פאַרבינדן דעם צענטער פון דער מדינה מיט פיל וויכטיקע מיליטערישע באַזעס, ווי פון לאָמזשע, בריסק, ווילנע א״א.



אינטערוועגנס



דער שוסטער



ווינטער אין שטעטל

הרב ר' יעקב יוסף ברוקמן ז"ל

רב דמתא טלושטש והסביבה

הרב ר' יעקב־יוסף בריקמן ז"ל התחיל לכהן בטלושטש בתפקיד מרא דאתרא בשנת 1912, שנתיים לפני פרוץ מלחמת העולם הראשונה. הוא היה, לפי סדר הכהונה, הרב השני בעיירה.

הרב הראשון ששימש ברבנות בטלושטש כארבע־חמש שנים בלבד היה בנו של הרב באיישישוק. היה ממוצא ליטאי (אַ ליטוואַק) ולא היה לרוחם של רוב תושבי העיירה, שנמנו על חסידי גור. אלה לא יכלו להשלים עם הרבה מהנוהגים הליטאיים של הרב, ודרשו העברתו מכס הרבנות בטלושטש.

המחלוקת סביב כסא הרבנות של הרב מאיישישוק, עוררה בשעתה תסיסה גדולה בעיירה. מובן שהיו לרב האיישישוקאי גם תומכים, בעיקר מתוך התושבים שנמנו על פשוטי העם („עמך"), אולם „האליטה" — בעלי הבתים החשובים מחוגי החסידים, ובמיוחד חסידי גור, שנמנו על „שמנה וסלתה" של העיירה — יצאו נגד המשך כהונתו של הרב הליטאי בעיירה.

אחרי מחלוקת ממושכת שנמשכה למעלה משנתיים הוחלט למסור את הברור לבית־דין של שלושה רבנים מפורסמים, שנתקבלו על דעת כל הצדדים.

בית־הדין ישב על מדוכה זו ימים לא מעטים; גבה עדויות ושמע חוות דעת מפי בעלי הבתים מכל הצדדים. אחרי שקולים מרובים נפסק, שעל הרב האיישישוקאי לפנות את כסא הרבנות בטלושטש.

אחרי שנתפנה כסא הרבנות בעיירה הוגשו מספר הצעות למשרה הפנויה, כולן ע"י אברכים צעירים, שהיו סמוכים עדיין אל שולחנותיהם

של חותנים עשירים, ובתוכם בני רבנים ותיקים (ביניהם גם של בנו של הרב מהעיירה הסמוכה סדובנו). כפי המנהג בימים הם, היה כל מועמד לכסא הרבנות מופיע בשבת מסויימת בבית הכנסת המקומי, בפני הציבור, ודורש בפניו בעניני הלכה ואגדה, כל אחד כיד כשרונו ובקיאותו. התרשמותו של הקהל מדרשתו של המועמד השפיעה לא במעט על סיכוייו להתקבל לכהונת הרבנות. מבין המועמדים נתקבל לבסוף ר׳ יעקב־יוסף בריקמן, בנו של ר׳ יהושע בריקמן מהעיר גריצה הסמוכה לורשה.

הרב בריקמן היה אז אברך בגיל עשרים וארבע או עשרים וחמש שנה, הופעתו נאה, מעוטר בזקנקן שחור ולו זוג עיניים בוערות, השובות את לב בן שיחו במבט ראשון. הבעת פניו העידה על הפיקחות שניחן בה, ובקסמו האישי שבה את לבם של כל תושבי המקום.

הרב בריקמן היה תלמיד מובהק של הרבי מאוסטרובצה, שהיה מפורסם בשם: „העילוי האוסטרובצאי״ (דער אָסטראָווצער עילוי).

לרב מאוסטרובצה יצאו מוניטין כ„סיני ועוקר הרים״. ספריו של הרב האוסטרובצאי מצטיינים בחריפות ובעמקות מחשבה. שיטת הפלפול היתה מקובלת בבית מדרשו של הרב מאוסטרובצה; פלפוליו הצטיינו בהגיון בריא והפליאו את עולם הלמדנים בברקי המחשבה שבהם.

שיטת הפלפול היתה משום כך חביבה גם על הרב בריקמן, ועל אף בקיאותו הרבה בכל מכמני הספרות התלמודית, אהב לתרץ קושיות שונות בש״ס בדרך הפלפול

כותב השורות האלו זכה בגיל ארבע־עשרה — שש־עשרה להמנות על תלמידיו של הרב. זכורני שפעם יצאנו, אני והרב, לטיול, אחרי שגמרנו את השיעור היומי בגמרה (למדנו אז את הסוגיה של „מודה במקצת הטענה״ במסכת בבָא קמא). עברה לפנינו כרכרה הדורה, רתומה לשני סוסים צחורים, שהשתייכה לבעל האחוזה שבסביבה, כשעל דוכנה ישב העגלון, חבוש כובע שחור מבריק, ועטוף בגלימה שחורה עם כפתורים נוצצים.

הרב פנה אלי בשאלה:

„איך אפשר להסיק מהעגלון הזה שמודה במקצת הטענה חייב בשבועה ?״

נתתי בו זוג עיניים תמהות...

כשראה שאני נמצא במבוכה, שאל שאלה שניה שפתחה פתח לפתרון השאלה הראשונה:

„מדוע העגלון הזה לובש את התלבושת המיוחדת עם הכפתורים הנוצצים?"

שאל ומיד ענה:

„העגלון לובש את תלבושתו המיוחדת בגלל הדין (הנוהג) המקובל בחוגים של בעלי האחוזות, המחייב את העגלון ללבוש תלבושת כזו ו„דינא דמלכותא דינא"...

מכיון שמצא את קצה החוט כבר לא היה קשה בשבילו להמשיך ולשזרו כיד כשרונו וחריפות מוחו. הוא ציטט מאמרים וכללים מש"ס ופוסקים ששולבו אחד לתוך השני עד שהגיע לשלובו של הכלל ש„מודה במקצת הטענה חייב בשבועה".

המסקנה הסופית היתה „הא בהא תליא": אם „דינא דמלכותא דינא", הדין הוא שמודה במקצת חייב בשבועה, ואם „דינא דמלכותא לא דינא" — היה מודה במקצת פטור משבועה...

היה זה אצלו מין בדור ושעשוע בזמן הטיולים, לשם חדוד מוחין ופיתוח כושר התפיסה אצל תלמידיו.

הרב בריקמן היה מפורסם בקרב חוגי הסוחרים כיהודי פיקח, ולעתים תכופות הוזמן על ידי סוחרים ואנשי תעשיה, לשמש כבורר בסיכסוכים כספיים מסובכים.

היה חביב על התושבים היהודיים שבעיירה מכל החוגים. הוא הבין גם לרוחם של בני הנוער, שבאו לעתים תכופות להתיעץ אתו או לבקש עזרתו בענינים משפחתיים אינטימיים.

שתיים מבנותיו השיא לבני רבנים: בתו הבכורה חיה׳לה, נשאה לבנו של הרב מרדזימין, ובתו השניה רבקה׳לה, נשאה לבנו של הרב מיאנוב. חתנו זה שימש ברבנות בעיר זו אחרי פטירתו של אביו.

הרב בריקמן ישב על כסא הרבנות בעיר טלושטש קרוב לשלושים שנה (1912 — 1942) עד שבא הכורת הנאצי וגדע את האילן.

יהי זכרו ברוך לנצח!

חנוך פרל

יצחק צהובי (ז'ולטי) — תל־אביב

זכרונות



בבואי לתאר את טלושטש, העיירה הקט־נה בה נולדתי וחייתי את שנותי הראשונות, איני יכול שלא להתחלחל בזכרי כי עיירה שלוה זו — על רחובותיה ומבואותיה הקט־נים, על ההווי המיוחד של עיירה יהודית טיפוסית — חרבה ואיננה עוד.

כארבעים שנה עברו מאז ראיתיה לאח־רונה, בתור צעיר ואולי עוד נער. מחלון הרכבת השקפתי על העיירה השלווה ביודעי לבטח כי זו לי הפעם האחרונה שאני רואה אותה. יצאתי אז בדרכי לארץ־ישראל, מתוך הכרה עמוקה כי זה מקומי. אולם זכרונות ילדות ונערות לא במהרה יחלפו והם עדיין טריים וצורבים. רוצה אני לנסות ולתאר את העיירה, להעלות קוים לדמותה.

העיירה היתה מרוחקת כשלושים קילומטרים מורשה הבירה. על פרשת דרכים שכנה. אין ספק כי מיקומה של העיירה וקרבתה לעיר הגדולה השפיעו על החיים הכלכליים והתרבותיים גם יחד.

רחוב אחד היה בעיירה שהיה ראוי לשם זה: רחוב קושצ'וסקי. סביבו היו מספר רחובות קטנים, סימטאות ומבואות בהם התגוררו יהודי העיירה, שהיוו כ־90% מכלל תושביה.

חיי היהודים התנהלו בתחום הצר של רחובות אלה ובשאר המוסדות

היהודיים האופייניים, כגון: בית הכנסת והשטיבלך, שבנוסף לתפקידם הדתי המוגדר מילאו תפקיד תרבותי בחיי העיירה.

רוב רובם של התושבים היהודיים התפרנסו ממסחר זעיר. היו אלה בעלי חנויות ברחובה הראשי של העיירה. חלק אחר התפרנס מנסיעות בין הכפרים ומסחר עם האיכרים בסביבה. חלק נכבד מבני הנוער הועסק במישרות שונות בורשה.

היה בעיירה מוסד בנקאי אשר חילק הלוואות לבעלי החנויות הקטנות ועזר להם לא במעט. המוסד עזר גם לשאר הנזקקים בעיירה.

גם חיים תרבותיים היו בעיירה, וקשה לצייר תמונה מלאה ושלמה ללא הזכרת משפחות כמו הכליזמרים והפוסטולקים. לא היתה שמחה בסביבה, כמו חתונה, ברית, או בר־מצוה, שתערך בלא נוכחותם. הכליזמרים היו ידועים ונוטלים חלק בכל שמחה בסביבה.

אבי ר׳ יעקב בן דב ז׳ולטי ז״ל נולד בעיירה סטניסלבוב שליד מינסק־מזובייצק ומשם עבר, אחרי נשואיו, לגור בטלושטש.

חיצוניותו היתה אהודה. גבה קומה היה ויפה תואר. ארשת פניו עדינה וטוב לבו קרן ממנו. שערו וזקנו שחורים ועיניו בוערות. מטבע ברייתו היה אדם ישר וטוב־לב, הנכון לבוא תמיד לעזרת הזולת, הן בעצה טובה והן בעזרה וסעד והיה מן האהודים והמכובדים שבתושבי העיירה היהודיים.

הוא נשא לאשה את נחמה, בתו של הרב מקלושין, ר׳ יעקב פרקל ז״ל, (המכונה יוקיל דיין), נכדתו של הרבי מז׳ליחוב ר׳ לייזר־ראובן ז״ל וע״י כך גדל יחוסו.

אבא ז״ל היה אברך שהתבשם בתורה וגמרא והיה מקפיד על קלה כחמורה ונמנה על חסידי פריסוב.

שלושה בנים ובת אחת נולדו לאבי ומשאת נפשו היתה לגדלם ולחנכם ברוח היהדות, לתורה, למצוות ולמעשים טובים. אולם הגורל רצה אחרת.

בשנת 1917, אחרי גמר מלחמת העולם הראשונה השתוללה בערי פולניה מגיפת הטיפוס שהפילה הרבה חללים. מחלה זו הכריעה לשאול גם את אבינו היקר באדם והוא עדיין בדמי ימיו!

בן שלושים וחמש היה במותו (כ״ג סיון תרע״ז — 1917) תנצב״ה.

חנות הגלנטריה של אמי, נחמה ז'ולטי, שכנה לא הרחק מתחנת הרכבת. למעשה, עם היציאה משטח התחנה נתקלו העיניים בחנות הקטנה.

אמי היתה אשה ממוצעת קומה. כשנתאלמנה בצעירותה, נותרה עם ארבעה ילדים רכים הזקוקים לעזרתה. הבכור, מנדל, היה כבן שלוש־עשרה כאשר נתייתם מאביו. שני לו היה משה, כבן עשר, אני בן השבע ובת הזקונים חינקה היתה עדיין תינוקת בת ארבע שנים בלבד. במות אבי נותרה אמנו בחוסר כל. המעט שהיה הוציאה על רופאים ותרופות לחולה, כך שלא נותרה לאמי הברירה, אלא לעמוד משעות הבוקר המוקדמות ועד שעות הליל



הגב' ז'ולטי ומשפחתה על־יד חנותה
די פרוי זשולטי און איר משפחה ביי זייער געשעפט

המאוחרות בחנותה, בציפיה לקונים אשר יאפשרו לה לכלכל את ילדיה. העבודה הקשה הכבידה עליה לא במעט. ידיה היו לא פעם נפוחות מקור.

הילדים התבגרו והחלו לעזור לאם בעבודתה. החנות התפתחה והתרחבה וכללה סחורות משובחות וטריות אשר הייתי מביא יום־יום מן העיר השכנה. למעשה ידוע היה בעיירה כי בחנותה של אמי ניתן לרכוש סחורה משובחת וטריה.

הרווחה הכלכלית איפשרה לנו, הילדים, לנוח מעט מן העסקים החמריים ולעסוק אף בעניני הרוח. אחי הבכור, מנדל, עמד בראש התנועה הציונית אשר החלה להכות שורשים בעיירה הקטנה. היה זה טבעי שהתנועה הציונית

תמצא את דרכה אף לעיירתנו. באותה תקופה צצו תנועות נוער ציוניות בכל רחבי מזרח אירופה. הן קראו לנוער היהודי לפתח יוזמה ולפעול לשם עלייה לארץ ישראל. לא תמיד ניתן הדבר להעשות מיד, עקב סיבות רבות, ואולם התנועות האלו הקימו מועדונים, אירגנו פעולות תרבותיות וחברתיות, הרצאות, סרטים, מחזות וטיולים, ולמעשה הביאו את תרבות העיר הגדולה אל העיירה הקטנה.

דרכה של הציונות לא היתה סוגה בשושנים. לפחות לא בטלושטש. שכן עיירתנו, כמו עיירות אחרות, נשאה אופי דתי. פרנסי העיירה וזקניה לא ראו את הרעיונות הציוניים בעין יפה, ואף ראו בהם אפיקורסות וכפירה ביסודות הדת. קריאותיהם, ודרשתו הנרגשת של הרב, עוררו את ההורים אשר אסרו על בניהם — ובעיקר על בנותיהם — לבקר במועדון אשר הוקם בעיירה.

זכור לי היטב ערב פתיחת המועדון. מרבית צעירי העיירה וצעירותיה נמצאו בו. בעוד שהנוער נמצא בפנים, נמצאו ההורים — ובעיקר הורי הבנות — בחוץ וקראו להן לעזוב את ה„אורגניזציה" הזאת. מול ההתנגדות העצומה הזאת לא עמדו רבים מן החברים, והפסיקו את פעילותם בתנועה.

אך למרות ההתנגדות העצומה, החלו אף המבוגרים להבין כי לא יתכן שבעיירה המרוחקת רק כשלושים קילומטרים מורשה הבירה, לא ימצא אפילו מועדון אחד אשר בו ימצא הנוער את מקומו; מועדון בו יוכלו לשוחח בינם לבין עצמם, לקרוא ספר או לעיין בעתון.

איני יודע מה בדיוק גרם לכך שההתנגדות רפתה במקצת; אולי הפחד שאורותיה של ורשה יקרצו לנוער בעיירה וסכנת הכפירה תהיה הרבה יותר ממשית. בכל אופן, מועדון „הנוער הציוני" פתח בפעילות. התחלנו, קבוצה קטנה של בחורים צעירים, לארגן את פעולות המועדון. למעשה, לאחר שרפתה במקצת ההתנגדות, הוחלט לארגן מחדש את הפעולות. את בני הנוער משכנו אל המועדון בהבטחות רבות, ממש תעמולה. אולם יש לציין, כי ההבטחות לא נשארו בגדר דיבורי סרק בלבד, אלא אורגנה תכנית רבגונית וענפה.

כשלושים בני נוער, חברי המועדון בראשית פעולתו, התאספו שלוש פעמים בשבוע על מנת להאזין להרצאות בכל מיני נושאים הקשורים בציוניות וידיעת ארץ ישראל (גיאוגרפיה, היסטוריה; המצב הנוכחי:

תושביה, מצבה המדיני וכו׳). כמו כן פעל במסגרת המועדון חוג דרמטי, אשר העלה הצגות בהצלחה מרובה. כמעט כל שלושה חודשים הועלתה הצגה חדשה. באמצעים אלה משכנו נוער רב ומוכשר מן השיכבה הפועלית שהיתה אז בעיירה. קשה לי שלא להזכיר את יעקב פוסטולסקי, בנו של איצי פוסטולסקי, אשר היה מוכשר מאד כשחקן. (ומי מאתנו אינו זוכר את משחקו ב„גאט, מענטש און טייוול״).



בני הנוער הברי המועדון
עומדים מימין לשמאל: גוטמן פלטקובסקי, מרים זלוטובקה, יעקב פוסטולסקי (בישראל), מרים קונסטנטינובסקי, משה פלטקובסקי (בארגנטינה)
יושבים: יונה רדזימינסקי, שמחה ברגמן (בישראל) יוסיל זלצמן ואפרים ברגמן

לא רק בחורים הצטרפו למועדון — אף בנות ישראל הכשרות, הנשמרות בחדרי חדרים ע״י הוריהן, מצאו את הדרך להגיע אלינו ואפילו השתתפו בכמה הצגות שהעלינו.

כאן יש להזכיר את פעילותו הברוכה של יהודה רוזמינסקי בהקמת המועדון ובהפעלתו. הוא אירגן, שמר ודאג ללא לאות, ביום ובלילה, לפעילות

המועדון. אמנם היו גם אחרים אשר עזרו בידו, אולם עיקר הפעולה היתה שלו. למעשה איני בטוח שבלעדיו יכולנו לעמוד בהפעלת המועדון.

מן הראוי אף להעלות את זכרו של אייזיק קונסטנטינובסקי. היה בחור חזק מאד, ובעזרתו ניתן היה לפעול למען הקרן הקיימת לישראל אף בתוך תחומי בית הכנסת, למרות התנגדותם העזה של החסידים. אלה פשוט יראו לומר לנו מלה, כי נפל עליהם מוראו של אייזיק.



קבוצת הברים מהנוער הציוני

ראשוני העולים ארצה מבין חברי המועדון היו שלושה: יהודה רזדמינסקי, אלתר וולך (בן יהודה) ואני. נמצאים כיום בארץ כעשרה אנשים מחברי המועדון אשר מילטו נפשם מן השואה, אולי בזכות קן זה של התנועה הציונית.

אולי הודות לרעיונות שניטעו בי במועדון זה יכול אני לשבת כיום ולהעלות זכרונותי על הנייר, ולהעמיד נר זיכרון לאלה שאינם עוד.

ישראל גולדווסר — תל־אביב

פרעות

את טלושטש אני זוכר מלפני חמישים וחמש שנה, עת הייתי תלמידו של הרב בריקמן זצ״ל, והתאכסנתי אצל אחותי ובעלה יעקב שפרן הי״ד. הייתי אז בן שתים־עשרה והרשמים שנחרתו עמוק בלבי היו מהפוגרום שערכו חיילי הצאר בתחילת מלחמת העולם הראשונה, בשנת 1914.

רכבת עם חיילים עצרה בתחנת טלושטש, והחיילים ניצלו את שעות ההמתנה לעריכת פוגרום ברכושם של היהודים. הם עשו זאת בעזרתם של תושבי המקום הפולנים, ששׂשׂו לקראת הביזה. חיש מהר נסגרו החנויות ובעליהם התחבאו מפחד השודדים. החיילים, בעזרת הפולנים, פרצו את דלתות החנויות ובהנאה סדיסטית ובצעקות פראיות התחילו להוציא את הסחורות ולזרוק אותן ישר לידיהם של הפולנים, שכניהם של היהודים בעלי החנויות. מה שלא הספיקו לבזוז רמסו ברגלים.

לעולם לא אשכח את חוסר הישע ואת העינים הנפחדות של אחותי ובעלה, שעמדו בפינה ועיניהם מופנות לאבינו שבשמים, שיעזור להם במצוקתם. אבל אין פוצה פה ואין מושיע. תוך כמה רגעים הרסו הקלגסים רכוש שנרכש בעמל רב וביזע במשך שנים. מחנות אחת הלכו לשניה, עד שרוקנו והרסו כמעט את כל החנויות ברחוב הראשי של העיירה.

את התמונה המזויעה הזאת לא אשכח לעולם. זוהי משמעותה של הגלות!

שני אישים

משני אישים בטלושטש התרשמתי במיוחד; הראשון היה הרב המקומי, מורי ורבי הרב בריקמן זצ״ל. איש אציל רוח, חכם ונבון, בר־אורין גדול,

עמקן ופרשן בחסד ובעל רגש דתי עמוק. זכורני שפעם, בערב ראש־חודש אלול, הרב, שלא כדרכו לשבת ליד השולחן, אמר את השעור בשכבו על הספה וניכר שתקפתהו חולשה רבה. שאלתי את גיסו, שלמד ביחד אתי, לפשר חולשתו והוא השיב לי שהרב נוהג לצום יומיים רצופים מערב ראש־חודש אלול, מבלי לטעום אוכל ומשקה אפילו בערב. הושפעתי מאד מאישיותו ומאצילות רוחו.

האישיות השניה שהשאירה עלי רושם בל ימחה היה ר׳ מנחם פרל ז״ל, שנקרא אז ר׳ מנדל ווארשעווער. יהודי פיקח ונבון, בעל חוש נדיר ובעל תפילה מחונן. ניחן באינטליגנציה טבעית והיה מלא חדוות חיים. עוד נשאר בזכרוני נגונו ששר בתפילת „אל אדון על כל המעשים״ בשחרית של שבת. ניגון לירי, מלא געגועים.

איפה הם היהודים הלבביים והפיקחים האלה?
חבל על דאבדין ולא משתכחין.

דער פאגראם אין טלושטש אין יאר 1914

דאָס קליינע שטעטעלע טלושטש. נעבן וואַרשע, געדענק איך פון 55 יאָר צוריק, ווען איך בין געווען אַ תלמיד ביים אָרטיקן רב, הרב ר׳ יעקב יוסף בריקמאַן ז״ל הי״ד און איך האָב זיך דאָן אויפגעהאַלטן ביי מיין שוועסטער און שוואָגער יעקב שאַפראַן ז״ל.

איך בין דאַן געווען נאָך אַ יינגער בחור פון אַ יאָר 12, און די שווערע און פיינלעכע איבערלעבענישן מיינע פון יענע צייטן פון דער ערשטער וועלט־מלחמה אין דעם שטעטעלע טלושטש, ווו איך האָב בייגעוווינט דעם פאַגראָם, וואָס די צאַרישע זעלנער האָבן דאַן דורכגעפירט אין שטעטל — האָבן זיך טיף איינגעקריצט אין מיין זכרון.

דער פאַגראָם איז פאָרגעקומען ביי פאָלגנדע אומשטענדן: דאָס איז געשען אין אַ זומער־טאָג. אַן עשאַלאָן מיט זעלנער האָט זיך פאַרהאַלטן אויף דער טלושטשער באַן־סטאַציע, דאָרט געבליבן שטיין בערך 6 — 5

שעה און אין דער צייט אַדורכגעפירט אַ פּאָגראָם אין דעם יידישן קוואַר־טאַל, ביי דער מיטהילף און העצע פון פּוילישע איינוווינער, וועלכע האָבן גענאָסן פון דעם רויב. שנעל האָבן די יידן געשלאָסן זייערע קראָמען און זיך באַהאַלטן אין זייערע הייזער אונטער פאַרשלאָסענע און פאַרריגלטע טירן. די צאַרישע סאָלדאַטן, מיט דער הילף פון די פּאָליאַקן, האָבן אויפ־געבראָכן די לאַדנס און די טירן פון פיל יידישע געשעפטן, און מיט אַ סאַדיסטישער הנאה און ווילדע געשרייען אַנגעהויבן אַרויסצוואַרפן די סחורות גלייך אין די הענט אַריין פון זייערע מיטהעלפער. וואָס זיי האָבן נישט געקענט אַרויסנעמען פון די געשעפטן, האָבן זיי מיט די פיס צעטרעטן.

איך וועל קיינמאָל נישט פאַרגעסן דאָס קאָשמאַר־בילד, זעענדיק ווי מיין שוועסטער און שוואָגער שטייען אין אַ ווינקל, מיט דערשראָקענע אויגן און קוקן זיך צו דער הילפסלאָז צו דער וואַקכאַנאַליע פון רויבן און פּלינדערן זייער האָב און גוטס.

אין פאַרלויף פון מינוטן האָבן די פּראַיים אַ תל געמאַכט פון יידיש פאַרמעגן, וואָס איז דערוואָרבן געוואָרן מיט שווערע אַרבעט און שווייס אין משך פון פיל יאָרן.

אַזוי זענען זיי געגאַנגען פון איין געוועלב צום צווייטן, אויפגעבראָכן לאַדנס און טירן, גערויבט און חרוב געמאַכט, ביז זיי האָבן אויסגעליידיקט די יידישע געשעפטן פון דער הויפּט־גאַס פון שטעטל, וואָס האָט זיך געצויגן פון דער באַן־סטאַציע, לענגאויס דער שטאָט.

צוויי פּערזענלעכקייטן

פון צוויי פּערזאָנען אין טלושטש בין איך געוואָרן ספּעציעל באַ־איינדרוקט: פון דעם אָרטיקן רב, מורי ורבי הרב ר׳ יעקב יוסף בריק־מאַן זצ״ל. אַ גרויסער תלמיד־חכם, אַ תלמיד פון דעם אין פּוילן באַקאַנטן גאון און צדיק, דעם אָסטראָווצער רבין (דער אָסטראָווצער עילוי) און דערצו

איז ער געווען אַ ייד אַ חכם, צו וועמען מ׳פלעגט קומען זיך שואל עצה זיין אין פאַרשידענע געשעפטלעכע און פאַמיליען ענינים. ער איז געווען אַ מענטש פון שטאַרקן און טיפן גלויבן.

איך דערמאָן זיך אַן אָוונט פון יענע צייטן, ווען איך האָב ביי אים געלערנט דעם שיעור גמרא, דאָס איז געווען ערב ראש חודש אלול. דער רב האָט געזאָגט דעם שיעור מיט זייער אַן אָפּגעשוואַכטער שטימע, נישט ווי זיין שטייגער ביים טיש, נאָר ליגנדיק אויף דער סאָפע. איך האָב גע־פרעגט זיין שוואָגער, וועלכער האָט דעמאָלט געלערנט צוזאַמען מיט מיר, וועגן דער סיבה פון זיין שוואַכקייט. ער האָט מיר דערקלערט, אַז הרב בריקמאַן ז״ל איז זיך נוהג, שוין לאַנגע יאָר, לגמרי צו פאַסטן גאַנצע צוויי מעת־לעת, פון ערב ר״ח אלול.

די צווייטע פערזענלעכקייט, וועלכע האָט אויף מיר געמאַכט אַ טיפן איינדרוק, איז געווען ר׳ מענדל פערל ז״ל — אָדער ווי מ׳פלעגט אים אין יענער צייטן רופן: ר׳ מענדל וואַרשעווער. — ער איז געווען אַ ייד אַ פקח, מיט אַ שטאַרק אַנטוויקלטן און זעלטענעם חוש פאַר הומאָר, אַ פיינער בעל־מנגן און אַ בעל־תפילה בחסד מיט אַ חסידישן ברען און סובטעלן ליריזם.

עס איז נאָך געבליבן אין מיין זכרון דער טעם פון דעם ניגון, פון „אל אדון על כל המעשים״ אין די שבתדיקע שחרית תפילות, וואָס האָט אין זיך געהאַט אַ סובטעלן ליריזם און אויסגעדריקט די שטאַרקע בענק־שאַפטן.

ווו זענען זיי היינט די דאָזיקע האַרציקע און פקחותדיקע יידן?
חבל על דאבדין ולא משתכחין!
השם ינקום דמם!

(פון עברית: חנוך פערל)

גד פלשוה — תל־אביב
(לשעבר ראש קיבוץ הכשרה בר־כוכבא בטלושטש)

קיבוץ הכשרה בר־כוכבא



במשך שבע־שמונה השנים ש־לפני פרוץ מלחמת העולם השניה, התקיים בטלושטש קיבוץ הכשרה מטעם מפלגת הציונים הכלליים, המכונים: „יודנשטטלר". מעל שער הכניסה לקיבוץ התנוסס שלט גדול ועליו כתובת: „קיבוץ הכשרה בר־כוכבא בטלושטש".

הקיבוץ שכן בצריף עץ גדול בקצה העיירה. חבריו מנו כחמי־שים־שישים איש. מבחינה מספרית היה כמעט שווי משקל בין הבנים והבנות.

קיומו של הקיבוץ היה מבוסס על עבודה עצמית של חבריו. הקיבוץ לא קיבל שום סיוע כספי לצרכי החזקתו, לא ממפלגת הגרוסמניסטים ולא ממוסדות אחרים של ההסתדרות הציונית. חברי הקיבוץ הסתדרו בעבודות שונות אצל יהודי המקום. הבחורים עבדו בעבודות השחורות, אולם הבנות הסתדרו בעיקר אצל משפחות יהודיות, כעוזרות בית או כמטפלות לילדיהן.

בטלושטש לא היה שום בית חרושת או בית עסק גדול, שבהם היו החברים יכולים להסתדר בעבודה קבועה, כדי להבטיח את קיומו של הקיבוץ.



חברי קבוץ הכשרה בר־כוכבא בטלושטש. במרכז (מצד שמאל) מרדכי לרנר ז"ל
חברים פון קבוץ בר־כוכבא אין טלושטש. אין צענטר פון דער ערשטער ר״י לינקס — מרדכי לערנער הי"ד

היו זמנים, ולעתים די קרובות, שחלק גדול מהחברים היו מחוסרי עבודה, ובאין עבודה בחוץ השתרר המחסור בפנים. לא אחת קרה שהקיבה היתה תובעת את שלה, אולם בידך לא היתה אפילו פת חרבה להשקיט את רעבונה.

מבין מקומות העבודה של חברי הקיבוץ זכורים לי במיוחד שני מקומות, שהיו שונים זה מזה במהותם:

הראשון היה בית הבד, שהיה שייך ליהודי מזוקן מתושבי טלושטש, גבוה וצנום, אשר שמו נשכח ממני. בבית הבד עבדו כמה מחברי הקיבוץ. העבודה היתה קשה ומפרכת והשכר היה נמוך. נוסף לזה, אשתו של בעל המפעל היתה יושבת כמעט כל היום בבית הבד, ושמה עין מפקחת על הבחורים, שלא יעשו חס וחלילה את מלאכתם רמיה...

בחורי הקיבוץ לא הלכו בחשק רב לעבודה במפעל זה. את התוצרת של „בית החרושת" (נוזל סמיך ושחור) — אשר ברמתה הטכנולוגית לא עלתה על זו שהיתה בימיו של אברהם אבינו — קנו האיכרים מכפרי הסביבה. היו גם כאלה מבין האיכרים שהביאו בעצמם לבית הבד את גרעיני הפשתן שלהם, כדי לייצר את שמנם הם.

המקום השני היה מחסן עצי הבנין של ר' מנדל פרל ז"ל. ר' מנדל פרל נחשב לתושב העשיר ביותר בקרב האוכלוסיה היהודית בטלושטש. שמו נודע לתהילה בכל הסביבה כסוחר יערות ועצים וקבלן בנין, וכאיש הגון ללא דופי. ר' מנדל היה גם איש ציבור, ייצג את התושבים היהודיים במוסדות המוניציפליים והקהילתיים. שנים רבות כיהן כראש הקהילה היהודית והיה מכובד מאד גם על התושבים הפולנים.

רבים מהבחורים של קיבוץ בר־כוכבא עבדו במחסנו של מר פרל, והלכו לעבודה זו בחשק רב, משני טעמים: התשלום והיחס. השכר בעד יום עבודה אצל מר פרל היה בשיעור המתקבל על הדעת, ולפעמים אפילו למעלה מזה. ומלבד זה, גילה ר' מנדל פרל יחס מיוחד לעובדים חברי הקיבוץ. יחסו היה לפעמים פשוט אבהי, ונבע מתוך הכרה שהוא מסייע לבנים המתכוננים לעלות ולבנות את הארץ. חברי הקיבוץ הרגישו את עצמם שם חופשים בעבודתם, והיו משוחררים ממחשבה שמישהו עוקב אחריהם, כמו בעבודתם

בבית הבד. אריה, בנו של ר׳ מנדל, שהיה מנהל את עסקי אביו, נמנה על אוהדינו ויחסו היה טוב במיוחד כלפי חברי בר־כוכבא שעבדו שם.

בדרך כלל נהנו חברי בר־כוכבא מיחס אוהד בקרב האוכלוסיה היהודית בטלושטש. בני הנוער היו מבקרים לעתים תכופות בקיבוץ. במיוחד השתתפו בנשפים התרבותיים שנערכו מדי פעם בקיבוץ.

ליחס מיוחד וחברי זכו חברי הקיבוץ מצד תושב אחד של העיירה, מרדכי לרנר הי״ד. מרדכי לרנר היה בעל מסעדה ואולם למשחקי ביליארד בעיירה. חברי הקיבוץ היו מבלים אצלו בשעות הפנאי, בעיקר בערבים. גם ביתו הפרטי היה פתוח בפני החברים שלנו, והם הרגישו שם את עצמם כבתוך ביתם. מרדכי היה מבקר דרך קבע בקיבוץ, ותמך באונו ובהונו בכל המשימות. אפשר לראות אותו בהרבה תמונות קבוצתיות, שצולמו בשטח הקיבוץ.

בערך בשנת 1936 חיסל לרנר את עסקיו בטלושטש ועלה ארצה עם בני משפחתו. בארץ נפגשתי אתו פעמים מספר. לאסונו ולאסונם של כל יודעיו ומכריו, לא יכול להתגבר על קשיי הקליטה ועל פיתויי בני משפחתו, החליט לשוב לגיהינום הפולני ושילם מחיר יקר מאוד בעד הצעד הזה.

על אף אהדתם של תושבי העיירה היהודים נגרמו לנו מדי פעם אי־נעימויות מצד יחידים. במיוחד סבלנו מהטרדות של אשה זקנה שהיתה עוקבת אחרינו. הגברת הזאת, שגרה לא רחוק מקיבוץ בר־כוכבא, היתה פונה לרב המקומי, הרב בריקמן ז״ל, בתלונות שונות ומשונות על הקיבוץ או על חברים בודדים. פעם — כך טענה בפני הרב — ראתה בשבתות עשן עולה מארובת בית הקיבוץ, סימן שמסיקים את התנור, או שמבשלים במטבח. פעם אחרת התלוננה בפני הרב, שראתה בחור מהקיבוץ, לבוש במעיל עור ארוך (סימן היכר של רוב חברי הקיבוץ), כשהוא נכנס לתוך הנקניקיה של הגוי הפולני — סימן שהבחור קנה קתלי חזיר בשביל הקיבוץ...

למשמע התלונות היה הרב בריקמן ז״ל מזמין אותי, כראש הקיבוץ, לביתו לשיחה. (יותר נכון: לחקירה ודרישה). הרב בריקמן היה יהודי פיקח ונעים שיחה. בשיחותיו אתי השתמש במקל נועם — בהטפה עדינה ונעימה — והיה נזהר מכל פליטת פה קלה שיכולת לראות בה פגיעה. בגמר השיחה

היה מושיט לי את כף ימינו הענוגה ולוחץ ברוך את ידי כששמאלו טופחת בחיבה על שכמי.

הקיבוץ, אשר רוב חבריו היו רחוקים מלהיות דתיים, ניהל מטבח כשר, אף כי לא למהדרין מן המהדרין. השתדלנו לא לפגוע ברגשותיהם של תושבי העיירה היהודיים, שברובם המכריע היו דתיים. כראש הקיבוץ הקפדתי שבין



קורס לתפירה בקבוץ בר־כוכבא בהדרכת גולדה וולך (במרכז מצד ימין) ה״יד
א נייטארן־קורס אין קבוץ בר־בוכבא אונטער דער א:פירונג פון גאלדע וואלאך הי״ד

החברים לא יהיו פורצי גדר... היום אפשר לספר שכראש הקיבוץ, הייתי שולח בשבתות קבוצת חברים לבית הכנסת להשתתף בתפילות...

בשנת 1935 הגיע תורי לעליה, על סמך רשיון (סרטיפיקט), שאושר ע״י מרכז התנועה בשביל חבר קיבוץ בר־כוכבא.

קיבוץ בר־כוכבא התקיים בעיירה טלושטש עד לפרוץ המלחמה בספטמבר 1939. אז התפזרו החברים, בנוסם, מתוך בהלה, למקומות מגוריהם של הוריהם.

גורלם נחרץ כגורל כל אחיהם היהודים שנשארו בפולין.

יהי זכר כולם ברוך לנצח.

הכשרה קיבוץ „בר־כוכבא"

במשך פון די לעצטע 7—8 יאָר, פאַר דעם צווייטן וועלט־קריג, האָט עקזיסטירט אין שטעטל טלושטש (35 קילאָמעטער נעבן וואַרשע) דער הכשרה קבוץ פון דער גראָסמאַניסטישער פאַרטיי (די אַזוי גערופענע „יודנשטאַטלער") אונטערן נאָמען: „קבוץ הכשרה בר־כוכבא בטלושטש". דער קבוץ האָט זיך געפונען אין אַ הילצערנער הייזקע הינטער דעם שטעטל, און ער האָט געציילט פון 50 ביז 60 חברים, בחורים און מיידלעך. דער קיבוץ האָט זיך געדאַרפט אויסהאַלטן פון אייגענער אַר־בעט, און ר'האָט נישט באַקומען קיין שום פינאַנסיעלע אונטערשטיצונג, נישט פון דער גראָסמאַניסטישער פאַרטיי און נישט מצד אַנדערע ציוניסטישע אינסטיטוציעס. אונדזערע בחורים האָבן זיך איינגעאָרדנט מיט אַרבעט ביי פאַרשידענע אַרטיקע יידישע אונטערנעמונגען, דאַקעגן די מיידלעך פלעגן צום מערסטנס זייז באַשעפטיקט ביי יידישע משפחות אַלס שטוב־מיידלעך, אָדער אַלס דערציערינס פון זייערע קינדער.

דאָס שטעטל טלושטש האָט נישט פאַרמאָגט קיין יידישע פאַבריקן, אָדער גרעסערע יידישע אונטערנעמונגען, ווו אונדזערע חברים זאָלן זיך קאָנען איינאָרדענען מיט סטאַבילער אַרבעט, דעריבער זענען די אַרבעטס־מעגלעכקייטן פון קיבוץ בר־כוכבא געווען שטאַרק באַשרענקטע. עס זענען געווען צייטן ווען אונדזערע בחורים האָבן זיך אַרומגעדרייט אַרבעטסלאָז. איבערהויפּט איז דער מצב געווען אַ שווערער אין די ווינטער־חדשים. דאַן זענען געווען טעג, ווען מיר האָבן פשוט געליטן

הונגער און קעלט. פון צווישן די אַרבעטס־פּלאַצוווקעס פון אונדזער חברה זענען מיר איינגעקריצט אין זכרון באַזונדערס דריי פּלעצער, וועלכע זענען געווען פאַרשידנאַרטיק אין זייער מהות.



קבוץ בר־כוכבא בטלושטש במרכז ראש הקבוץ גד פלדשוה (בישראל)
קבוץ בר־כוכבא אין טלושטש אין צענטר דער ראש הקבוץ גד פעלדשוה (אין ישראל)

א) די אייל־פּאַבריק

די אַלעיאַרניע האָט געהערט צו אַ טלושטשער יידישן בעל־הבית, וועמענס נאָמען איך האָב שוין פאַרגעסן. איך געדענק בלויז זיין אויס־זען: אַ הויכער, דאַרער ייד מיט אַ רויטלעכער באָרד. דאָרט האָבן געאַרבעט אייניקע פון אונדזערע בחורים. די אַרבעט איז געווען זייער אַ שווערע און אַ שוואַך באַצאָלטע. דערצו האָט נאָך זיין אשת־חיל,

וועלכע פלעגט אָפט זיצן אין דער „אַלעיאַרניע״ שטאַרק אַכטונג געבן, אַז אונדזערע בחורים זאָלן „כשר״ פאַרדינען זייער לוין... די בחורים פון קיבוץ פלעגן נישט מיט גרויס חשק גיין צו דער דאָזיקער אַרבעט.

די פּראָדוקציע פון דער דאָזיקער אייל־פאַבריק (אגב, אַ שוואַרצע און גערדיכטע מאַסע) פלעגט ווערן געקויפט דורך דער פויערישער באַפעל־קערונג פון די שכנותדיקע דערפער. טייל פויערים פלעגן אויך אַליין ברענגען זייער סחורה (שעמיע), כדי דאָרט צו פּראָדוצירן דעם אייל.

ב) דער האָלץ־סקלאַד פון ר׳ מענדל פּערל הי״ד.

ר׳ מענדל פּערל ז״ל איז געווען דער רייכסטער און אָנגעזעענסטער בעל־הבית פון שטעטל טלושטש. ער איז געווען שטאַרק פּאָפּולער אין יענער געגנט אַלס רעיעלער סוחר פון בוי־מאַטעריאַלן און בוי־אונטער־נעמער. אַ סך פון אונדזערע בחורים האָבן ביי אים גערן געאַרבעט. אַ חוץ דעם גוטן לוין, האָט מען זיי נישט עקספּלאָאַטירט. אונדזערע בחורים האָבן זיך דאָרט געפילט פריי. אויסער דעם איז ר׳ מענדל פּערלס זון, אריה (היינט אין ישראל), וועלכער פלעגט אָפט אָנפירן מיט דער אַרבעט אויף זיין פאָטערס האָלץ־סקלאַד, געווען אונדזערס אַ סימפּאַטיקער און האָט אין דער אונטערשטיצונג פון אונדזער קיבוץ געזען אַן אידעאישע אויפגאַבע.

ג) די ווינט־מיל פון ר׳ לייבל לערנער ז״ל

ר׳ לייבל לערנער ז״ל, ווי מ׳פלעגט אים רופן: ר׳ לייבל פּאָפּלינער, איז געווען אַ האַרציקער און ליבלעכער מענטש מיט אַ וואַרעם יידיש האַרץ. ער פלעגט זייער אָפט באַשעפטיקן אונדזערע בחורים ביי זיך אין דער מיל, און דאָס אַדאַנק זיינע טעכטער, סימפּאַטיקערינס פון אונדזער באַוועגונג, באַזונדערס האָבן מיר די אַרבעט געהאַט צו פאַרדאַנקען זיין טאָכטער תהילה (היינט אין ישראל).

טראָץ דעם, וואָס די אַרבעט אין אַ מיל געהערט נישט צו לייכטע באַשעפטיקונגען, זענען אונדזערע חברים מיט חשק אַהינצו געגאַנגען. ר׳ לייבל האָט זיך צו אונדזערע בחורים באַצויגן נישט ווי אַן אַרבעטס־

געבער, נאָר גלייך ווי זיי וואָלטן געווען קרובים און פלעגט זיי צאָלן זייער לוין מיט אַ ברייטער האַנט.

אין אַלגעמיין האָט אונדזער קבוץ געגאָסן פון דער סימפּאַטיע פון דער יידישער באַפעלקערונג אין טלושטש. די יוגנט פון שטעטל פלעגט אָפט באַזוכן אונדזער קבוץ, איבערהויפּט ווען מיר האָבן איינגעאָרדנט קולטורעלע אָוונטן.

אַ באַזונדערס חברישע און וואַרעמע באַציונג האָט צו אונדז אַרויסגעוויזן דער טלושטשער איינוווינער מרדכי לערנער הי״ד, וועלכער איז געווען אַן אייגנטימער פון אַ רעסטאָראַן און אַ זאַל פאַר בילאַרד־שפּילן. דאָרט פלעגט מען אָפט זען אונדזערע חברים אין זייער פרייער צייט. אויך די טיר פון זיין פּריוואַטער וווינונג איז געווען אָפן פאַר די חברים פון אונדזער קיבוץ. ה׳ מרדכי לערנער פלעגט זיין אַן אָפטער באַזוכער ביי אונדז אין קיבוץ און זיין אָפט מיט־פאָטאָגראַפירט מיט אונדזער קאָלעקטיוו.

מרדכי לערנער איז, בערך אין יאָר 1936, אוועק מיט זיין פאַמיליע קיין ארץ ישראל. איך האָב זיך מיט אים דאָ, אין לאַנד, אייניקע מאָל געטראָפן. ליידער האָט ער נישט באַוויזן געננג אויסדויער־קראַפט איבערצוטראָגן די ערשטע צייט פון קליטה־שוועריקייטן, און, ווי אַ סך אַנדערע פון יענער צייט, האָט ער פאַרלאָזט דאָס לאַנד און צוריק אַוועק קיין פּוילן. ווען ער האָט שפּעטער זיין דאָזיקן שריט באַדויערט, איז שוין קיין אויסוועג נישט געווען.

נאָך טראָץ דער אַלגעמיינער סימפּאַטיע פון שטעטל צו אונדזער קיבוץ האָבן מיר מאַנכעס מאָל געהאַט אויסצושטיין אומאַנגענעמלעכקייטן פון איינצלנע בעלי־בתים פון שטעטל, איבערהויפּט פון אַ שכנישער, פרומער יידישער פרוי. זי פלעגט לויפן צום אָרטיקן רב, הרב בריקמאַן ז״ל, מיט פאַרשידענע אַנקלאַגעס אויף אונדזער קיבוץ.

נאָך די אַנקלאַגעס פלעגט מיך, אַלס ראש הקבוץ, דער רב איינלאַדן צו זיך אויף אַ געשפּרעך (ריכטיקער אויף אַ חקירה ודרישה). דער רב בריקמאַן ז״ל איז געווען אַ ייד אַ פּקח, און יעדעס מאָל נאָך אונדזערס אַ געשפּרעך, פלעגט ער מיר, ביים אַוועקגיין, אויסציען אַ פריינטלעכע

האַנט און דערביי מיר געגעבן אַ גוטברודערישן קלאַפּ אויף דער פּלייצע. זיין באַנעמונג האָט געהאַט אַ סוגעסטיווע ווירקונג... אונדזער קיבוץ, וועמענס חברים זענען אין זייער גרעסטן טייל נישט געווען רעליגיעז, האָט געפירט אַ כשרע קיך. אמת, נישט „למהדרין מן המהדרין", אָבער מיר האָבן זיך באַמיט, מיט אונדזער אויפפירונג, נישט פּוגע זיין אין די געפילן פון דער אין רוב רעליגיעזער יידישער באַפעלקערונג אין שטעטל. אַלס ראש הקבוץ, האָב איך מקפיד געווען, אַז אין דער דאַזיקער הינזיכט זאָלן נישט זיין צווישן אונדזערע חברים קיין פּורצי גדר... אפילו אָפטמאָל אַ גרופּע געשיקט שבת אין שול אַריין צו די תפילות...

אין יאָר 1935 איז געקומען מיין ריי עולה צו זיין אויפן סמך פון אַ סערטיפיקאַט, וואָס איז געוואָרן צוגעטיילט דורך דער צענטראַלע פאַר דעם קיבוץ בר־כוכבא.

*

דער קיבוץ בר־כוכבא האָט עקזיסטירט אין שטעטל טלושטש ביז דעם קריגס־אויסברוך — סעפּטעמבער 1939. דאַן זענען זיך די חברים צעלאָפן, אין בהלה, יעדער צוריק אין זיין שטעטל, ווו עס האָבן געוווינט זייערע עלטערן און דאָרט האָט זיי נישט אויסגעמיטן דער גרויזאַמער טויט דורך דעם נאַצישן מלאך־המות.

יהי זכר כולם ברוך לנצח!

וה' ינקום דמם!

גד פלדשוה

חנוך פערעל — בני־ברק

מיינע חדר יארן און רביס אין טלושטש

ר׳ וועלוול מלמד.

ווען מיינע עלטערן האָבן זיך אין יאָר 1910 איבערגעצויגן פון וואַרשע קיין טלושטש, בין איך געווען אַ יינגל פון אַ יאָר זיבן. מיין פאָטער ז״ל האָט מיך איבערגעגעבן אין די הענט פון ר׳ וועלוול מלמד — דער דעמאָלט אַממערסטן אָנגעזעענער פון די מלמדים אין שטעטל.

ביי ר׳ וועלוולען האָב איך אָנגעהויבן צו לערנען חומש מיט רש״י — און שפּעטער אויך גמרא. ביי אים האָט אויך געלערנט משה זשולטי הי״ד, מיין חבר און פאַרטנער אין דעם שיעור גמרא. ער איז, מיט יאָרן שפּעטער, געוואָרן מיין שוואָגער (חתונה געהאַט מיט מיין עלטסטער שוועסטער מרים הי״ד).

ר׳ וועלוול איז געווען אַ שטאַרקער קפּדן און זייער שטרענג צו זיינע תלמידים. ער פלעגט גאַנץ אָפט זיך באַנוצן מיט דראַסטישע שטראָף־מיטלען. נישט איינמאָל איז אויסגעקומען אַ ווידערשפּעניקן תלמיד צו פילן אויף זיין אָנטבלויזטן לייב דעם טעם פון דער אַרויסגעצויגענער רוט פון בעזים.

ביי ר׳ וועלוול מלמד האָב איך געלערנט אַ צוויי־דריי יאָר, ביז מיין צעניעריקן עלטער. אָפטמאָל, אין שבתים, פלעגט ר׳ וועלוול קומען אויף אַ באַזוך צו אונדז אין שטוב אַריין, כדי מיך צו פאַרהערן אין דער אָנוועזנהייט פון מיין פאָטער ז״ל אין די קענטעניִשן פון חומש מיט רש״י, אָדער אין גמרא. אויך מיינע צוויי יינגערע ברידער, פינטשע און לייבטשע, זענען געווען זיינע תלמידים.

ר׳ וועלוולס אָפּטע שבתדיקע באַזוכן ביי מיין פאָטער אין שטוב פלעגן אַרויסרופן פאַרדרוס ביי אייניקע בעלי־בתים, וועמענס קינדער האָבן אויך געלערנט אין ר׳ וועלוולס חדר און זיך נישט אויסגעצייכנט מיט ספּעציעלע קענטענישן אין זייערע לימודים. די דאָזיקע בעלי־בתים פלעגן אים מאַכן פאַרווורפן, זאָגנדיק, אַז אַלע כוחות לייגט ער אַריין אין די קינדער פון ר׳ מענדיל וואַרשעווער (אַזוי פלעגט מען רופן מיין פאָטער) און פאַרנאַכלעסיקט די קינדער פון אַנדערע בעלי־בתים.

אין זיינע לעצטע יאָרן איז ר׳ וועלוול קראַנק געוואָרן אויף אַ שווערער האַלדז־קראַנקהייט, וואָס האָט אים פאַרקירצט זיינע יאָרן. ער איז געשטאָרבן אין יאָר 1923.

כבוד לשמו ולזכרו!

יחזקאל (כאַצקל) נאַפּאַרסטעק

מיין צווייטער רבי איז געווען ר׳ חאַצקיל נאַפּאַרסטעק, אַ יונגערמאַן אַ בן־שלושים, מיט אַ קורץ געל בערדל. ער איז אויך געווען אַ בעל־מנגן. ער האָט געשטאַמט פון מינסק־מאַזאָוויעצק, ווו עס איז פאַרבליבן זיין פאַמיליע. בערך ביי 10—11 יאָר האָב איך אָנגעהויבן לערנען ביי מיין פרישן רבין, און דאָרט געלערנט ביז דעם ערשטן וועלט־קריג (1914).

ר׳ חאַצקיל איז געווען אַ שיינער בן־תורה, אַ קעסט־יונגערמאַן. ווען עס איז געקומען די צייט טראַכטן וועגן תכלית ד. ה. צו ווערן אַ זעלבשטענדיקער מפרנס פון זיין פרוי און קינדער, האָט ער זיך גענומען צו מלמדות. איידער ער האָט אָנגענומען זיין מלמדות־שטעלע אין טלושטש, איז ער געווען מלמד אין שכנותדיקן דאָרף ביי אַ רייכן ייד.

ר׳ חאַצקיל האָט געגעסן קעסט ביי זיינע בעלי־בתים, ווי עס איז געווען אין יענע צייטן לגבי מלמדים, וועלכע מ׳האָט געבראַכט פון אויסער דער שטאָט. זיין שיטה אין לערנען חומש, לויט פרשת השבוע, האָט זיך אויסגעצייכנט מיט איר פּילפּאַרביקייט; ער פלעגט ציטירן פאַרשידענע פּרשנים מחוץ דעם פירוש רש״י. איך געדענק נאָך היינט, ווען ער האָט מיט אונדז תלמידים איינמאָל, פאַר תשעה באב, געלערנט „איכה״, האָט

ער פאַר אונדז ציטירט דעם תרגום יונתן, ווו עס ווערט בילדעריש געשילדערט די גרויזאַמע באַרבאַריזמען פון די רוימער, בעת דעם חורבן בית־המקדש. מיר האָבן זיך דעמאָלט שטאַרק פונאַנדערגעווײנט, גלײַך ווי מיר וואָלטן פערזענלעך דורכגעלעבט די תקופה פון חורבן הבית.

ווען עס איז אויסגעבראָכן דער ערשטער וועלט־קריג איז ר׳ חאַצקיל אַוועק צו זיין פאַמיליע קיין מינסק־מאַזאָוויעצק און מער קיין טלושטש נישט צוריקגעקומען. זיין ווייטערדיקער גורל איז מיר נישט באַקאַנט.

ר׳ אברהם ליבהאָבער

ווען איך האָב אָנגעהויבן צו לערנען ביי מיין דריטן און לעצטן מלמד אין טלושטש, ר׳ אברהם ליבהאָבער, בין איך געווען אַ בחור פון 12 יאָר.

ר׳ אברהם ליבהאָבער איז געווען דער איידעם פון ר׳ דוד ניימאַרק ז״ל. ביז דעם ערשטן וועלט־קריג, זייענדיק שוין אַ פאָטער פון 3—4 קליינע קינדער, האָט ער נאָך געגעסן קעסט ביי זיין שווער.

ר׳ אברהם ליבהאָבער איז שוין געווען אַ מלמד פון אַ גאַנץ אַנדערן טיפּ. ער איז געווען אַ פיינער תלמיד חכם, און צוגלייך אויך אָנגעשטעקט מיט דער מאָדערנער השכלה, און געהאַט ביי זיך אַ פיינע ביבליאָטעק פון העברעישע השכלה־ביכער. ביי אים האָב איך דאָס ערשטע מאָל געזען און געלייענט מאפו׳ס „אהבת ציון״ און „אשמת שומרון״, ווי אויך אַנדערע השכלה־ביכער. ער האָט מיר אויך געגעבן דעם דראַנג צו לערנען עברית און פויליש, לויט די באַרימטע אין יענער צייט העפטן „דער הויזלערער״ פאַר זעלבסט־בילדונג פון שפּראַכן, פון דעם מחבר ניימאַנאָוויץ (הנ״ץ), אַדאַנק וועלכע איך האָב אין אַ פאַרהעלטנישמעסיק קורצער צייט דעראָבערט באַדייטנדיקע קענטעניש אין די ביידע שפּראַכן.

ר׳ אברהם ליבהאָבער איז אויך געווען אַ פּלפּלן. ביי אים האָב איך געלערנט גמרא מיט תוספות און אַנדערע מפרשים. זיין שיטת הלימוד איז געשטאַנען אויף אַ העכערן ניוואָ. ער האָט מיך אויך צוגעגרייט צו מיין בר־מצוה און מיך אויסגעלערנט אַ פיינעם פּלפּול פון דעם אָסטראָווצער עלוי (אַזוי האָט מען גערופן דעם אָסטראָווצער רבין, וועלכער האָט געשמ׳ט אַלס גרויסער עלוי און פּלפּלן).

ר׳ אברהם ליבהאָבער האָט זיך נאָך דעם ערשטן וועלט־קריג איבער־געצויגן קיין וואַרשע, ווו ער האָט אַ ריי יאָרן אָנגעפירט מיט אַ טריקאָ־טאַזש־פאַבריקל ביי זיך אין שטוב, און אין אַ צייט שפּעטער איז ער אַוועק קיין בוענאָס־איירעס (אַרגענטינע) און אַהין אַריבערגענומען זיין פאַמיליע. פאַר איינִיקע יאָר צוריק איז ער דאָרט געשטאָרבן.

דער מרא דאתרא הרב בריקמאַן הי״ד


באַלד נאָך מיין בר־מצוה האָט מיך מיין פאָטער איבערגעגעבן אין די הענט פון אונדזער מרא־דאתרא, הרב ר׳ יעקב יוסף בריקמאַן, וועלכער האָט מיט מיר געלערנט פאַרשידענע סוגיות אין ש״ס, ווי אויך יורה דעה און חושן משפט. ביי אים האָב איך געלערנט ביז איך בין געוואָרן אַ יאָר 16.

הרב בריקמאַן ז״ל איז געווען, אויסער אַ גרויסער בקי אין ש״ס און פוסקים, אויך אַ ייד אַ פּקח, פּאָפּולער אין וואַרשעווער קרייז אַלס בורר אין גרויסע און קאָמפּליצירטע געשעפטלעכע דין־תורה׳ס, אָדער אין פאַמיליע־פּראָבלעמען.

יהי זכר כולם ברוך!

ד"ר ראובן בן־שם

לטלושטש הגיגי



טלושטש העיירה היתה ואיננה עוד. פולין, ארץ העיירות נגדעה ממפת העם היהודי. נעלמה ואיננה ולעולם לא תשוב להיות. לעולם פולין לא תלין יהודים בתוכה. לעולם לא.

נמחקה מדינת פולין, פה־לין, באבני שיש של מצבות יהודיות וגופות יהודיות וחיים יהודיים.

נמחקה ללא שוב. נפלה לא תוסיף קום לעולם כבר לא ישמעו בארץ פולין, בארץ מקלט־לינה לעם ישראל, הבל פיהם של תינו־קות בית רבן, ניגון „צאינה וראינה" וקריאת השמש „עורו יהודים מתרדמתכם", „עורו יהודים לסליחות", „יהודים לבית־הכנסת", שנזרקה לחלל העיירה בערבי שבתות בצומת דרכי העיירות. לא יקרע שלוות־שוא של לילות פולין ניגון תוגת ה„חצות" ליד הבהוב נר שעוה המתנועע ברעידה בריתמוס צליל המתפלל. קול שופר לא יבקיע שערי סתיו של העיירות וזמזום ערגה של חובשי גפ"ת לא ישבית מנוחת היום ושתיקת הליל.

מתה העיירה. מתה ארץ העיירות. לעמנו מתה לנצח.

והעיירות הללו, חיים להן, עצב להן, צבע להן, ניגון להן, עונג להן, תורה להן, כבוד להן, עולם־הבא להן, צפית־המשיח להן, לעולם הבא ציפו ועולם הזה נגוז מהן.

עיירה עיירה ומזלה. עיירה עיירה וכבודה. עיירה עיירה ומקומה בפולקלור, באגדה, בספור, בגעגועים ובשירה. לכל עיירה שורש משותף, אבל מדים שונים, ממדים שונים, בדים שונים ומזלות שונים.

ובהיותי בטלושטש מספר פעמים, בבקרי בקיבוץ־הכשרה, אותו ניהל אחי, גד פלדשוה, הקשבתי להמית אחינו בני־ישראל, ששמו משכנם שם מזה רבות בשנים. ראיתיך, טלושטש היהודית, עת ניגבת זיעתך אחרי יום עבודה מפרך, אחרי יום חיפוש עבודה מדכדך ופרנסה דחוקה. ראיתיך בתמימותך וביושרך. תמימות ופשטות איפיינו את טלושטש. עוני, דוחק ואמונה. אמונה באל היושר, אל הצדק, בעולם שכולו טוב שיבוא עם משיח צדקנו. ראיתיך, טלושטש, עת לבשת בגדי חג בשבת, הוד והדר, זיו תפארת. העיירה כולה, כולל הגויים, דרכה על בהונותיה, לא לחלל קדושת העם היהודי, הזעיר.

עיירה, כגרוגרת דרבי צדוק, ניחונה בכל מוסדות ישראל סבא, מוסדות אחוה וערבות זה לזה, מוסדות ביקור־חולים ותומכי עניים, ואף צדקה, כולל מתן בסתר. לא מימסד, אלא מסד חברתי־מוסרי. מפת חרבה הורידו פרוסות ופרשום לעניי עמנו. נתהוו ונרקמו בטלושטש חיים יהודיים, עמוקים כים המוסר, כחלום היהודי לשאיפות אל־על. עוברי אורח שנתגלגלו לעיירה הרגישו כי דופק יהודי שלם וטהור הולם בה.

ויפה עשתה ההסתדרות הציונית, שמצאה לנכון לארגן בטלושטש קיבוץ הכשרת הנוער לפני עליתם ארצה, קיבוץ חלוצים. הוכח היחס האוהד לגאולת הארץ ועמו, שנם בנשמת האוכלוסיה היהודית בטלושטש, אם כי לא בצורה דינמית־אקטיבית, אלא לטנטית־מנומנמת בעמקי הנשמה. באהבה שבלב ובהספקת מספר מקומות עבודה ותעסוקה לחלוצים קיבלום יהודי טלושטש. אמת, מקומות עבודה דלים ושבורים, כגורל „המעבידים". מיצו כל האפשרויות. נמצאו גם מספר תומכים בפועל, שהמציאו תעסוקה לחלוצים, הזינום בלחם, שמצוי היה לרובם בצמצום. מאידך, תרם הקיבוץ להרמת קרנה וגאותה של האוכלוסיה היהודית כלפי חוץ (הגויים) וכלפי פנים. היחס לקיבוץ מעיד כמאה עדים שרעיון הגאולה, עמוק ונסתר, פעפע בלב כל יהודי. קומץ קנאים שניסו להעליל על הקיבוץ ולטפול עליו תלונות, הושב ריקם. הקיבוץ מצא מגן ברוב האוכלוסיה ואף ברב דמתא, שדחו כל חתירה ובזה עודדו ואהדו את החלוצים.

וזכינו וקמה מדינת ישראל. קמה בזכות בניה־לוחמיה, בזכות המיליונים שניספו בציפיתם לגאולה, וביניהם ליהודי טלושטש חלק משלהם.

לטלושטש הפעוטה באוכלוסיה היהודית פולקלור משלה. והיה בבואך מליטה הפולנית, וילנה־גרודנה־ביאליסטוק, לכיוון ורשה, הגעת לתחנות־עיירות, שראשי תיבות שמותיהן היוו ברכת „מזל־טוב״ ליהודים. פתרון הר״ת: מלקין, ז׳ליכוב, לוחוב, טלושטש, וולומין, ורשה.

וברכה מיוחדת לגואל טלושטש מתהום הנשיה. נמצא גואל ממשפחת פרל המכובדת, המקים יד ושם לעירו, ציון לנשמות הטהורות והזכות של יהודי טלושטש שניספו בשואה. הוא, כחבר גואלים מהעיירות השונות, נלחם באשמדאי המטורף ימ״ש ויוכל לו. גזר השטן המתועב שמד על זכר העם, רצה להעביר גם זכרו מן האדמה. חלם המטורף למחוק את שמות העם העתיק, למחות זכר הויתם, בל יותירו מקוננים, מזכירי נשמותיהם. וטעה. פרל וחבריו בכל עיירה ועיירה ניצחוהו. שמות יהודי טלושטש, זכר מאבקם, יסוריהם, דאגותיהם, כמיהותיהם, געגועיהם, שאיפותיהם, חלומותיהם וכן חורבנם — ישארו לנצח.

הדורות הבאים ימצאו בספר טלושטש גלעד לקיום ק״ק טלושטש, זוהרה ושילובה בקהילות הקודש של פולין האבודה.

ועל זה יבוא על הברכה.

יוסף חדשי (נאַווינאַ) — חיפה

זכרונות פון מיין אלטער היים



פאַר מיינע אויגן גייען דורך די בילדער פון יענע קינדער־יאָרן: אלתר בעדער, מיין ערשטער מלמד, און זיין ווייב, זלאַטע די בעדערקע, מיט זייערע קאַזעס און מיט זייער באָד (מקווה). ווי דאָס וואָלט געווען נעכטן, געדענק איך, ווי איך פלעג אים העלפן אויסשעפן די מקווה און שפּעטער אויך אָנגיסן דאָרט פריש וואַסער פון דעם ברונעם. די מקווה איז געוואָרן געהייצט צוויי מאָל אין דער וואָך — דינסטיק און פרייטיק. דינסטיק איז די מקווה געווען טעטיק בלויז פאַר ווייבער. דאַן האָב איך ביי דער מיטהילף פון נאָך אייניקע תלמידים, אַריינגעשלעפּט דעם גרויסן קאַזשיאָל מיט דער לאַנגער באָרד און אַריינגעלאָזט דורך דער טיר גלייך אין דער מקווה אַריין — צו די ווייבער... און היימלעך איז דאָרט געוואָרן: די געוואָלדן און געשרייען פון די ווייבער זענען דערגאַנגען צו אונדזער רבין, ר׳ אלתר, און זיין ווייבל, די בעדערקע. זיין גאַנצן צאָרן האָט ר׳ אלתר אויסגעלאָזט אויף מיין קאָפּ. ער האָט מיך אַ כאַפּ געטאָן און אָוועקגעלייגט אויף זיין שויס. זיין ווייבל זלאַטע האָט מיך צוגעהאַלטן ביי די פיס און אַריינגעציילט וויפל זי האָט נאָר געקענט...

איך האָב אויך שפּעטער געלערנט ביי ר׳ לייבל וואַלאַך ז״ל און

ביי אים אויך נישט געלעקט קיין האָניק, אָבער דרך־ארץ האָב איך פאַר אים געהאַט.

מיין דריטער רבי איז געווען ר׳ יצחק מאיר לערנער ז״ל (באַקאַנט אונטערן נאָמען ר׳ איטשע מאיר שוחט). ער איז געווען אַ גרויסער למדן, ממש אַן עילוי. ער האָט פאַרמאָגט אַ פענאָמענאַלן זכרון, געקענט ש״ס, בבלי און ירושלמי, פון אויסנווייניק. ביי אים האָב איך שוין אָנגעהויבן לערנען גמרא. איך געדענק נאָך היינט זיין ברייטן פּאַסעק מיט דער גרויסער „פּזשאָנסקע״, וואָס ער פלעגט אַראָפּכאַפּן פון זיינע מכנסיים און אונדז געבן צו פאַרזוכן זיין טעם איבער אונדזערע פלייצעס...

שפּעטער האָט מיך מיין פאָטער ז״ל געשיקט לערנען תורה קיין ווישקאָוו אין דער דאָרטיקער ישיבה. איך בין שוין דאַן געווען אַ בחור פון איבער 10 יאָר. קיין גרויסער מתמיד אין דער ישיבה בין איך נישט געווען. מיר האָבן געגעסן „טעג״, יעדן טאָג ביי אַן אַנדערן בעל־הבית. אין דער ישיבה האָבן מיר געהאַט צוויי מאָל אין דער וואָך משמרת־לילה. מיר האָבן געדאַרפט אין די דאָזיקע נעכט לערנען בלויז גמרא מיט מפרשים, אָדער ספרי מוסר. וועלטלעכע לימודים, אַפילו תנ״ך, זענען אין דער ישיבה געווען טריף־פסול. מיר האָבן אָבער אויסגענוצט די משמרות־לילה אויף צו לערנען זיך, אין געהיים, אויך וועלטלעכע קענגשטאַנדן, ווי פּויליש, חשבון און אַנדערע לימודי חול.

נאָך דער ווישקאָווער ישיבה בין איך אַוועק אַרבעטן קיין וואַרשע, ווו איך האָב זיך צו יענער צייט אָנגעשלאָסן אין דער חלוצישער באַוועגונג און דערנאָך אַוועק אויף הכשרה אין קיבוץ־באָראָכאָוו אין קעלצער געגנט, און דאָרט געטאָן פאַרשידענע שווערע פיזישע אַרבעט אין טאַרטאַקן א. א.

ווען עס פלעגט זיין אַ מאַנגל אין אַרבעט, פלעגן מיר גיין זוכן צו פאַרדינען. כ׳בין אַמאָל מיט חברה אַוועק אין שטאָט אַריין. עס רופט אונדז אַ יידישער פאָטאָגראַפיסט און לייגט פאָר, מיר זאָלן צעהאַקן אַ פערטל האָלץ („שטשאַפּעס״). פאַרנאַכט־צו, נאָך דעם ווי מיר האָבן אָפּגעטאָן אונדזער שווער שטיקל אַרבעט און געמאָנט אונדזער לוין (אייניקע זלאָטעס) דערקלערט ער, אַז קיין געלט האָט ער נישט, נאָר לייגט אונדז פאָר, מיר זאָלן זיך לאָזן ביי אים פאָטאָגראַפירן... פאַר גרויס פאַרדרוס האָבן מיר



קבוץ ע"ש דוב בורוכוב בקונסק במרכז יוסף גובינה־חדשי לקראת צאתו לצבא הפולני 2.3.1937
קבוץ אויפן נאמען פון דוב בארכאוו אין צענטער — יוסף חדשי (נאווינא)

זיך אַריינגעכאַפּט צו אים אין קאַמער און דאָרט געפונען אַן „אוצר" — אַ קליין פעסל מיט זויערע אוגערקעס און זויערקרויט, ווי אויך אייניקע אייער. מיר האָבן דאָס אַלץ צוגענומען און מיט דעם זיך געלאָזט צוריק אין קיבוץ אַריין.

אַ קורצע צייט נאָך מיין באַפרייען זיך פון מיליטער, האָב איך עולה געווען מיט עליה ב׳, וואָס איך האָב צו פאַרדאַנקען צביה לובעטקין (היינט אין קיבוץ לוחמי הגיטאות).



קבוצת חיילים יהודים מהצבא הפולני, עומדים מימין לשמאל: אברהם נגר, חיים אויסלנדר, יוסף נובינא־חדשי (בישראל), משה רדזימינסקי. יושבים: הרש שקולניק, פרץ זברניצקי ומשה לאש

א גרופּע יידישע זעלנער פון דער פּוילישער

ווי באַוווּסט, איז די עליה ב׳ געווען אומלעגאַל.

ווען מיר זענען אָנגעקומען צו די ברעגעס פון ישראל, האָט אונדז די ענגלישע פּאָליציי געכאַפּט. מיר האָבן באַוויזן אונדזערע דאָקומענטן אַריינצוואַרפן אין ים, בכדי די ענגלענדער זאָלן נישט וויסן, אַז מיר שטאַמען פון פּוילן און נישט צוריק שיקן. מ׳האָט אונדז אַוועקגעפירט און

געפאַרשט אויף דער ענגלישער משטרה אין חיפה. מען איז פון פריער געווען צוגעגרייט צו זאָגן, אַז מיר קומען פון דייטשלאַנד. צווישן די אָפיצירן איז אויך געווען איין יידישער. אין דער ריי פאַר מיר שטייט אַ מיידל, וועלכע ווערט אויסגעפרעגט דורך דעם יידישן אָפיציר. ער פרעגט:

— פון וואַנען ביסטו געקומען?

— איך קום פון דייטשלאַנד — ענטפערט זי.

— פון וועלכער שטאָט? — פרעגט איר ווייטער דער יידישער אָפיציר.

— פון ביאַליסטאָק.

— שווייג, רעד נישט מער קיין נאַרישקייטן — מוסרט ער זי...

מיר זענען אָפּגעקומען בלויז מיט שרעק. דאָס איז געווען יוני 1939.

מיט צוויי חדשים שפּעטער איז אויסגעבראָכן די שרעקלעכע וועלט־שריפה, וואָס האָט אָפּגעמעקט דעם גאַנצן יידישן קיבוץ און בתוכם אויך מיין געבורט־שטעטעלע טלושטש.

יצחק צהובי (ז'ולטי) — תל־אביב

הלילה הזה

(פרידתי מבני עיירתנו ערב עליתי ארצה)

ליל ה־26 לחודש אוקטובר שנת 1931 היה הלילה האחרון בו שהיתי בעיירת מולדתי טלושטש. למחרת בבוקר עמדתי לצאת בדרכי לארץ־ישראל.

אותו ערב זכור לי היטב עד היום הזה, שכן היה כמעט ברור לי שזו לי הפעם האחרונה, ולכן כאשר חזרתי מורשה עברתי בכל רחובות העיירה על מנת להפרד מהם. נפרדתי מן הרחובות בהם שיחקתי בימי ילדותי, מן החנויות שביניהן הסתובבתי ומן האנשים בני עירי, הקרובים לי והיקרים, אשר אותם עמדתי לעזוב.

סיור זה שערכתי בעיירה הקטנה בשעת לילה מאוחרת, הוא הזיכרון האחרון שנותר לי מעיירתנו והוא חי בזיכרוני במשך כל אותן השנים הארוכות שחלפו מאז. והיום, כאשר לא נותר שריד לרחובות, לחנויות ולמרבית האנשים, וכאשר ברצוני להעלות להם נר זיכרון, נדמה לי שדוקא הזיכרון האחרון הוא המתאים ביותר להיות גל־עד לעיירה הקטנה שהושמדה ואיננה עוד.

אותו לילה, כפי שכבר ציינתי, חזרתי מורשה הבירה ורגלי הוליכוני, כאילו מאליהן, לערוך סיור בעיירה.

ראשונה נכנסתי לחנותו של שמחה פרידמן, אשר שכנה מול תחנת הרכבת של העיירה. היתה זו חנות למכירת יין שרף, ועד היום מלוני ריח היין שעלה באפי עם הכנסי לחנותו. את פני קידם שמחה פרידמן. כבן חמישים היה האיש. קומתו בינונית, שערו וזקנו שיבה; לבושו המסודר למופת הרשימני תמיד והיה שם דבר בעיירה. בעיקר זוכר אני את הליכתו לבית הכנסת, אשר תמיד אמרה הוד וכבוד. גם באותו ערב היה ר' שמחה

לבוש יפה ומסודר כהרגלו. אשתו, ברכה, נפטרה לפני עזבי את העיירה. היתה שמנה במקצת וגבוהה משהו מבעלה; אם יהודיה טיפוסית שאינה חדלה מלדאוג לילדיה.

בנם שלמה היה חברי הטוב מילדות. יחד נהגנו להתרוצץ ברחובות העיירה, ללמוד תורה ולהחליף דעות, בעיקר כאשר התבגרנו ומאורעות התקופה החלו לתת אותותיהם בהשקפת עולמנו.

גם בת היתה להם, לאה. אולם זכורני כי לא היתה אותו ערב בעיירה. היא נישאה לאיש ועברה להתגורר בורשה הסמוכה.

נפרדתי ממשפחה זו שהיתה קרובה אלי מאוד במשך שנותי בעיירה, ועד היום זוכר אני את עצמי עומד מחוץ לחנותם באפלה, מהרהר ותוהה: האם אוסיף עוד לראותם? ואמנם היתה זו הפעם האחרונה שראיתים.

מחנותה של משפחת פרידמן המשכתי בדרכי ונכנסתי לבית התה של הרשל פוסטולסקי ורעיתו ליפשה. הרשל פוסטולסקי היה אז כבן שישים, ועדיין מן הכליזמרים הנודעים בסביבה כולה. הוא ואחיו איצ'ה ואברומקה ארגנו תזמורת של כליזמרים, ולא היתה שמחה בסביבה כולה שמשפחת פוסטולסקי לא השתתפה בה והרנינה את לב הכל בנגינותיה ובזמירותיה. הרשל עצמו מסוגל היה לחולל פלאים במיתרי כנורו והיה שופך את נפשו ולבו בקולו החם והערב. נדמה היה לי אז שאין אמן גדול ממנו.

מול בית התה של הרשל פוסטולסקי שכנה חנותו של הרשל ברגמן, שהיה מחברי הטובים והקרובים ביותר. עתה עמדתי להפרד ממנו לשלום. הרשל היה בחור גבוה ורחב גרם, שקט וטוב לב, ותכונה לו, שתמיד שמח היה בחלקו. אותה שעה, בליל אוקטובר 1931, נפרדתי מידידי הטוב ומאז לא ראיתיו עוד.

בהמשך הרחוב נמצאה חנות סדקית קטנה, מעין כלבו בזעיר אנפין, חנותם של אברהם אוסטשגה ואשתו שרה'לה. זוג זה זכור לי היטב, שכן היו מן החביבים באנשי העיירה ובולטים ביפים: הוא גבוה, תמיר ומזוקן והיא לא גבוהה אמנם, אך מן הנשים היפות ביותר בעיירתנו.

לאחר שנפרדתי מן הזוג אוסטשגה הגעתי לחנותו של אחי הגדול ממני משה. משה היה גבוה משכמו ומעלה מכל המשפחה. הוא היה יפה תואר,

בעל עינים שחורות כפחם ושער שחור כעורב. בפסעו ברחובות העיירה היו פסיעותיו הרחבות אומרות הוד וכבוד וכן לבושו היפה תמיד.

מרים אשתו, בת ר׳ מנדל פרל, היתה מן הבנות היפות ביותר בעיירה; בלונדית גבוהת קומה וכחולת עינים.

באותה תקופה כבר היו לאחי שני ילדים: הבת יינטה׳לה והבן יעקב. יינטה׳לה היתה בת ארבע ודומה מאד לאמה; בלונדית וכחולת עינים. היתה תמיד נצמדת אלי, מכרכרת סביבי ומושכת בשערותי. אותו ערב קלטה כנראה כי נוסע אני לארץ־ישראל; היא נצמדה אלי ובקשה ממני כי אקח אותה עמי.

יעקב בן אחי דמה בכל לאחי: כמוהו היה יפה תואר, שחור שער ועיניו בוערות.

קשה היתה הפרידה ממשפחתי. אמנם רציתי להמשיך ולסייר בעיירה, אולם נראה היה כי מסרבות הרגלים להנתק מבית הקרובים היקרים וכי הלב ממאן להאמין באשר הוא מנבא — שאולי זו הפעם האחרונה שאתה רואה את אלה הקרובים לך ביותו׳.

לאחר מאמצים פסעתי למנוחה קצרה בחנותה של אמי, נחמה ז׳ולטי, שהיתה סמוכה לחנות אחי. שוב ושוב ינקתי את מראיה של אמי, אשר עמדתי לעזבה למחרת היום. (אמנם המטרה, האידיאל שלשמו יצאתי לא״י, כסתה על הצער הגדול שבפרידה, אולם אי־אפשר היה כמובן להתעלם ממנו).

אמי עליה השלום היתה אשה ממוצעת קומה, בעלת עינים שחורות ובוערות ופאה נכרית מכסה את שערה תמיד, שכן היתה אשה דתית מאד, מקפידה במצווה קלה כבחמורה; בתו של הרבי מקלושין ונכדתו של הרבי הז׳ילוחובי. אחיה האחד, רב בריש פרקל, שימש כרב ברוג׳ן ואילו השני — רבי דוד פרקל מאוסטרולנקה, נודע כאחד הלמדנים הגדולים בסביבה כולה. אין כל פליאה בכך כי בהיותה שייכת למשפחת למדנים מופלגים היתה דתית עד מאד, ותמיד הייתי מוצא אותה מתפללת לשלום ילדיה ולהצלחתם. טוב לבה והעזרה הרבה שהושיטה לזולת, למרות קשייה המרובים, נודעו בסביבה כולה. מדי פעם, בשבת, היו נשי העיירה מתכנסות סביבה והיא היתה קוראת לפניהן ב„צאינה וראינה״. אותו ערב עמדה אמי והתפללה לשלומי, לשלום בנה היוצא לדרכו.

ביחד עם אמי התגוררה אחותי חינקה, שבאותה תקופה היתה עדיין נערה, (מאוחר יותר נישאה לשמחה לרנר). חינקה היתה בחורה יפה, קומתה היתה כקומתי (מטר ושבעים), שערה ועיניה כהים ובוערים, ולעומתם בלטו פניה העדינים בחיורונם. עד היום אינני מסוגל לשכוח את הפנים היפים והעדינים הללו.

לא רחוק מחנותה של אמי נמצא האטליז של האלמנה רייזל זברנייצקי. רייזל התאלמנה בגיל צעיר מאד ונותרה בודדה עם שלושת ילדיה שפרנסתם עליה. היא הוסיפה לנהל את האטליז. ובדרך זו פירנסה את הילדים. עתה עמדתי להכנס לאטליז שריח העופות נדף ממנו למרחוק, ולהפרד ממנה ומילדיה, אשר אחת מהן, מרים, היתה יחד עמי בקן הנוער הציוני שהתארגן בעיירה.

אני ממשיך בסיורי בעיירה. העיירה קטנה והכל מכירים את הכל, וברצוני להפרד מעם כולם — קרובים כרחוקים.

עם הפרדי מן האלמנה רייזל אני פונה אל חנות הגלנטריה של וולוול רדזימינסקי, בנו של לייבוש, ואשתו מניה לבית פוסטולסקי. כדרכה של חנות גלנטריה גם פה אין הסדר שולט בכיפה, ואולם וולוול רדזימינסקי גבה הקומה ששערו ושפמו כהים, מוצא את מבוקשו תמיד.

בעוזבי את ביתם של וולוול ומניה רדזימינסקי אני פונה אל אחד הבתים היפים ביותר בעיירה: ביתם של מאיר טאוב ואשתו שרה לבית רדזימינסקי. ביתם היה נודע ביפיו ובטיבו בסביבה כולה.

למאיר ולשרה טאוב היתה חנות לחמרי ברזל. גם כאן, משנכנסת לחנות חייב היית להזהר מן הברזלים, המסמרים וכיו"ב שהיו מונחים בעירבוביה בכל מקום. כאן, בין הברזלים הרבים, נפרדתי לשלום ממשפחה נפלאה זו.

חנות ברזל נוספת היתה בקרבת חנותו של מאיר טאוב; היתה זו חנות הברזל של דוד פוסטולסקי; גבה קומה, בעל זקן שחור ועינים נוצצות. כאשר נפרדתי מדוד פוסטולסקי, רעיתו ובנם בן השש היתה השעה כבר שעת ערב מאוחרת, אולם החלטתי להמשיך בסיורי ולסיימו, אף אם אאלץ לבלות את שארית הלילה מחוץ לכתלי הבית.

ובכן, פניתי אל חנותם הקטנה של משפחת גרינהאוז. הכרתים היטב

שכן הגב׳ גרינהאוז היתה בת למשפחת זילברברג ואחותה של גיסתי. פגשתי אותו ערב את המשפחה כולה; כולם היו אותה שעה בבת. זוכר אני היטב את ר׳ יעקב־יוסף גרינהויז באותה תקופה. הוא היה כבן חמישים, ממוצע קומה, שערו וזקנו מאפירים, אולם פניו היו יפות ומאירות. אשתו, קומתה היתה נמוכה אך מעט מקומתו, שערה בהיר ועיניה כהות. מבנותיהם אני זוכר היטב את מרים.

כשישבתי בביתם כבר הרגשתי כי ביקורי הבא יערך באיטליזם של האחים יהודה ופלטיאל זברניצקי. כאשר נכנסתי פנימה קדמו את פני פניו המחייכות של יהודה זברניצקי העגלגל והנמוך, שכרגיל עסק מאחורי דוכנו במריטת נוצות תרנגולת. לכבודי הפסיק את מלאכתו ובא להפרד ממני.

ליד האיטליז עמדה חנות הברזל של וולוול רדזימינסקי הקטן. אני זוכר היטב את רעש הברזלים הנופלים ואת מלאי המסמרים והברגים אשר היו תמיד בחנות זו. וולוול רדזימינסקי עצמו, קטן קומה ששערו חום, זקנו חום ועיניו חומות כהות, הסתובב בחנותו כמלך בארמונו. הוא ידע היטב היכן מונח כל בורג ומסמר ולמרות אי־הסדר שכביכול אפיין את חנותו, מצא כל דבר מיד כאשר חשקת בו. נפרדתי לשלום וזכיתי לברכתם של וולוול רדזימינסקי ואשתו, והמשכתי בדרכי.

מכאן נשאוני רגלי אל ביתם של שבתאי ירוזלימסקי ואשתו חייצ׳ה לבית וולך. שבתאי היה גבר גבה קומה, שערו וזקנו שחורים. אשתו היתה נמוכה ובהירת שער. שבתאי היה אחד מחברי הטובים ביותר בנערותי.

לאחר שנפרדתי מהם לשלום הוליכוני רגלי אל החנות הסמוכה, למשפחה שהיתה קרובה לי ביותר: חנות הלחם של רבי לייבל וולך ואשתו צביה. רבי לייבל וולך היה אז כבן חמישים וחמש ושערו כבר החל להאפיר. אני זוכר אותו היטב, שכן היה רבי בילדותי. בנו יוסף היה מחברי הטובים ביותר ולכן הייתי מצוי הרבה בחנותם הקטנה, שריח הלחם הטרי והחם מלא אותה תמיד.

בחנותה של משפחה זו ישבתי אותו ערב זמן רב, שכן מטבע הדברים הוא שאדם מתעכב אצל הקרובים לו ביותר. החלפנו חויות ורשמים לגבי העיר הקטנה שאותה עמדתי לעזוב למחרת בבוקר.

לאחר שנפרדנו, סרתי אל חנות הגלנטריה של שמרל זילברברג ורעייתו

פייגה. כרגיל, אי־הסדר בחנות היה גדול: על השולחן נחו בערמות לבנים וכלי מיטה, מגבות, דברי ילדים וכד׳. שמרל זילברברג נראה מאחורי הערימות כשהוא מנסה להשליט סדר בין הסחורות לאחר סגירת החנות. במשך היום אין הוא מתפנה לשם מיון הסחורות וסידורן, ורק כאשר מגיע הערב ורוב הסחורות שבחנות מונחות על השולחן הוא מתחיל לסדר את הדברים במקומם. כשראה אותי שמרל נכנס לחנותו, עזב את מלאכתו, קרא לאשתו פייגה נמוכת הקומה ושניהם נפרדו ממני.

לאחר שנפרדתי משמרל זילברברג ואשתו פייגה, עברתי ונפרדתי אף ממאיר רדזימינסקי המכונה „טילר״ ומבניו לייזר ושלמה, שהיו אותה שעה בבית.

מול ביתו של מאיר רדזימינסקי עמד ביתם של לאה ואברהם רדזימינסקי. את לאה, בתו של וולוול מילר, הכרתי עוד בילדותי עת שיחקנו יחד. לאה, שהיתה בעלת שער חום ועיניים כהות, נישאה לאברהם רדיזימינסקי. היא לא היתה בתו היחידה של וולוול מילר: היו לו כמה בנות שמתוכן זכורה לי לאה חברתי. כמו כן זוכר אני בת נוספת שנישאה לניסן קונסטנטינובסקי. ערב נסיעתי לא היה כבר וולוול מילר בין החיים, ונפרדתי מבתו לאה ובעלה אברהם.

השעה הלכה ונתאחרה ואני המשכתי בסיורי, חנות לאחר חנות, בית לאחר בית. הרגשתי היטב כי זו הפעם האחרונה ורציתי כי המראות יחרטו היטב בלבבי.

עתה עברתי לדירתם של משפחת גולדוסר. אותה שעה היו בבית אהרון המכונה ארקי, אשתו חנה שהיתה בת למשפחת שפרן, ורואה אני אותה עכשיו מול פני: קטנה ושמנה ולראשה פאה נכרית. כמו כן היו אותה שעה בבית שלושת בניהם: מנחם, יצחק ויעקב.

נחפזתי להפרד ממשפחת גולדוסר כי מרחוק כבר שמעתי את גיסתי חיה, אשת אחי מנדל, המשחקת עם שני ילדיה נחצ׳ה ויעקב. נחפזתי להכנס פנימה על מנת להפרד משני הילדים הקטנים, חביבי, לפני לכתם לישון. את אחי וגיסתי אמור הייתי לראות מאוחר יותר, בבית אמי.

מנדל היה אחי הבכור. הוא היה ממוצע קומה, שמנמן ובעל זקן קטן.

היה בעל מבט תקיף וחזק, אותו זוכר אני עד היום הזה. ואולם במבט זה נשקף טוב לב רב. מנדל היה מן הציונים הראשונים בעיירה, ואפשר אף לאמר שהיה המייסד הראשון של ההסתדרות הציונית בעיר. הוא נשא על שכמו את כל משא העלבונות — ועד למכות הגיעו — שהרעיפו עליו מן המרא דאתרא על העזתו להכניס לעיר את הציונות, שנחשבה לאפיקורסות מושלמת. עד יום מותו בגיטו טלושטש נחשב מנדל לאחד האנשים הבולטים בעיירה.

חיה אשתו היתה אף היא שמנמונת, גבוהת קומה. תמיד היתה עסוקה בעבודות הבית. היתה עזר כנגדו בכל המובנים; מסורה לבעלה ולילדיה עד אין קץ. פניה היפים הביעו את טוב לבה הרב.

נחה, הבת הבכורה, דמתה מאד לאמה, וכמוה אף יעקב הבן; שניהם היו חמודים ביותר.

היתה זו הפעם האחרונה בה ראיתי אותם.

בסמוך לחנותו של אחי מנדל היתה חנות המכולת של פיני רדזימינסקי. היתה זו חנות גדולה שהכילה מצרכי מכולת מרובים. גם בחנות זו לא היה הסדר השליט העיקרי.

פיני רדזימינסקי היה כבן ארבעים, שערו וזקנו שחורים. נשא לאשה את אחות גיסתי, חיה לבית זילברברג. בדרך כלל היתה מצויה בחנותם, עזר כנגד בעלה.

חנות מכולת נוספת ניצבה סמוכה לחנותם של פיני רדזימינסקי ואשתו, היתה זו חנות המכולת של יעקב פופובסקי ורעיתו והיא דמתה בכל לחנותו של פיני רדזימינסקי.

לאחר מכן עברתי כמה חנויות בזו אחר זו ונפרדתי לשלום מבעלי החנויות הללו. נפרדתי ממנדל סטופק החייט בחנותו הקטנה, שם ישב ותפר בגדים לאנשי העיירה; חנות קטנה שרעש מכונת התפירה הישנה לא פוסק מלטרטר בה במשך כל היום ועל הרצפה אתה מוצא ערימות של מחטים, סיכות ושאריות של בדים.

סמוכה לחנותו של החייט היתה חנותם של משפחת זילברשטיין, שבתם נישאה ללייבל זלצמן.

ליד חנות זו היתה דירתו של מנדל זלצמן. הוא התגורר בה עם בנו שלום, שהיה מחברי הטובים עד לנסיעתי.

גם סנדלריה ניצבה לה לתפארת ברחוב. סנדלריה כהלכתה שריח העור והדבק נודפים ממנה. על שרפרף נמוך יכול היית לראות במשך כל שעות היום והערב את פינצ׳ה בורשטיין הסנדלר עוסק במלאכתו. נפרדתי אף ממנו.

כמה בתים לאחר חנותו של פינצ׳ה בורשטיין הסנדלר עמד ביתו של הרב דמתא. בית קטן בו התגורר הרב. יהודי יפה תואר וירא שמים, שחור שער וזקן, שהדרת פניו מרשימה. גם הרבנית הרשימה את כל רואיה, וכן הבנות חיה׳לה ורבקה׳לה. במיוחד זוכר אני את הופעתו הנפלאה של הרב יעקב־יוסף בריקמן בבית הכנסת של העיירה.

סמוך לביתו של הרב עמד בית המרחץ „המפואר״. הבלן היה אַלטר שווארצברג, המכונה „בעדער״, והוא שהיה צריך להשגיח על תקינותו של בית המרחץ ועל נקיונו. עזרה על ידו רעיתו זלטה. עד היום זוכר אני את הבלן, יהודי נמוך קומה בעל זקן מחודד כשל תיש ואשתו הגוצה והעגלגלת.

לא רחוק משם עמד ביתו של אברהם נובינה, ולאחר שנפרדתי ממנו עברתי לרחוב פוֹטשטובה שם גרו רבים מידידי הטובים.

ראשית נכנסתי לביתו של רבי מנדל (וורשובר) פרל. הוא היה אחד האנשים הבולטים ביותר בעיירה. ממוצע קומה, בעל זקנקן צהוב קטן ומשקפיים על חוטמו. הופעה זו הרשימה מאד ועשתה רושם של אציל. קול ערב היה למנדל פרל, ועד היום אני זוכר שכאשר היה ניגש לתיבה להתפלל בשבת או בחג היה קולו הנעים מרשים את המתפללים.

בעל חוש הומור בריא היה רבי מנדל פרל, וכינויים רבים של אנשים בעיירתנו הודבקו להם על ידו. (למשל: כנויו של אברהם רדזימינסקי — „לקח״ — הודבק לו על ידי מנדל פרל. אינני זוכר כבר על שום מה ניתן הכנוי, וספק אם רבים ידעו זאת, אולם כולם ידעו היטב למי הכוונה כאשר הזכירו כנוי זה).

אשתו אתקה היתה גבוהת קומה ורזה, עדינה ושקטה, חיה בצילו של בעלה ומקדישה עצמה לחינוך ילדיה.

לא רחוק מביתו של מנדל פרל היה ביתם של לייבל לרנר, יהודי מכובד

שזקנו ארוך ושערו שיבה, ואשתו שיינדל, נמוכת הקומה ועדינת הנפש. נפרדתי מהם ומבנותיהם רחל, הניה ונחמה׳לה.

רבים רבים הם אלה אשר מהם נפרדתי אותו ערב וקשה לי להעלות את כולם בזכרוני, אולם רוצה הייתי להזכיר את המשפחות הנוספות אשר נפרדתי מהן בפעם האחרונה:

לייזר גרוסמן ואשתו לבית נובינה.
פסל זילברשטיין ובעלה לייבל זלצמן.
ברל גלברד ואשתו מרים לבית פרידמן.
טוביה צימרמן, אשתו רייזל וילדיהם: חיה, מרדכי ואשר.
השוחט יצחק פלנד ואשתו ובתו ינטה.
קופל זלצמן, אשתו ובנותיהם: סימה, גיטל וחיה.
לייבל לוסטיג ואשתו לאה.
יעקב פרידמן ואשתו בלה.
מרדכי לרנר, אשתו חנה, בנם וולוול ובנותיהם ברכה ועדה.
שלמה זלצמן, אשתו ובנותיהם: אתל, פייגה ורייזל.
לייזר רדזימינסקי ואשתו בילה.
גוטמן פופובסקי ואשתו פייגה לבית רדזימינסקי.
איציל נובינה, אשתו ובנותיהם.
אברהם רדזימינסקי, אשתו רבקה ובניהם: משה, יהודה והינדה.

רבים מאד הם אלה אשר נפרדתי מהם אותו ערב. את מרביתם לא זכיתי לראות בשנית, שכן נרצחו על־ידי הנאצים ימ״ש.

בלבי שומר אני עד היום הזה את זכר הערב בו נפרדתי מן העיירה וכמובן את זכרה של העיירה הקטנה. הלב ממאן להאמין כי עיירה כה חיה ותוססת איננה עוד, ולא נשאר לה אף שריד ופליט.

רואה אני בהעלאת דמותה של העיירה, ובעיקר בהעלאת דמותם של אנשיה, הדלקת נר זכרון להם ולעיירה שאיננה עוד.

יהי זכרם ברוך.

חנוך פערעל — בני־ברק

די באן קאטאסטראפע

ס'איז געשען בערך אין יאָר 1906, אייניקע יאָר אידער מיין פאָטער ז״ל מיט זיין פאַמיליע האָבן זיך איבערגעצויגן פון וואַרשע קיין טלושטש (אין יאָר 1910).

טלושטש איז געווען אַ באַן־קנופּ סטאַציע. פון דאָרט זענען זיך פונאַנדערגעגאַנגען די באַן־ליניעס אין פאַרשידענע וועגן: קיין ווילנע, לאָמזשע, ביאַליסטאָק און בריסק. זייער אָפט האָט מען געדאַרפט אין טלושטש איבערשטייגן פון איין צוג אויפן צווייטן. פאַרנדיק פון אָסטראָוו־מאַזאָוויעצק קיין וואַרשע, האָט מען געדאַרפט איבערשטייגן אויף דער טלושטשער סטאַציע אין אַ צווייטן צוג, וואָס איז געפאָרן מיט די פּאַסאַזשירן קיין וואַרשע. מאַנכעס מאָל האָבן די פּאַסאַזשירן געמוזט וואַרטן אַ שטיקל צייט אין דעם צוג טלושטש־וואַרשע ביז עס איז דורכגעגאַנגען דער שנעלצוג וואַרשע־ווילנע, וועלכער איז פאַר דער טלושטשער באַן־סטאַציע געוואָרן איבערגעוועקסלט אויף אַ צווייטער ליניע — טלושטש־ווילנע.

די קאַטאַסטראָפע, וועגן וועלכער עס ווערט דאָ דערציילט, איז פאָרגעקומען, אין די פרימאָרגן־שעהן. עס איז דאַן אָנגעקומען דער צוג פון אָסטראָוו־מאַזאָוויעצק. פון דעם צוג זענען אויסגעשטיגן פיל פּאַסאַזשירן, וועלכע האָבן געדאַרפט פאָרן קיין וואַרשע און האָבן צוביסלעכווייז אָנגעהויבן איינשטייגן אין די רעזערווירטע פאַר זיי וואַגאָנען, וואָס זענען, צו דעם צוועק, צוגעשטעלט געוואָרן צום צוג טלושטש־וואַרשע.

דאָס מאָל, איז די צאָל פון די יידישע פּאַסאַזשירן פון אָסטראָוו געווען אַ גרעסערע ווי יעדעס מאָל. די סיבה דערפון איז געווען וואָס דעם זעלבן טאָג ביינאַכט האָט געדאַרפט פאָרקומען אין וואַרשע די חתונה

פון אַ זון פון אַן אָנגעזעענעם רייכן בעל־הבית פון אָסטראָוו, מיט אַ בת־ישראל פון וואַרשע. מיט דעם דערמאָנטן צוג זענען טאַקע געפאָרן די מחותנים פון חתנ׳ס צד, דער חתן אַליין, און פיל געסט מצד דעם חתן — די סאַמע אָנגעזעענסטע יידישע איינוווינער פון אָסטראָוו־מאַזאָוויעצק. דער עולם פּאַסאַזשירן האָט זיך איבערגעזעצט אין דעם צווייטן צוג, וועלכער האָט זיי געדאַרפט איבערפירן קיין וואַרשע און געוואַרט ביז עס וועט פריער דורכגעלאָזט ווערן דער עקספּרעס־צוג וואַרשע־ווילנע. נאָר פּלוצים — טראַך. דער שנעלצוג איז מיט זיין גאַנצער קראַפט אַרויף אויף דעם שטייענדיקן צוג טלושטש־וואַרשע. די רעזולטאַטן פון דעם דאָזיקן צוזאַמענשטויס זענען געווען שרעקלעכע. צענדליקער וואַגאָנען זענען געוואָרן צעשמעטערט און אונטער זיי געלאָזט פיל מענטשלעכע קרבנות. די געשרייען פון די פאַרוווּנדעטע זענען געגאַנגען עד לב השמים. עס איז אָנגעקומען זייער שווער ביז מ׳האָט די פאַרוווּנדעטע אַפּגענומען פון אונטער די צעקלאַפּטע וואַגאָנען. די צאָל געהרגעטע איז געווען עטלעכע און דרייסיק, צווישן זיי דער חתן און די מחותנים. און אויך פיל פון די איינגעלאַדענע געסט פון אָסטראָוו א. א. דאָס אומגליק האָט דאַן דערשיטערט דעם גאַנצן יידישן ישוב אין פוילן. די שטאָט אָסטראָוו־מאַזאָוויעצק איז אַ לאַנגע צייט געווען איינגעהילט אין טיפן טרויער איבער אירע טראַגיש אומגעקומענע קרבנות, נאָך וועלכע עס זענען געבליבן פיל יידישע יתומים און אלמנות. אויך טלושטש האָט דאָס אומגליק שווער איבערגעלעבט.

*

וועגן דער דאָזיקער קאַטאַסטראָפע האָב איך געהערט פון פיל עלטערע תושבים פון דעם שטעטל, ביי וועמען דאָס אומגליק האָט זיך טיף איינגעקריצט אין זייער זכרון. האַרט פאַרן אויסברוך פון צווייטן וועלט־קריג איז מיר אויסגעקומען זיך צו טרעפן מיט אַ פרוי פון אָסטראָוו־מאַזאָוויעצק, איינע פון צווישן די ניצול געוואָרענע פּאַסאַזשירן פון דעם דערמאָנטן אייזן־באַן צוזאַמענשטויס. די פרוי האָט געהייסן גאָלדע ליאַק

(פון רוזשאַן), אַ באַקאַנטע פיגור פון דער אַלטער גענעראַציע פון אַסטראָוו-מאַזאָוויעצק (אַ טאָכטער פון דעם אַלטן סעראַצקער רב, וועלכער האָט געהאַט אַ שם אַלס צדיק און בעל-מופת). דאָס איז געווען אין אַ ווינטער פון יאָר 1937. אין יענע צייטן האָט זיך אין פּוילן שוין געלאָזט פילן אַ פאַרשטאַרקטער אַנטיסעמיטישער קורס. איבערהויפּט האָבן דאָס יידן געפילט אויף דער אייזנבאַן ווו פּוילישע סטודענטן, אָדער סתם-אַנטיסעמיטישע שקצים, האָבן זיך געלאָזט ווילגיין איבער די קעפּ פון יידישע פּאַסאַזשירן. די יידישע פּאַסאַזשירן פלעגן זיך דעריבער קאָנ-צענטרירן אין וואַגאָנען פון בלויז עמך, און באַמיט זיך צו האַלטן צוזאַמען.

איך בין דאָן געפאָרן פון וואַרשע קיין טלושטש. אין דעם אָפּטייל, ווו איך האָב פאַרנומען אַ פּלאַץ זענען אויך געווען יידישע פּאַסאַזשירן פון טלושטש. עס קומט דאַן אַריין פון דער שכנותדיקער קאַבינע ר׳ בנימין לוסטיק ז״ל (אַ טלושטשער תושב, דער איידעם פון ר׳ אברהם זילבער-בערג ז״ל). ער גייט צו גלייך צו מיר און זאָגט כהאי לישנא: „אין דער צווייטער קופּע זיצט אַן עלטערע פרוי פון אַסטראָוו-מאַזאָוויעצק, וועלכע רעדט כסדר וועגן ר׳ מענדל פּערל (מיין פאָטער ז״ל) און דערציילט וועגן אים גאַנצע נסים ונפלאות״. ר׳ בנימין לוסטיק ז״ל האָט מיך אַריינ-געפירט און פאַרגעשטעלט דער פרוי ליאַק, וועלכע איז געווען אַ שטאַרק באַרעדעוודיקע, אָבער געמאַכט דעם איינדרוק ווי אַ בכבודיקע, אין עלטער פון אַריבער זעכציק. זי דערקלערט מיר, אַז תמיד ווען זי פאָרט אַדורך די באַן-סטאַציע טלושטש, טראַכט זי וועגן אירע צוויי מאָל גומל-בענטשן. זי האָט זיך אין יענעם פאַטאַלן טאָג געפונען אין דעם שטייענדיקן צוג, וואָס האָט געזאָלט אָפּפאָרן קיין וואַרשע. זי דערמאָנט די נעמען פון די דעמאָלט אומגעקומענע און גיט צו, אַז ווען מען האָט זי אָפּויערגענומען פון אונטערן וואַגאָן, האָט זי אפילו קיין ראָץ נישט געהאַט. דאָס איז געווען דער ערשטער נס און געבענטשט גומל. דער צווייטער נס איז געשען באַלד נאָך דער באַפרייונג פון פּוילן נאָך דעם ערשטן וועלט-קריג. צווישן דער יידישער באַפעלקערונג האָט דעמאָלט געהערשט אַ פּאַניק. יידן האָבן מורא געהאַט צו פאָרן אויף דער באַן. די

„האלערטשיקעס״ (פוילישע זעלנער) האָבן פון יידן געריסן בערד און ס׳רוב אויך מיט פלייש פון פנים. אין יענער צייט איז זי אין אַן אָזוינע געפאַרן פון װאַרשע אַהיים קיין אָסטראָװע. אין דעם זעלבן אָפּטייל איז געזעסן נאָך אַ יידישער פּאַסאַזשיר, צו װעמען אייניקע גויים האָבן זיך כסדר געטשעפּעט און אים שטאַרק פאַרפאָלגט. גלייכצייטיק האָט אַ קריסטין אויף איר אויסגעטראַכט אַ בילבול װעגן אַ כלומרשטן קויפן ביי איר צירונג און אַז זי, די זשידוואַ, האָט ביי איר צוגענומען דאָס געלט און דאָס צירונג נישט געוואָלט געבן. ווען דער צוג איז אָנגעקומען אויף דער טלושטשער באַן־סטאַציע האָט די קריסטין געמאַכט אַ געוואָלט און די באַן־פּאָליציי האָט זי, די פרוי ליאַק, אַראָפּגענומען פון דעם צוג. און נאָך איידער זי האָט באַוויזן אַראָפּצונעמען איר געפּעק, איז דער צוג אָפּגעפאַרן. דאַקעגן די קריסטין איז זיך ווייטער געפאַרן איר וועג, גלייך ווי עס איז גאָרנישט געשען... די באַן־פּאָליציי האָט זי אויפן סמך פון דער באַשולדיקונג אַריינגעזעצט אין אַ פינצטערן און קאַלטן באַן־מאַגאַזין. בעת דער אויספאַרשונג װעגן דעם ענין איז אָנגעקומען אַ ידיעה, אַז נעבן די באַן־רעלסן איז געפונען געוואָרן אַ געהרגעטער ייד. שפּעטער האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז דאָס איז דער יידישער פּאַסאַזשיר, צו וועמען די כוליגאַנעס האָבן זיך געטשעפּעט און שפּעטער אַרויסגעוואָרפן פון פאַרנדיקן צוג. נאָכדעם איז אין באַן־מאַגאַזין געקומען אַ יונגערמאַן אין באַגלייטונג פון אַ באַן־דיזשורנע מיט אַ װאַרעמער קאָלדרע און מלבושים און דערביי זי באַרויִקט. דער יונגערמאַן האָט שפּעטער אינטערוויִעניִרט ביים באַן־נאַטשאַלניק און פּאָליציי און דערביי פּערזענלעך גאַראַנטירט פאַר איר אומשולד, און אין רעזולטאַט דערפון איז זי באַלד באַפרייט געוואָרן.

דערנאָך איז באַקאַנט געוואָרן, אַז דער יונגערמאַן איז געוועזן דער ראש־הקהל פון טלושטש, ר׳ מענדל פּערל ז״ל.

„ווער ווייסט, צי ווען נישט דער בילבול און דאָס אַראָפּזעצן מיך, יענע נאַכט אויף דער טלושטשער סטאַציע, צי עס וואָלט מיך נישט גע־טראָפן דער זעלבער גורל, וואָס עס האָט געטראָפן מיין יידישן מיט־רייזנדן?״ — האָט די פרוי ליאַק פאַרענדיקט איר דערציילונג.

די טלושטשער קאפעלע און אירע קלעזמארים

די טלושטשער קלעזמארים, די איינציקע אין ראדזימינער קרייז, זע־נען געווען א שם־דבר אין דער גאנצער געגנט. דער גאנצער צוזאמענשטעל פון דער מוזיקאלישער קאפעלע איז באשטאנען פון איין משפחה — די 4 ברידער פאסטאלסקיס: אברהמקע, יידל, הערשל און יצחק (איטשע).

דער עלטסטער פון די ברידער, אברהמקע, איז געווען דער פויקער, דער יינגסטער, איטשע — דער באס, הערשל — דער ערשטער פידלער, און יידל — דער צווייטער פידלער און טיילווייז אויך — דער טראמפיי־טער.

ר׳ הערשל איז געווען די קרוין און דער צעמענט פון דער קאפעלע. די געשיכטע הויבט זיך אן זינט שיינע יארן פאר דעם ערשטן וועלט־קריג. ער איז דעמאלט נאך געווען א יונגערמאנטשיק מיט א שיין בלאנד בערדל. ווען ער האט פארלייגט זיין פידל אונטער דער לינקער באקן־בארד, האט ער פארווארפן אויף לינקס זיין קאפ, אזוי אז זיין אויער האט כמעט אנגערירט די סטרונעס פון זיין פידל, גלייך ווי ער וואלט געוואלט אויפכאפן גענויער די טענער און זיי נאכקאנטראלירן צי זיי זענען נישט, חס־וחלילה, געפאלשעוועט...

ר׳ הערשל האט נישט דורכגעמאכט קיין מוזיקאלישע אויסבילדונג, אבער פארמאגט א נשמה פון א פידל־קינסטלער, באזיצט דעם טאלאנט ארויסצוגעבן פון זיין פידל סובטעלע טענער, וואס האבן געמאכט אויפ־ציטערן די הערצער פון די צוהערער, באזונדער בעתן באזינגען א כלה מצד דעם בדחן ביי דער חופה.

אויך ר׳ אברהמקען קלעזמער (א פויקער) געדענק איך נאך פון מיינע קינדער־יארן. ער איז שוין דאן געווען א ייד א זקן, מיט א בלייך פנים און א גרוי, פארשוירן בערדל.

דאָס פויקער־שטעקעלע, מיט וועלכן ר׳ אברהמקע פלעגט קלאַפּן אין דער ריזיקער פּויק, איז געווען כמעט אַזוי גרויס און דיק ווי אַ וואַלגער־האָלץ. מיט דעם דאָזיקן פּויקער־שטעקעלע האָט ער דאָן שוין אויסגעקלאַפּט זיינע לעצטע כוחות.

ס׳איז נישט געווען קיין איין יידישע חתונה אין גאַנצן ראַדזימינער קרייז אָן דער טלושטשער קאַפּעלע, וואָס איז אויך געפאָרן נישט נאָר אויף יידישע שמחות קיין יאַדאָוו, ראַדזימין און אפילו קיין וואָלאָמין.

די קאַפּעלע איז געווען אין איר גלאַנץ אין די יאָרן פאַר — און נאָך דעם ערשטן וועלט־קריג, ווען אין דער שפּיץ פון די טלושטשער מוזיקאַנטן איז געשטאַנען ר׳ הערשל פּאַסטאַלסקי. שפּעטער אָבער, האָט ער אַוועק־געלייגט זיין פידל און זיך מער נישט באַטייליקט אין דער מוזיקאַלישער קאַפּעלע. ער האָט געעפנט אין שטעטל אַ קאַפע־הויז און דערפון געצויגן זיין פרנסה.

דעם ערשטן פידל, הגם מיט וויניקער טאַלאַנט, האָט שפּעטער אָנגע־הויבן שפּילן זיין ברודער ר׳ יידל פּאַסטאַלסקי.

כדי די קאַפּעלע זאָל איר גלאַנץ נישט פאַרלירן, פלעגן די טלושטשער קלעזמאָרים אָראָפּברענגען פון וואַרשע אַ לייטישן טראָמפּייטער, וועלכער איז גלייכצייטיק געווען דער באַלעט־מייסטער אויף דער חתונה. איך געדענק נאָך דעם דאָזיקן שיינעם, שוואַרצחנעוודיקן בחור, ווי אַזוי ער פלעגט פירן די טאַנצנדיקע פרומע אויסגעצירטע ווייבער, וואָס האָבן אויסגעפירט זיינע באַפעלן.

נאָר לאַנגע יאָרן האָט זיך שוין די קאַפּעלע נישט געקענט האַלטן. אויך די שפּעטערדיקע „קרופּ״קראַנקהייט פון ר׳ יידל פּאַסטאַלסקי האָט צוגע־יאָגט דאָס צעפאַלן זיך פון דער קאַפּעלע. ער האָט דאַן איינגעאָרדנט ביי זיך אין שטוב, אין אַ קליינעם מאַסשטאַב, אַ „רעזורע״ פאַר מענער.

מיט יידלס טויט איז אויך געקומען דער סוף פון דער טלושטשער קלעזמאָרים־קאַפּעלע, וואָס האָט שוין מער נישט אויפגעלעבט.

ר׳ העשלען מיט זיין פרוי און יינגסטן זון יעקב איז געלונגען אין יאָר 1939 זיך אָפּצוראַטעווען פון די נאַציס, אַנטלויפנדיק אויף דער רוסישער זייט. ער איז געווען אַ געוויסע צייט אין ביאַליסטאָק, שפּעטער געוואָרן

פארשיקט צוזאמען מיט זיין פאמיליע אין די טיפע רוסישע געביטן לעבן ארכאנגעלסק. אין יאר 1940 (4.10) איז ער געשטארבן און געקומען צו קבר ישראל אויף דעם ארטיקן בית־הקברות. ער איז געשטארבן אין שמיני עצרת און צומארגנס ד. ה. שמחת־תורה, איז פארגעקומען די קבורה. זיין פרוי, ליפטשע־גאלדע, איז אויך דארט געשטארבן מיט א יאר שפעטער (ט״ו בשבט תש״ב — 31.1.42).

זיין יינגסטער זון יעקב (יעקב פאסטאלסקי) געפינט זיך אין ישראל.

איטשע פאסטאלסקי מיט זיין פאמיליע איז פארבליבן אין טלושטשער געטא און אים ווי אויך זיין פאמיליע האט געטראפן דער זעלבער טראגישער גורל וואס אלע טלושטשער יידן אין געטא.

הי״ד.

ח. פ.

יואל פערעל — תל־אביב

מיינע זכרונות וועגן שטעטעלע טלושטש



דאָס שטעטעלע טלושטש געדענק איך פון מיינע קינדער־יאָרן, זינט די ערשטע יאָרן נאָכן ערשטן וועלט־קריג. איך בין דאַן געווען אַ תהמיד אין דער באַרימטער ישיבה „מתיבתא" אין וואַרשע. מיינע עלטערן האָבן געוווינט אין אָפּאָטשנע און האָבן מיך אַריינגעגעבן אין דער דאָזיקער ישיבה (מיט באַשפייזונג און קוואַטיר), נאָר אויף שבת פלעג איך אָפט קומען צו מיין פעטער מענדל פערעל, צו וועמען ס'איז געווען סך־הכל אַ האַלבע שעה רייזע פון וואַרשע, דעריבער האָב איך שטענדיק אויסגענוצט די געלעגנהייט אַראָפּצוכאַפּן זיך אויף שבתים צו מיין פעטער.

דער פעטער מענדל איז געווען אַ פּאָפּולערע פּערזענלעכקייט, נישט בלויז אין שטעטל טלושטש אַליין, נאָר אויך אין דער גאַנצער סביבה פון ראַדזימינער קרייז. ער האָט זיך גערעכנט צווישן די רייכסטע און חשובסטע בעלי־בתים פון שטעטל. ער איז געווען אַ וואַלד־סוחר און אויך געהאַט אַ גרויסן סקלאַד פון געהילץ (בוי־מאַטעריאַלן), ער איז אויך געווען אַ בוי־אונטערנעמער פון הילצערנע הייזער און אַקטיוו אין קהלשן לעבן אין שטעטל. זיין ברעטער־סקלאַד האָט ער דאַן געהאַט אויף דעם גרויסן שול־הויף נעבן זיין וווינונג. אויף דעם ריזיקן שול־הויף

האָט שטענדיק געהערשט אַ גרויסער רעש. פון איין זייט פלעגט מען הערן דאָס סקריפּן פון די לאַנגע זעגן פון די טראַטשאַזשעס. איך פלעג דאַן ליב האָבן גאַנצע שעהן צו שטיין און אָבסערווירן, ווי אַזוי די גויישע טראַטשעס צעזעגן די גראָבע קלעצער אויף ברעטער. עס האָט זיך מיר שטענדיק געדאַכט אַז דער אויבערשטער גוי, וועלכער שטייט אַזוי גאַנצע שעהן אויף דעם קלאָץ, פאַלט אָט, אָט, אַראָפּ אויף דער ערד און ווערט געמ׳מת׳ט... פון דער צווייטער זייט האָט דאָס קלאַפּעריי פאַרשטאַרקט דעם רעש פון די האַמערס אין דעם ווערקשטאַט פון קאָסטנס, וואָס זענען געוואָרן פאַבריצירט דורך דעם פעטער מענדל פאַר דער אָרטיקער גלאַז־הוטע. צו דעם אַלעמען איז נאָך צוגעקומען דאָס גערודער און קוויטשעריי פון די „חדר״־ייִנגלעך פון צוויי מלמדים, וועלכע האָבן אָנ־געפירט מיט זייערע „חדרים״: איין חדר אין בית־המדרש און דאָס צווייטע — אין עזרת־נשים. לויט דעם דאָזיקן גערודער האָט מען געקענט מיינען, אַז טלושטש איז אַ פיל גרעסער שטעטל ווי דאָס איז געווען אין דער ווירקלעכקייט.

דער פעטער מענדל האָט געפירט אַ ברייטע שטוב. אַרום דעם שבתדיקן טיש זענען געזעסן זיינע עלף קינדער, און גאַנץ אָפט אויך דאָרט געהאַט אַן אורח אָדער צוויי. מיין פעטער איז געווען באַשאָנקען מיט אַ שיינער שטימע (אגב איז ער געווען לאַנגע יאָרן בעל מוסף אין שטעטל אין די ימים־נוראים), און איך פלעג האָבן אַ גרויס פאַרגעניגן בייצוווינען זיינע שבתדיקע זמירות. ער האָט אויך מיך געהאַלטן פאַר אַ שטיקל מנגן. איך האָב דעריבער געמוזט יעדעס מאָל אים אַקאָמפּאַנירן ביי זיינע שבתדיקע זמירות. נאָך היינט זענען ביי מיר פריש אין זכרון פיל פון זיינע מאַרשן, וואָס ער פלעגט זינגען צו „לכה דודי״ ביי קבלת־שבת, אָדער צו מאַרגנס ביי שחרית צו „אל אדון״.

מיין פעטער מענדל איז געווען אַ מערקווירדיקער טיפּ: אַ ייִד אַ חסיד, אַ שטענגער אָרטאָדאָקס, אַ סימפּאַטיקער פון אגודת־ישראל, און דערביי אַן עסטעט: שטענדיק געטראָגן דעם עלעגאַנטן (לאַנגן) אַנצוג. זיינע הויזן האָבן שטענדיק געהאַט זייער געפּרעסטן קאַנט און דער שטייף געפּרעסטער קראָגן פון זיין העמד האָט שטענדיק געבלאַנקט פון זיין

ווייסקייט. זיין פּליסיקע און כמעט גראַמאַטיקאַלישע פּוילישע שפּראַך פּלעגט ביי מיר, ווי ביי פיל אַנדערע, אַרויסרופן גרויס באַוווּנדערונג. ער איז געווען באַליבט ביי דער גאַנצער באַפעלקערונג פון שטעטל. אויך די פּוילישע איינוווינער האָבן זיך צו אים באַצויגן מיט גרויס רעספּעקט. ער האָט פיל געלייסטעט פאַר וווילטעטיקע צוועקן און געווען באַקאַנט אַלס אַ מענטש פון אַ ברייטער האַנט.

דער נאַצישער מלאך המוות האָט אויך נישט אויסגעמיטן דאָס דאָזיקע יידישע שטעטעלע און עס אָפּגעווישט צוזאַמען מיט דעם גאַנצן יידישן קבוץ אין פּוילן, און צווישן זיי אויך מיין פעטער מענדל פּערל און דאָס רוב פון זיין פאַמיליע הי״ד.

שרה פרל — בני־ברק

אני לדודי

לזכר דודי מנחם מנדל פרל הי״ד

את העיירה טלושטש, הסמוכה לורשה, לא הכרתי באופן אישי. מימי לא ביקרתי בעיירה זו ולא ידעתי מה טיבעה. אולם את שמה אני זוכרת מימי ילדותי. השם הזה הוזכר לעתים תכופות על ידי הורי הי״ד, והכל בזכות דודי, ר׳ מנדל פרל ז״ל, שהיה תושב העיירה.

אבי ז״ל, אלתר פרל, התגורר עם משפחתו בעיר אוסטרובייץ. הוא היה אחיו הצעיר של הדוד מנדל, הבן הבכור להורינו הזקנים ר׳ משה ודבורה ז״ל.

אבי היה מזכיר לעתים תכופות את אחיו מנדל, שעבר לגור מורשה לעיירה טלושטש, (מכאן גם נובע השם מנדל ורשובר — הורשאי) ושם יצאו לו מוניטין כסוחר עצים וקבלן בנין וכאיש המעורב בעניני ציבור. במיוחד היתה אמי גולדה עה״ש — שהיתה אשה משכילה ופיקחית — מזכירה בהערצה את שמו של גיסה ר׳ מנדל.

זכורתני שפעם חזרה אמי מפגישה עם הדוד מנדל. היא היתה מלאת התלהבות ודברה שעות ארוכות על גיסה ר׳ מנדל: „לא ראיתי יהודי חביב ונעים הליכות כמו גיסי ר׳ מנדל פרל״, היתה אומרת לבני ביתה. „יהודי אדוק, לבוש בהידור, מדבר פולנית שוטפת במבטא יפה, שופע הומור ומלא חדות חיים. היה זה ממש תענוג בשבילי לבלות בחברתו״. כך זוכרת אני את דברי אמי על התרשמותה מהפגישה עם הדוד ר׳ מנדל ז״ל.

הייתי אז עדיין ילדה קטנה, ותיאוריה של אמי העלו בעיני את דמותו של הדוד מנדל. שאיפתי היתה לראותו ולהכירו אישית.

אמי היתה רגילה לנסוע מזמן לזמן לורשה והיתה משתדלת תמיד להפגש עם גיסה, כדי להתייעץ אתו בבעיות שונות, משפחתיות או עסקיות. הפגישות בין הורי והדוד התקיימו כמעט תמיד בורשה, ברחוב דז׳ילנה 3, בבית משפחת צבי מורל, גיסו של הדוד. ביתו היה משמש כאכסניה לכל בני המשפחה מערי השדה, בבואם לורשה.

התשוקה להכיר את דודי גברה בי מיום ליום. לבסוף נעתרה אמי להפצרותי והסכימה לקחת אותי עמה באחת מנסיעותיה לורשה, כדי להכיר בהזדמנות זו את הדוד מנדל.

המיפגש עם הדוד יצא גם הפעם לפועל בבית משפחת מורל בורשה. אז ראיתי לראשונה את הדוד מנדל: יהודי הדור בלבושו, מעוטר בזקנקן צהוב, מרכיב משקפיים שמסגרתם מוזהבת, וכל הופעתו אומרת כבוד. הדוד קיבל אותנו בלבביות, כשהוא שופע שמחה לקראת ביקורנו.

קשה להשלים עם המציאות המרה שהדוד מנדל איננו.

בשואה שהנחיתה מלכות הרשע של הנאצים על יהדות פולין, נגדע האילן המסועף של ר׳ מנדל פרל ובני משפחתו. הי״ד.

חבל על דאבדין ולא משתכחין.

ישראל עמיאט — ראטשעסטער

מיט דעם שרייבער שלמה גילבערט און טלושטש

מזל־טוב — איז ביי פוילישע יידן פון ארום ווארשע געווען די ראשי־תיבות פון די סטאַנציעס מאַלקין, זשעלעניעץ, לאָכעווע, טלושטש, וואָלאָמין, ווארשע.

קיין מאַלקין איז מען פון מיין שטעטל אָסטראָווע געפאָרן מיט אַ קאַטש מיט יאַנקל ניאַניאַק, דעם פורמאַן, און פון דאָרט איז די באַן שוין געפאָרן גלייך, אָפּשטעלנדיק זיך בלויז אויף די ווייטערדיקע סטאַנציעס. פון דעם „מזל־טוב", האָט זיך נעבעך אויסגעלאָזן דער גרויסער חורבן און נעבן מאַלקין איז אין די היטלער־יאָרן אויסגעבויט געוואָרן די מעכטיקע טויט־פאַבריק — טרעבלינקע. אָבער נישט דאָס זענען מיר ערשט אויסן. מיר דערציילן ערשט וועגן שטעטעלע טלושטש פון פאָרן גרויסן בראַנד. אַ שטעט־טעלע — איין לאַנג געסל מיט יידישע געוועלבער און מיט עטלעכע געסלעך אין די זייטן. אַ משולח פון אַ ישיבה פלעגט דאָס שטעטל דורכגיין פאַר אַ שעה־צוויי און שוין נישט אויסגעמיטן קיין איין יידישע שטוב.

דאָרט האָט געוווינט מיין מאַמעס ברודער, פעטער אַרקע, וואָס איז געווען אַ בעקער און געהאַט אַ פאַבריקל צו מאַכן סאָדע־וואַסער און קוואַס און געהאַט אַ שפּייז־געוועלב, און פון אַלע אַרבעטן געלעבט אויף וועקסלען, געליען אין איין אָרט און געצאָלט אין אַ צווייטן, אָבער אין די אָוונטן געלערנט תורה און אין שבתים אויפגעשטאַנען פאַרטאָג, אָפּגעזאָגט תהילים, געלייענט די סדרה מיט די קינדער. דערנאָך, נאָך אַ בלאַט גמרא, געטרונ־קען טיי, וואָס איז געשטאַנען אין אויוון איינגעדעקט מיט אַ וואַטענעם טוך אַזוי ביזן דאַוונען. און דאָס גערער שטיבל (קלויז) איז געשטאַנען אויפן הויף, און אַן אַלט־אַלטער, הויך־הויכער בוים איז אויפן הויף גע־

שטאָנען און אויסגעוויינט דעם גאַנצן עלנט פון שטעטעלע און פאַרטויבט די געשרייען פונעם פוילישן שכנס שטוב, פון סוכאָדאָלסקין, דעם חזרניק, וואָס פלעגט שלאָגן מכת־רצח זיין ווייב, דער שיינהייט, ווי ער פלעגט קוילן זיינע חזירים.. די רציחה איז געווען איבער אירע לינקע ליבעס, וואָס זי פלעגט פירן, אַז דאָס שטעטעלע איז געגאַנגען אויף רעדלעך.

און אין טלושטש האָט געוואוינט שלמה גילבערטס פעטער קאַפּל, זיין מאַמעס ברודער, אַן אָרעמער מילך־ייד מיט איין קו און אַ טאָכטער, אַן אַלטע מויד, וואָס האָט קיינמאָל נישט חתונה געהאַט. קאַפּל האָט געהאַט אַ שיינע שטימע און פלעגט זינגען זמירות שבת פאַרנאַכט צו שלוש סעודות. און זיין שטימע איז געווען פון דעם טרויעריקן גערויש, פון דעם איינציקן בוים אויפן הויף פון פעטער אָרקעס הויז. איך פלעג אַרויספאָרן קיין טלושטש אויף די שבתים צום פעטער אָרקע, און שלמה גילבערט — צו זיין פעטער קאַפּל מיט די שווינדזיכטע לונגען.

זיין פעטער קאַפּל האָט זיך מיט אים געצאַצקעט; ער איז געווען ווי אַ צירונג אין זיין ווייס־געקאַלכט הויז. שלמה גילבערט איז שוין דעמאָלט געווען באַרימט ווי אַ שרייבער ; זיינע נאָוועלן זענען שוין אַרויסגעגעבן געוואָרן דורך דעם פאַראיין פון יידישע ליטעראַטן און זשורנאַליסטן אויף טלאָמאַצקע. זיינע אַ פּיעסע איז איבערגעזעצט געוואָרן אויף העברעאיש און אָפּגעדרוקט געוואָרן אין אַזאַ זאַמלונג, ווי עס איז געווען די „התקופה", און דער ליטעראַטן־פאַראיין האָט וועגן אים אַ סך גערעדט, סיי ווי אַן אָריגינעלן דערציילער, אַ תלמיד פון י. ל. פּרץ און סיי ווי וועגן זייער אַן אָריגינעלן מענטש.

איך האָב דעמאָלט געהאַט נאָר אָפּגעדרוקט עטלעכע לידער אונטערן פסעוודאָנים י. יאַנאָווער, אָבער עס האָט מיך געצויגן צו שלמה גילבערטן, וועמענס ראָמאַנטישע דערציילונגען איך האָב אַזוי ליב געהאַט, און גיל־בערטן דעם מענטש, וואָס דאַוונט, לייגט תפילין, זעט כסדר יענע וועלט אויף טריט און שריט, און איז פול מיט סודות. ער איז געווען אַן אַנהענ־גער פון ספּיריטואַליזם, בייגעווען אויף ספּיריטואַליסטישע סעאַנסן און געהאַלטן, אַז מען קען זען טויטע פון יענער וועלט.

איך פלעג מיט אים מאַכן לאַנגע שפּאַצירן, דערגאַנגען אַזש צום ווייטן

דאַרף פּאַסטעליסק, פון וואַנען מען פלעגט נעמעןביים פּעטער אַרקע קוואַס אויף זייערע חגאות. דאָרט איז געווען אַ געדיכטער טרוקענער וואַלד אויף אַ זאַמדיקער הויכעניש. אַז ס׳איז געווען אַ הייסער זומערדיקער טאָג פלעג איך גילבערטן מיטנעמען זיין האַמאַק, דאָס וואַלד־בעטל, וואָס מען בינדט צו מיט שטריק צוביימער. ער פלעגט זיך דערין לייגן; איך — נעבן אים אויף דער ערד, און מיר פלעגן שמועסן...

אין וואַלד איז קיינער נישט געווען. שטיל־שאַ, נאָר ווען אַמאָל פלעגט אַ פויגל ווי אויפוועקן זיך פון אַ לאַנגן דרימל און דורשניידן די לופט מיט אַ פּאַרצויגענעם טרעל. שלמה גילבערט פלעגט לייכט איינדרימלען, נאָר זיך פלוצים אויפכאַפּן, זיך אומקוקן, ווי עמעצער וואָלט אים פאַרשווונדן:

— דו זעסט גאָרנישט?

— איך זע בלויז אַ פויער מיט אַ פוּיערטע אויפן זאַמדיקן וועג.

— האָסט אַ בלאָם (בעלמע) אויף די אויגן; אַז מען האָט אַ גוטע ראיה זעט מען.

— ר׳ שלמה, אָבער איך זע דאָך פאָרט נישט.

— דו זעסט אַ סך זאַכן נישט, מען דאַרף מאַכן גימנאַסטיק מיט די אויגן ווי אַ שילאַטש (אַ גיבור) מיט זיינע מוסקולן, און דאָס פידעלע, מיינסטו גיט זיך אַזוי שנעל אונטער? דער שפּילער מאַטערט זיך לאַנגע יאָרן ביז ער באַקומט פון דעם עפּעס אַרויס אַ ניגון. הייסט עס דאָך, אַז דער ניגון ליגט אין סמיטשיק און אין בויגן פאַרבאָרגן ווי אַ קינד אין דער מאַמעס בויך איידער עס ווערט געבוירן...

— און וואָס זעט איר, ר׳ שלמה? — קוק איך אויפן צעפלאַמטןביי־נערדיקן פּנים פון גילבערטן.

— איך זע אין יעדן גרעזל אַ נשמה... יעדער בוים איז דורכזיכטיק ווי גלאָז, און דעם שניט־קרעמערס טאָכטער דאָ, אין טלושטש (דאָס וווּנ־דערלעך שיינע מיידל, וועגן וועלכער מיר פלעגן אָפט רעדן), מיינסטו דאָך, אַז דאָס שיינע פּנים איז אירס? ס׳איז אַ שפּיגל, נישט מער. די שיינקייט איז ערגעץ ווייט, ווייט...

* * *

איך בין געווען אַ ישיבה־בחור, נאָר שוין אַזוי פיל געזען די וועלט! אין אַזוי פיל שיינע פנימער געווען פאַרליבט און שעמעוודיקע בליקן געוואָרפן, און אַפילו אין זיך מחבר געווען אַזאַ שיינעם ניגון, אַ טראַגישן ניגון, עפּעס אַ מעדיטאַציע אויפן ניגון פון „כל נדרי", אויפן שיינעם פּנים, וואָס פלעגט זיך ווייזן אין אַ פענצטער אינעם וואַרשעווער הויף־קאַסטן קעגנאיבער דער ישיבה אונדזערער.

אַ יונגערמאַן האָט מיך געהאַט באַקענט מיטן מיידל. איך ווייס נישט פאַרוואָס, איך האָב איר אַזוי געוואָלט געפעלן. איך האָב פאַר איר אויסגעשאָטן מיין גאַנץ ביסל וויסן, מ׳שטיינס געזאָגט; פון די אַלע ביכער, וואָס איך האָב געלייענט ביי מיין פעטערס זון, ווו איך בין איינגעשטאַנען. מיין פעטערס זון האָט געהאַט סאַלאָמאָן מיימון אין פויליש און ביכער פון בודוען דע קורטענעי, דעם וואַרשעווער פּראָפעסאָר (דער מאָדנער פּראַנצויזישער קלאַנג פונעם נאָמען איז אויך עפּעס ווערט!) און ראַבינ־דראַנאַט טאַגאָרע און טווים. דער יונגערמאַן האָט מיר געזאָגט, אַז דאָס מיידל פרעגט זיך אָפּט אויף מיר. איך האָב דערציילט שלמה גילבערטן און ער איז צוגעשטאַנען, איך זאָל אים באַקענען מיט איר און מיטן יונגנמאַן.

שלמה גילבערט האָט אויף איר געווירקט מיטן נאָמען פון אַ שרייבער. בלויז דאָס וואָרט שרייבער איז דעמאָלט נישט געווען אַזוי אָפּגעריבן ווי היינט, און מיידלעך, אַפילו יונגע, זענען משוגע געוואָרן פאַרן דאָזיקן טיטל. שלמה גילבערט וואָס האָט מיט זיך שטענדיק געטראָגן געטהעס „פאָוסט" אין דייטש, האָט שלעכט גערעדט פויליש, און צום אויסגעפּוצטן יונגערמאַן מיטן בערדל, וואָס ער האָט געהאַלטן אין איין מאַכן קירצער, אויסציפּנדיק די האָר, איז זי נעענטער געווען צו אים ווי צו שלמה גיל־בערטס אייגנאַרטיקער פילאָזאָפיע.

— ס׳איז גאָרנישט מיט גאָרנישט... הבל הבלים — האָט ער די דאָ־זיקע צעטרוימייטערטע ליבע אין שטעטל מבטל געווען. פלאָך פלאַך, אַ פויגעלע געפלויגן.

* * *

שלמה גילבערט האָט אַ סך גערעדט מיט מיר וועגן נגינה. דאָס איז ער געווען אונטערן איינפלוס פון בראַצלאַווערס ספרים. כאָטש ער האָט קיין קלאַסישע מוזיק נישט געקענט און מיט נגינה האָט ער געמיינט מאַדזשיצער נגינה, וואָס איז אין גרונט גראַד נישט אָריגינעל און פרימיטיוו, כאָטש שיין און נאָגנדיק. ער פלעגט זייער אָפט זינגען אַ טרויעריקן ניגון און געהאַלטן אַ וועלט פון אַלטן מאַדזשיצער, ווען מען האָט אָראָפּ־גענומען אַ פוס אין אַן אָפּעראַציע און דעמאָלט האָט ער באַשאַפן זיין באַרימטע קאָמפּאָזיציע „אזכרה". ער האָט געקענט אַ סך מאַרשן און פלעגט ליב האָבן זיי אויסצושפּילן אויף אַ קעמל מיט ביבעלע פּאַפּיר. איך פלעג אים זינגען מאָטיוון פון קלאַסישע קאָמפּאָזיציעס, וואָס איך האָב געהערט פון מיין פעטערס זון, וואָס פלעגט באַזוכן די וואַרשעווער פיל־האַרמאָניע.

פאַר די דאָזיקע מאָטיוון האָט ער מיך ליב געהאַט אַ סך מער ווי פאַר מיינע לידער, פון וועלכע ער האָט נאָך דעמאָלט נישט צופיל געהאַלטן — ס'פּיקט זיך עפּעס... מ'עט זען... פליסט נאָך דערווייל ווי אַ האָן איבערן דאַך, נידעריק, נידעריק. מ„דאַרף פליען הויך, אַ צענעם טאָן די פליגל...

דערפאַר איז ער געווען אַ גרויסער קענער אין קבלה און חסידות און נישט אויפגעהערט צו לויבן זיין גרויסן רבין יצחק לייבוש פרץ, וואָס האָט אים געלערנט.

— אַ גרויסע נשמה!

שלמה גילבערט האָט מיר דערציילט, ווי י. ל. פרץ איז אַמאָל אָפּגע־זעסן אַ גאַנצן אָוונט איבער זיינער אַ סקיצע, פון די ערשטע סקיצן, ביז ער האָט פון איר „געמאַכט אַ מענטש".

* * *

קיין סך שרייבן, האָט שלמה גילבערט נישט געשריבן. זיין געזונט איז כסדר אונטערגעבראָכן געוואָרן פון דער שווידערלעכער קראַנקייט. זיין

ברודער פנחס פון דעטראָיט האָט אים רעגולער געשטיצט. איך האָב אים זעלטענער געזען אין טלושטש. איך פלעג אים נאָך אַמאָל זען אין ליטע־ראַטן־פאַראיין. געוווּסט, אַז ער האָט חתונה געהאַט מיט אַן אײדל, צאַרט ווֶעזן, אויך לונגען־קראַנק, ווי ער.

דאַכט זיך, אַז זיין פעטער קאָפּל איז נאָך געשטאָרבן פאַר דער מלחמה. (מיין פעטערס הויז איז צעשטערט געוואָרן באַלד אין די ערשטע טעג פון דער ערשטער וועלט־מלחמה). די, וואָס האָבן נישט באַוויזן צו אַנטלויפן, פון דער צווייטער וועלט־מלחמה, זענען שפּעטער פאַרברענט געוואָרן אין טרעבלינקע. שלמה גילבערט איז אומגעקומען אין 1942.

(אויסצוג פון בוך: „צוליב די 10 אומשולדיקע")

מיין רבי און דעם קיסרס פארטרעט

ביים רבין ר׳ ישכר אין חדר איז אַלץ געווען וווּנדער.

דער רבי אַליין, איז דיר נישט געווען קיין פּראָסטער מלמד, געהאַט זיין קאַפּריז.

מער ווי אַכט יינגלעך האָט ער נישט צוגענומען און אָנקומען צו אים איז אויך דיר נישט געווען פון די לייכטע זאַכן; יעדן ערב־זמן, חול־המועד־סוכות, אָדער חול־המועד־פּסח, ווען ער האָט אָנגענומען נייע חדר־יינגלעך, איז ער נישט אַרומגעגאַנגען, ווי אַנדערע מלמדים נעבעך און געשנאַפּט, ווו מען קען באַקומען אַ תלמיד. ר׳ ישכרן פלעגט מען רופן אַהיים.

אויסגעקליבן ר׳ ישכרן פאַרן דריטן רבין מיינעם, האָט די באָבע. דער זון אירער, דער פעטער אַרקע, האָט נאָך ביי אים געלערנט, האָט מען טאָקע גערופן ר׳ ישכרן איינעם אַ חול־המועד־סוכות אַהיים, געשטעלט מעד מיט ניס, ר׳ ישכר האָט מיך פאַרהערט און אַזוי בין איך געבליבן זיין תלמיד.

און אַז כ׳האָב באַטרעטן די שוועל פון חדר — האָבן זיך ערשט אָנ־געהויבן די נסים; אַלץ איז דאָ געווען אַנדערש, ווי אין אַלע חדרים.

קודם די ריינקייט און ציכטיקייט אין יעדן ווינקעלע, און די רביצין, אַלטע, וואָס מיר האָבן זי שפּעטער מיט גרויס חשיבות גערופן „ר׳ אַלטע״. שטעלט זיך פאָר: אַ יידענע, וואָס פאַרשטייט גמרא! כאָטש נעם זעץ זי אַוועק אויפן רבינס אָרט, וועט זי לערנען מיט די תלמידים... הייליק פרום, מיט אַן אָפּגעגאָלטן קאָפּ (נישט צו טראָגן חלילה די אייגענע האָר), מיט אַ ציפּעקל אויפן קאָפּ — פלעגט זי אַלץ באַוויזן אָפּצוטאָן. געדאַוונט באַלד פאַרטאָג דאָס גאַנצע דאַווענען (אַן אישה איז דערפון פטור, אָבער

אונדזער רביצין האָלט, אַז קיין חוב איז עס טאַקע נישט, אָבער אַ מצווה איז עס פאַרט!), האָט זי נאָך באַוויזן אויפצורוימען (אַלץ הייסט אויפרוי־מען!) אין שטוב און צוגרייטן עסן פאַרן מאַן און דערנאָך זיך פאַרקלייבן אויפן מאַרק האַנדלען מיט קאַפּ־טיכלעך און מיט פּאַטשיילעס. דערמיט וויל זי זיין דאָס פוסבענקעלע פון מאַן אויף יענער וועלט — זי טראָגט עפּעס צו צום פּאַרדינסט. איז קודם דאַרף דער מאַן זיך נישט איבערמאַטערן און נישט חנפהנען די גבירים אויף צונעמען זייערע יינגלעך מיט די פאַר־שטאָפּטע קעפּ אין חדר. ער האָט געענוג אַכט אָפּגעקליבענע יינגלעך. און די שיינקייט פון רבין ר׳ ישכרן אַליין! הויך און געשטאַלטיק און צו די זיבעציק יאָר — מיט אַלע ציין! און אַז מען דאַרף עפּעס פאַרריכטן אין שטוב: אַ טיש, אַ באַנק, אַ טיר — איז דאָ אַ האַק מיט אַ העקל, מיט אַ האַמער, מיט אַ זעג, און דער רבי גיט זיך אַן עצה אַליין אַן אַ באַל־מעלאָכע.

בכלל איז מלאכה אַ שטוב־זאַך ביי דער משפחה דעם רבינס. נעמט אַ שטייגער דעם רבינס שוואָגער עליע־פּייוול דעם מוליער, מיט אַ סאַ־מעטן היטל, מיט געקרייזלטע פּיאות, אַן אַלעקסאַנדערער חסיד, אויך שוין אַ יאָר זיבעציק. און אַז עליע־פּייוול מאַכט אַן אויוון — שטייט ער אָפּ יאָרן אַן רעמאָנט. און עליע־פּייוולס אייניקל איז טאַקע איינס פון די וווּנ־דער אין מיין רבינס משפּחה. הייסן הייסט ער שמחה פּיעטרושקע, איז אַ גלוח און שרייבט אין די גאַזעטן, נאָר אַז ער קומט אַמאָל אַראָפּ פון וואַרשע צום זיידן זיינעם און קומט צו גאַסט צום רבין ר׳ ישכר, איז ער, דער רבי, אים אַלץ מוחל; דער גאונישער קאָפּ! הער אַ מעשה! ער פאַרהערט אונדז קונדסים דאָס לערנען אויף אויסנווייניק און קוקט נישט אַריין אַ וואָרט און זאָגט אייך גאַנצע בלעטער גמרא מיט אַלע מפרשים „ווי עס שטייט און גייט״.

איז האָבן מיר עס געהאַט וווּנדער ביים נייעם רבין אונדזערן און יעדער טאָג איז געווען עפּעס אַ נייעס: קודם־כל אונדזער רביצין מיט אונדזער רבין — בית הלל מיט בית שמאי; ביי אונדזער רבין האָט זעלטן וועד געזאָגט ווי סע באַדאַרף צו זיין. אָט אַזוי, אַ קפדן! ער האָט געוואָלט,

אז מיר, חדר־יינגלעך, זאָלן פּונקט אַזוי זאָגן ווי ער האָט געזאָגט. נאָר אונדזער רביצין, ווי דער גוטער הלל, פלעגט זיך שטענדיק אַריינמישן:

— וואָס ווילסטו פון זיי? זיי זאָגן דאָך ווי סע באַדאַרף צו זיין.

דערפאַר טאַקע האָבן מיר זי ליב געהאַט, געהאָלפן איר יעדן אינדער־פרי אַרויפלייגן אויף דער פּלייצע דאָס פּעקל מיט די טיכלעך, וואָס זי פלעגט פאַרקויפן אין מאַרק און טאַקע גערופן זי מיטן אויסטערלישן נאָמען „ר׳ אַלטע״, ווי מען רופט אַ מאַנספּאַרשוין.

האָבן זיך אַזוי געצויגן די טעג, מאָדנע טעג פון אונדזער צען־יאָריקן עלטער: מיטן רבינס אויסזאָגן אַ גאַנצן יום תהילים פאַרן לערנען און מיט דער רביצינס אויפגעבן אים עסן אַ גאַנצע שיסל, ווי מען גיט עס אויף אַ באַלמעלאָכע, נישט ווי קיין אײדעלן בן־תורה; און מיט אירע מעשיות אָן אַ שיעור, וואָס איין גאָט ווייסט, ווו זי האָט זיך עס אָנגעלייענט אַזוי פיל; און מיט אונדזער ערשטן דערקענען די וועלט פון דער גמרא און מער נאָך פון אונטערהערן, אונטערקוקן, אונטערסודן זיך, גנבענען ברעקלעך טעג ביים הימל, ביים פעלד, הערן יידן דערציילן נייעס פון די בלעטער, אויסטערלישע נייעס פון דער מלחמה; זען ווי עס בייט זיך די ממשלה; אויפן אַרט פון פּאַוולאָוון מיט די גרויסע וואָנצעס, מיט די זילבער־שליפעס — דער רוסישער פּאָליצײמייסטער; אויפן אַרט פון נאָכ־לויפן די „מוזיקע״ אין די „גאַלוווקעס״, אויפן אַרט פון דעם אַלעם — די גרינע מונדירן פון „יעקעס״, זעלנער מיט די שטאָל־העלמען ווי פייער־לעשער, מיט פּאַסן און אויפשריפטן אויף די שלעסער „גאָט מיט אונדז״, און מיט פירן „ענטלויזן״ אַ קילאָמעטער פון שטאָט אין עפּעס אַ באָד; און מיט הויכע געשרייען אין מאַרק „ראַגן״, „ראַגן״ ביי די פּויערישע פורלעך (קאָרן הייסט עס, קאָנפיסקירן), און מיט געהיימע פאַרבריקלעך בראָנפן און זייף און מיט שמוגלערס.

נאָר וואָס האָט עס אַלץ זיך אָנגעהערט צום קיסרס פּאָרטרעט?

...הויך איבערן פענצטער, צווישן דעם ספרים־שראַנק און דעם זייי־גער איז ער געהאָנגען, דער פּאָרטרעט פון קיסר ניקאָלאַי דעם צווייטן.

ווען „פּאַניע״ האָט נאָך געהאַט די שליטה, פלעגט פּאַוולאָוו פון צייט צו צייט זיך אַריינכאַפּן אין חדר מיטן אינספּעקטאָר.

פּאַוולאָוון איז אָנגעגאַנגען דער חדר ווי דער פּאַראַיאַריקער שניי, אַ נפקא מינה אים צי אין חדר איז ריין צי נישט, נאָר דעם אינספּעקטאָר פלעגט ער פונדעסטוועגן פירן, כדי שפּעטער, שוין אָן אים, וואַרטן אויפן „פּערטעלע״, וואָס די רביצין האָט אים אָנגעגרייט אויסצוזופּן.

דאָס ערשטע, אַרום וועלכן פּאַוולאָוו האָט לשם יוצא וועגן זיך גע־פּאַרעט — איז שטענדיק געווען דעם „קיסרס פּאָרטרעט״: צי איז די שויב חלילה נישט באַפלעקט מיט פליגן־אָפּפאַל און צי איז אויפן רעמל נישטאָ קיין שטויב.

איז טאַקע געגאַנגען אַ שייערײ אַרום דעם קיסרס בילד.

האָט ער טאַקע ניקאָלאַיקע געבליאַסקעט מיט דער גרינער, זיידענער לענטע פּאַפּעראָק דער ברוסט, מיטן גרויסן אָרדן צעפליגלט ווי אַ ווייסע רויז, מיט די מעדאַלן, מיטן געשווירענעם בערדעלע און מיטן נאַרישן, געקראַכמאַליעטן בליק.

אַלץ אין דער וועלט אין רבינס חדר האָבן מיר איבערגעדרייט מיטן קאָפּ אַראָפּ: דעם רבינס כלי־זין, די העק און זעג און העמערלעך, זיך געדרייט מיט באַלעקן (פאַרוואָס עפּעס באַלעק? ווייל ער איז אַזוי גע־קראָכן אויף אַלע פיר, ווי באַלעק דער פּיאַניצע) דעם פוילן קאָטער, נאָר דעם קיסר אַליין — אַ האָר נישט גערירט, אַז דער טייוול האָט אַזש גענומען! שטייט ער דאָרט אינדערהויך און קוקט אַראָפּ מיט אַזאַ גאווה אויף אַלץ און אַלעמען און ריר אים נישט אָן!

די מורא אָנצורירן דעם „הוד מלכותו״ איז שוין אַזוי אַריין דעם רבין אין געוואוינשאַפט, וואָס דאַרפט איר מער? דער „דייטש״ איז שוין לאַנג געווען דער מושל אין שטעטל, נאָר דער לעצטער קיסר פון די ראָמאַנאָווס איז נאָך אַלץ געהאָנגען אויף דער וואַנט.

אמת, פּאַוולאָוו איז שוין נישט געווען, דער אינספּעקטאָר איז שוין נישט געקומען קאָנטראָלירן, אָבער ניקאָלאַי האָט נאָך אַראָפּגעקוקט אויף אונדז מיט עבר־בטלדיקער אָנגעצויגנקייט, ווי לאָמיר זאָגן, משה גרונם,

דער אָפּגעקומענער גביר, וואָס גייט נאָך אַלץ אַרום מיטן אָפּגעשאָסענעם מעלאַניק, און שטעטס, אַנגעצויגן, יחוסדיק, און טראָגט זיך אַרום אין דער סאַדזעווקע מיט אַלט־רוסישע ביכער, אָדער ווי דער צווייטער שטייענדיקער זייגער קעגן פּאָרטרעט, וואָס נישט מיין רבי, נישט די רביצין נעמען אים נישט אַראָפּ.

* * *

ביז איינמאָל איז געקומען דער טאָג אויפן פּאָרטרעט.

אין שטעטל האָט עס גערוישט, רעדלעך־יידן האָבן זיך געזאַמלט, גע־שטאַנען ביי יאַנקלען, דעם צייטונגס־פאַרקויפער אין דער ריי נאָך צייטונגען און מיר האָבן געהערט נייעס פון טאַטן, פון זיידן, פון שכנים, פון די שמועסן צווישן רבין און דער רביצין: א רעוואָלוציע אין רוסלאַנד! דעם קיסר האָט מען אַראָפּגעוואָרפן!

וואָס אַזעלכעס איז דאָרט פאַרגעקומען — האָבן מיר נישט פאַרשטאַנען. וואָס אַזעלכעס רעוואָלוציע איז — האָט אונדזער צען־יאָריקער מוח נישט משיג געווען, נאָר אַז מיטן קיסר איז נישט גלאַטיק — האָבן מיר שוין תופס געווען. דער פּאָרטרעט איז פּלוצעם אויסגעקומען אין אונדזערע אויגן ווי עפּעס א רוישנדיקע פליג, וואָס רוישט, רוישט, רוישט און גיט זיך פּלוצעם א זעץ אָוועק אויף דער וואַנט געפּגרט און קלעפּט זיך צו.

דאָ איז פאַרגעקומען מיטן פּאָרטרעט יענער ווונדער, ווי שפּעטער, ווען כ׳האָב א 15־יאָריקער בחורל געבראַכט אין שטוב אַריין צום שבתדיקן טיש דעם משכיל, נפתלי הערץ וויזלס ספרל מיט רשי־כתב, וואָס האָט אויסגעזען ווי א פרום חיבורל, פון יענע הייליקע ספרימלעך, וואָס אַז זיי פלעגן אַראָפּפאַלן — פלעגט דער זיידע זיי אויפהייבן און געבן א קוש — און דאָ האָט דער זיידע פּלוצעם א נעם געטאָן דעם חיבור, אים א וואָרף געטאָן אויפן דיל און געגעבן א שפּיי:

— טפו זאָל עס ווערן, ס׳איז א טריף־פסול.

דער רבי האָט א כאַפּ געטאָן דעם פּאָרטרעט מיט אַזאַ רוגזה, ווי ער וואָלט זיך נוקם געווען נישט בלויז אין אים אַליין, נאָר אַלע יאָרן פּחד

פאַרן פּאָליצמייסטער, פּאַוולאָוו, מיטן אינספּעקטאָר צוזאַמען — און פאַר־רוקט אים אונטערן קאָמאַד.

מער האָבן מיר קונדסים נישט באַדאַרפט. פון אונטערן קאָמאַד האָבן מיר דעם פּאָרטרעט אַרויסגעשלעפּט שפּעטער, ווען דער רבי מיט דער רביצין זענען נישט געווען, און מיר האָבן זיך, ווי פרייע לאַשעקלעך געקאָלערט אין פעלד, אַרויסגענומען דאָס גלאָז און דאָס רעמל, האָבן מיר זיך צעטיילט מיט די אָרדנס און מיטן קאָלירטן באַנד מיט ראובנען און שלמהלען, מיינע בעסטע חברים. דעם קאָפּ מיטן בערדעלע האָט באַקומען עוזר, וואָס דערציילט אַלע סודות דעם רבין, ווער סע קאָמאַנדעוועט און שטיפט און דרייט איבער די שטוב:

— נאָ, האַלט דיך ביים קאָפּ פון „קיסר״!

אַזאַ מין נקמה האָט דאָס געוועזענע חדר־ייִנגל דערלעבט אין אַ צווייטן פּאָרטרעט. אָבער דאָס איז שוין געווען אין אַ סך, אַ סך יאָרן אַרום.

דאָס איז געווען אין כאַבאַראָווסק, דער שטאָט אויפן ווייטן מזרח, נאָך דעם ווי איך האָב זיך צוריקגעקערט פון איינעם פון די טויזנטער לאַגערן, אין וועלכע די רעוואָלוציע האָט זיך פאַרוואַנדלט.

עס איז געווען אין איינער אַן אינטעליגענטער רוסישער שטוב און דער מאַן איז נאָר וואָס געקומען פון אַ קרייז, ווו מען האָט פאַרגעלייענט די באַקאַנטע רעדע וועגן סטאַלינס גרויזאַמקייטן (דעמאָלט האָט מען עס נאָך גערופן „טעותים״). סטאַלינס פּאָרטרעט, וואָס איז געהאַנגען ביים מאַן איבערן שרייב־טיש אין אַ באַגילדעטער ראַם איז אַראָפּגעשליי־דערט געוואָרן מיט אַזאַ רוגזה, נאָך אַ סך צאָרנדיקער ווי דעמאָלט, ווען מיין רבי האָט זיך נוקם געווען אין צאַר ניקאָלאַי.

אָט ליגט צעשמעטערט דאָס בילד, דאָס זעלבע בילד וואָס איז געהאַנגען ביי מיין אויספאַרשער איבערן קאָפּ בשעת מען האָט מיך געפּייניקט, דאָס בילד פון אַ מאַן מיט די גרויסע וואָנצעס און מיטן געשטופּלטן פנים, אין וועלכן די פאָטאָגראַפן האָבן אַזוי פיל אַריינגעאַרבעט צו מאַכן פון אים אַ „קראַסאַוויעץ״, וואַלגערט זיך פאַר מיינע אויגן, ווי עס האָט זיך אַמאָל קינדוויז געוואַלגערט דאָס בילד פון צאַר ניקאָלאַי.

(ישראל עמיאט — זן בוך: „אין די מיטעלע יארן)

שואה וחידלון

חורבן און אומקום



בערל סאַט   קינות

חנוך פערעל — בני־ברק

מיינע איבערלעבונגען בעתן צווייטן וועלט־קריג

נאָכדעם ווי דאָס שטעטל טלושטש איז געוואָרן באַזעצט דורך דעם דייטשן אָקופּאַציע־מיליטער, איז באלד נאך דער באמבארדירונג דער דורך יידן באוווינטער טייל פון שטעטל געווען כמעט אין גאַנצן הרוב. דער רוב פון דער דאָרטיקער יידישער באַפעלקערונג איז נאָך געווען אין די שכנות־דיקע דערפער, וווהין זיי זענען זיך צעלאָפן באַלד ווען דער שטח פון דער באַן־ליניע איז געוואָרן שטאַרק באַמבאַרדירט. דאָס האַרבסטיקע, רעגנדיקע וועטער האָט ווי מיטגעוויינט מיט די טלושטשער יידן, וואָס זענען פּלוצים פאַרוואַנדלט געוואָרן אין דאַכלאָזע און הילפסלאָזע פּליטים.

אָן אויסנאַם איז געווען דאָס הויז פון מיין פאָטער מנחם־מענדל פּערל ז״ל, וואָס האָט זיך געפונען מער אין דעם קריסטלעכן טייל פון שטעטל און איז כמעט געבליבן גאַנץ. חוץ דעם דאָך, וואָס איז געוואָרן באַשעדיקט, און דער רעגן האָט דורכגעווייקט די סופיטן.

איך בין דאָן געקומען פון דאָרף קאָזלי, ווו מיין פאָטער ז״ל מיט זיין פאַמיליע זענען געווען איינגעקוואַרטירט ביי זיינס אַ היימישן פויער. צוזאַמען מיט מיר איז אויך געקומען מיין שוועסטער ברײַנדל מיט אירס אַ זויגלינג און אייניקע נישט פאַרהייראַטע שוועסטער, ווי אויך אַ קוזין, אַ יונגער בחור פון 17—18 יאָר, וועלכער איז געקומען צוגאַסט פון לובלינער געגנט האָרט פאַר דעם קריגס־אויסברוך און שוין נישט געהאַט די מעגלעכקייט צוריקצופאָרן.

מיר האָבן פאַרנומען אַ דרייצימערדיקע וווינונג אין אייגענעם הויז, וואָס האָט זיך אויך געפונען אין דעם אומבאַרירטן קריסטלעכן קוואַרטאַל אויף דער צווייטער זייט פון דער באַן־ליניע, ווו עס האָבן זיך קאָנצענטרירט די מיטגלידער פון דער גלאָז־הוטע „פּושישלאַשטש״.

אייניקע טעג בין איך געווען פאַרנומען מיט דער רעפּעראַטור פון הויז פון מיינע עלטערן. קודם כל דעם דאַך. צוליב מאַנגל אין דאַכוווקעס האָט מען דעם גרעסטן טייל פון דאַך געדעקט מיט ברעטער פון מיין פאָטערס ברעטער־סקלאַד, וואָס איז צוליבן אָפּברענען פון פלויט געמוזט ווערן געהיט. אויך די טירן זענען געוואָרן אויפגעריסן און די וווינונג באַרויבט. זייענדיק אויפן סקלאַד, זענען געקומען דריי דייטשע אָפיצירן און געבעטן געשיר פאַר זייער קאַנטינע. איך האָב זיי געוויזן דאָס אָרט און זיי האָבן גענומען, וואָס עס איז נאָך געבליבן נאָכן רויבן מצד די אָרטיקע איינוווינער.

מיט אייניקע טעג שפּעטער האָבן די דייטשן רעקווירירט ביי מיר אין הויז (אין דעם קריסטלעכן קוואַרטאַל) אַ גרויס צימער מיט אַ ספּעציעלן אַריינגאַנג, און עס פאַרוואַנדלט אין אַ קאַנטינע פאַר זייערע אָפיצירן. פון דער קאַנטינע איז אויך געווען אַן אַריינגאַנג צו מיר אין דער וווינונג. עס פלעגן זיך דורך מיין וווינונג דרייען דייטשע אָפיצירן און זעלנער, וועלכע פלעגן מיט מיר גאַנץ אָפט פירן געשפּרעכן אויף פּאָליטישע טעמעס. איך האָב זיך באַמיט צו זיין ווי ווייט מעגלעך פאַרזיכטיק מיט זיי. איינמאָל, שמועסנדיק מיט אַ דייטשן זעלנער, האָט אַ שכנותדיק שייגעצל אָנגעוויזן אויף מיר, אַז איך בין אַ „יודע״. ער האָט דערפאַר אויפן אָרט באַקומען אַ קלאַפּ פון דעם דייטש. דער רוב זעלנער האָבן געוווּסט, אַז מיר זענען יידן.

אונדזער רו האָט אָבער נישט לאַנג אויסגעהאַלטן. באַלד אין דעם צווייטן טאָג נאָכן עפענען די קאַנטינע האָבן זיך אָנגעהויבן אונדזערע צרות. איינמאָל קומט אַריין פון דער קאַנטינע צו אונדז אין צימער אַ שיכורער דייטש און גייט גלייך צו צו אונדזער קוזין, אהרון אַבפּייער (מיט אַ ספּעציפיש סעמיטישן אויסזען). דער דייטש פרעגט אים כהאי לישנא :

— „זאָג, ביסטו אַ יודע? ווען דו ביסט אַ יודע ווערסטו גלייך דערשאָסן! אַ יודע, דאָס איז דער טויפל (טייוול)!"

רעדנדיק אַזוי מיט גיפטיקן שוים אויף זיינע ליפּן, האָט ער זיך געכאַפּט צום רעוואָלוועד. על־פּי נס איז אַריינגעקומען אַ צווייטער דייטש, און האָט דעם באַזאָפּענעם אַרויסגעפירט פון שטוב און אונדז באַרויִקט. מיין קוזין איז תיכף אַוועק און מורא געהאַט זיך ווייטער צו באַווייזן צווישן די דייטשן.

אַרום 9 אַזייגער אָוונט קומט אַריין צו מיר אין שטוב פון דער קאַנטינע אַן עלטערער פעלדוועבל און, שמועסנדיק מיט די זעלנער, ווענדעט ער זיך פּלוצים צו מיר מיט דער פראַגע, צי כ׳בין אַ ייד, אויף וואָס איך באַשטעטיק אים זיין פראַגע. ער פרעגט מיך ווייטער, צי אויך מיין פאָטער און מוטער זענען יידן. ווען איך האָב געגעבן אַ פּאָזיטיוון ענטפער, איז ער געוואָרן אויפגעברויזט און זיך צעשריגן: „אויב אַזוי, ביסטו דאָך אַ גאַנצער יודע, און ווי דערלויבסטו זיך אַלס אַזעלכער צו זיין צוזאַמען מיט דייטשע סאָלדאַטן".

אַזוי רעדנדיק, כאַפּט ער מיך אָן ביים קראַוואַט און טרייסלט מיט מיין קאָפּ, זאָגנדיק דערביי: „ווען דו ביסט אַ יודע, ביסטו אַ שווינדלער, ביסט אַ „גאַנעוו" (ער האָט זיך באַנוצט מיט דעם וואָרט „גנב")

איידער ער האָט פאַרלאָזט מיין צימער, זאָגט ער, שוין זייענדיק אַ ביסל אַ באַרויִקטער, אַז איך זאָל אים מאָרגן פרי אָנווייזן אין דעם דאָזיקן קוואַרטאַל אַ צימער, ווו איך וועל נאָר וועלן, וועט ער עס רעקווי־רירן פאַר מיין פאַמיליע. פאַרשטייט זיך, אַז איך האָב גאַרנישט געקענט טראַכטן וועגן דאָזיקן פאַרשלאָג, אַנצוווייזן אין דעם קריסטלעכן קוואַר־טאַל אויף אַ קריסטלעכער פאַמיליע, ביי וועמען מ׳זאָל פאַר מיר רעקווירירן אַ צימער.

אַ ביסל שפּעטער, ווען דער פעלדוועבל האָט פאַרלאָזט מיין צימער און צוריק אַריין אין קאַנטינע, האָבן מיך די יונגע חברה סאָלדאַטן באַרויִקט, זאָגנדיק צו מיר: „האָב קיין אַנגסט, דו בלייבסט מיט אונדז", דערקלערנדיק מיר, אַז דער אויבערפעלדוועבל האָט זיי געזאָגט, אַז איך דאַרף נישט מורא האָבן. אַזוי רעדנדיק קומט ווירקלעך אַריין דער אויבער־

פעלדוועבל און באַרויִקט מיך אויך. נאָכדעם איז ער אויך אַריין אין דער קאַנטינע. איך בין שנעל אַריין אין שלאָפצימער, אַרויסגעשרויפט דאָס עלעקטרישע לעמפּל, כדי מען זאָל נישט קענען באַלייכטן, און זיך אַרויפגעוואָרפן אין די קליידער אויף אַ מאַטראַץ, וואָס איז געלעגן אויף דער פּאַדלאָגע, מחמת די בעטן זענען ביי אונדז מיט אַ טאָג פריער געוואָרן רעקווירירט. איך האָב זיך געמאַכט שלאָפן, אָבער מיט אַ קלאַפּעדיק האַרץ און וואַכזאַם אויער, זיך אָנגעשטרענגט אויפצוכאַפּן יעדן שאָרך, וואָס האָט זיך געלאָזט הערן פון דער קאַנטינע. כ׳האָב געהערט פון דאָרט אַ שטאַרקע רעדעריי און געוועזן זיכער, אַז דאָרט רעדט מען וועגן דער לעצטער „אַנטדעקונג" — אַז יידן מיט דייטשן געפינען זיך אונטער איין דאַך.

פלוצים קומט אַריין צו מיר אין שלאָפצימער דער יונגער אויבער־פעלדוועבל און גיט מיך אַ לייכטן טרייסל ביי דער האַנט, גלייך ווי ער וואָלט געוואָלט מיך אויפוועקן פון שלאָף, זאָגנדיק דערביי, אַז כ׳מוז באַלד פאַרלאָזן די וווינונג, אָבער צוליב דעם אויסגאַנגס־פאַרבאָט ביינאַכט, האָב איך נישט געקענט טראַכטן וועגן לויפן ערגעצווו. איך בין דעריבער אַרויפגעשפּרונגען צו מיין הויז־וועכטער אין זיין בוידעם־שטיבל מיט אַ קעמערל אונטערן דאַך און זיך דאָרט פאַרשטעקט אין אַ ווינקל. אָפּזיצנדיק אַזוי אין דעם פינצטערן קעמערל אַ קורצע צייט, קומט אַריין איינער פון די יונגע סאָלדאַטן. ער זעצט זיך אַוועק נעבן מיר באַדויערנדיק מיין איצטיקן מצב. ער באַדויערט וואָס איך האָב אויסגעזאָגט, אַז כ׳בין אַ ייד. נישט תמיד — מיינט ער — דאַרף מען זאָגן דעם אמת. ווי עס איז גאָר געוואָרן גראָ אין דרויסן בין איך גלייך אַוועק פון דאָרט, צוריק צו דעם הויז פון אונדזער פאָטער אויף דער פּאָסט־גאַס, כדי צוצוגרייטן דאָרט אַ צימער פאַר די פאַמיליע־מיטגלידער, וועלכע זענען נאָך דערווייל דאָרט פאַרבליבן. מ׳האָט געדאַרפט קודם כל ריכטן דעם דאַך, וועלכער איז געוועזן אָפן, און אויך זאָרגן וועגן באַגלאָזן די פענצטער, אָדער זיי באַשלאָגן מיט דיקטן. כ׳האָב באַשטעלט צוויי קריסטלעכע בעלי־מלאכות, וועלכע האָבן זיך גענומען פאַריכטן דעם דאַך, און איך אַליין האָב זיך גענומען צו פאַרקלאַפּן מיט די דיקטן די אויסגעבראָכענע שויבן. בעת

דער דאָזיקער אַרבעט באַוויַיזן זיך ווידער צוויי יונגע ס.ס.־לייט און פרעגן מיך אויב איך בין דער אייגנטימער פון האַלץ־סקלאַד (דער האַלץ־סקלאַד פון מיין פאָטער האָט פאַרנומען אַ שטח פון בערך 6 טויזנט קוו. מעטער) און פאַרלאַנגען פון מיר פערד און וואָגן. איך דערקלער זיי, אַז קיין פערד און וואָגן האָב איך נישט, נאָר זיי קענען דאָס באַקומען ביי די פויערים אין דעם שכנותדיקן דאָרף. זיי באַפעלן מיר צו גיין מיט זיי אין דאָרף. אויפן וועג הער איך ווי איינער זאָגט צום צווייטן וועגן מיר, אַז „דער הונט" וועט נאָך מוזן צאָלן פאַרן פערד און וואָגן.

די ס.ס.־לייט באַפעלן, איך זאָל שפּאַנען דעם וואָגן. איך האָב גענומען שפּאַנען דאָס פערד און פאַרזעצן דעם כאָמוט. אין מיין לעבן איז מיר נאָך נישט אויסגעקומען צו אַרבעטן מיט אַ פערד און וואָגן און כ'האָב די בעל־עגלהשע תורה נישט געקענט. שווייס האָט מיך באַגאָסן און די אַרבעט איז מיר נישט געגאַנגען. דער פויער האָט געהאַט אויף מיר רחמנות און איז מיר געקומען צו הילף. ער האָט שוין אַליין געשפּאַנט דאָס פערד אין וואָגן. זיי אַלע דריי האָבן זיך געזעצט אויפן וואָגן און מיר באַפוילן נאָכגיין צופוס. איך האָב נישט געוווּסט וווהין מ'פירט אונדז.

ערשט שפּעטער, ווען דער פויער איז שוין געווען נישט ווייט פון מיין פאָטערס הויז, האָט דער דייטש באַפוילן ער זאָל פאַרפאָרן צום האָלץ־מאַגאַזין. ווען מיר זענען דאָרט אָנגעקומען האָבן די ס.ס.־לייט באַפוילן אָנצולאָדן אויף דעם וואָגן סלופּעס און לאַטעס ווי אויך ברעטער. לויט דעם סאָרט מאַטעריאַל האָב איך פאַרשטאַנען, אַז זיי נעמען עס, כדי אויפצושטעלן אַ פּלויט.

דער פויער האָט גענומען אַרויפלייגן דאָס האָלץ־מאַטעריאַל און איך, ווי דער בעל־הבית, בין געשטאַנען און זיך צוגעקוקט.

— „דו פוילער הונט!" — שרייט צו מיר איינער פון די ס.ס.־מענער און פרעגט פאַרוואָס איך אַרבעט נישט. איך נעם זיך אויך צו דער דאָזיקער אַרבעט, און צוזאַמען מיט דעם קריסט לאָדן מיר אויף שווערע דעמבאַווע סלופּעס און ברעטער. בעת דער אַרבעט זע איך ווי ס.ס.־לייט טרייבן אַ גרופּע יידן צו דער אַרבעט צו אונדז אויף דעם לאַגער. דערווייל

זענען אַנגעלאָפן יונגע שקצים און זיך געלאָזט פריילעך מאַכן אויף אונדזער חשבון.

נאָכן אַנלאָדן דעם וואָגן ווען מיר זענען פאַרביי דעם פאַרברענטן און אין גרויזעס ליגנדן יידישן קוואַרטאַל, האָט דער ס.ס.־מאַן (ווּעמען זיינע קאַמעראַדן האָבן גערופן שמידט) פאַכנדיק מיט דער רוט, זיך געוואַנדן צו מיר און געזאָגט:

— „איר יידן האָט קריג געוואָלט — האָסטו!" — און דערביי אַנגעוויזן אויף דער חורבה מיט גרוזן.

אויף מיין פראַגע צי, מיר פוילישע יידן, האָבן געוואָלט קריג — האָט ער געענטפערט מיט צאָרן, אַז די אַמעריקאַנער יידן האָבן געלט און איינפלוס און אפילו האָר־בעלישאַ (דער ענגלישער קריגס־מיניסטער אין דער צייט פון קריגס־אויסברוך) איז אַ ייד.

אַזוי זענען מיר געגאַנגען ביז מיר זענען פאַרפאָרן צו דער גרויסער, נייער געביידע פון דער פאָלקס־שול, וואָס האָט אויך געליטן פון דער באָמבאַרדירונג און דאָרט האָט זיך איינקוואַרטירט דער אָרטיקער מיליטערישער שטאָב. דער בנין אַליין פון דער שול איז געבליבן כמעט פולשטענדיק גאַנץ, נאָר אויפן פרייען שטח זענען געבליבן גריבער פון די באָמבעס. ווען איך בין אָנגעקומען דאָרט האָב איך שוין געטראָפן אַ גרויסע גרופּע יידן, וועלכע מ'האָט געכאַפּט אויף די גאַסן און זיי געטריבן צו דער אַרבעט. נאָכן אַראָפּלאָדן דאָס געהילץ האָבן אַלע זיך געלאָזט צוריק, כדי ווייטער צו ברענגען אַ פרישן וואָגן מיט מאַטעריאַלן פון אונדזער סקלאַד, און מיר באַפוילן „זויבער" צו מאַכן די קלאָזעטן אונטער דער אויפזיכט פון אַן ס.ס.־מאַן.

אויף מיין ווענדונג וועגן אַ שפּאַדעל צו דער אַרבעט, האָט ער באַפוילן, עס צו טאָן מיט די הענט.

ווען איך האָב געברויכט אַ צוואַנג אַרויסצורייסן נעגל, האָט ער זיך ווידער סאַדיסטיש צעשריגן און עס געהייסן טון מיט די ציין.

דערווייל קומט אַרויס פון דעם שטאָב אַן עלטערער הויפּטמאַן, און איך דערצייל אים די גאַנצע געשיכטע וועגן רעקווירירן מיין וווינונג אַלס קאַנטינע פאַר דייטשע סאָלדאַטן; אַז דאָס גאַנצע געהילץ, וואָס

ווערט דאָ געבראַכט איז פון מיין מאַגאַזין, און מיך אַליין האָט מען פאַרשלעפּט אַהער צו דער אַרבעט, אָוועקנעמענדיק מיך פון דער אַרבעט ביים צוגרייטן אַ צימער פאַר מיין פאַמיליע אין דעם באַשעדיקטן הויז פון מיין פאָטער. איך האָב אים געבעטן, ער זאָל מיך באַפרייען פון דער אַרבעט. דער הויפּטמאַן איז מיין בקשה נאָכגעקומען. אָבער שפּעטער האָט דער ס.ס.־מאַן ביי אים געפּועלט, כ׳זאָל צוריקגיין צו דער אַרבעט, ווייל איך בין דער בעסטער אַרבעטער...

שפּעטער, ווען דער טראַנספּאָרט פון געהילץ פון אונדזער סקלאַד האָט זיך פאַרענדיקט, רופט מיך צו דער ס.ס.־מאַן שמידט צום פויער פון געשפּאַן, איך זאָל באַצאָלן פאַרן טראַנספּאָרט, און אַנשטאָט צוויי (2) זלאָטעס, לויט ווי דער פויער האָט פאַרלאַנגט, האָט ער מיר געהייסן צאָלן צוואַנציק (20) זלאָטעס. אויף מיין פּראָטעסט ביים הויפּטמאַן, הייסט ער מיך אויך די 20 זל. צושטעלן צו דער רעכענונג פאַרן מאַטעריאַל. בלית ברירה האָב איך באַצאָלט די 20 זלאָטעס. ערשט איצט איז מיר געוואָרן קלאָר די רייד פון ס.ס.־מאַן, אַז איך וועל פאַר אַלעם צאָלן.

איצט האָט מען מיך מיט אַ גרופּע יידן געשטעלט צו פּלאַנירן דעם גאַנצן גרויסן שטח פון דער שול, וועלכער האָט געהאָט פיל גריבער און טאָלן, וואָס זענען אַנטשטאַנען אין רעזולטאַט פון די באָמבאַרדירונגען. מיר האָבן דאָס אַלעס געדאַרפט אויסגלייכן. אָוועקנעמען דעם איבעריקן באָדן פון מאַנכע ערטער און מיט דעם פאַרשיטן די ערטער ווו עס זענען אַנטשטאַנען פאַרטיפונגען פון באָדן. ביי דער שווערער אַרבעט איז געווען באַשעפטיקט אַ גרופּע פון צוואַנציק געכאַפּטע יידן. שפּעטער קומט צו אונדז צו דער זעלבער ס.ס.־מאַן שמידט און נעמט מיך מיט נאָך אייניקע יידן אָוועק צו אַ קריסטלעכן פאַרמער. (צווישן זיי איז אויך געווען אַ ייד אַ מלמד, ר׳ שעיה — געשטאַמט פון ווענגראָוו און ער האָט אין טלושטש אָנגעפירט מיט אַ מלמדות. ער איז געווען אַ ייד מיט אַ פּאַטריאַרכאַלישן אויסזען. די ס.ס.־לייט האָבן אים גערופן „דער ראַבינער״). דער ס.ס.־מאַן בעט דעם קריסט, אים צו געבן בלויז דעם וואָגן אָן פערד און שפּאַנט דעם „ראַבינער״ אַלס פערד, און די איבעריקע באַפעלט ער, צו שטופּן דעם וואָגן. אָנקומענדיק אויפן אַרבעטס־פּלאַץ, האָבן מיר אָנגעלאָדנט אַ וואָגן

מיט זאַמד, כדי דערמיט צו פאַרשיטן די גריבער. דער „ראַבינער" ר' שעיה ווערט, אויף זיין באַפעל, ווידער געשפּאַנט אַלס פערד, די איבעריקע שטופּן אונטער מיט כוח דעם וואַגן און איך באַקום אַנווייזונגען ווי אַזוי צו שטופּן דעם וואַגן: אַננעמען מיט מיינע הענט די ספּריכעס און דרייען די רעדער... דערביי ווערן מיר דורך אַ גרופּע סאַלדאַטן פאָטאָ־גראַפירט. אַרום זענען געשטאַנען גויים און זיך צוגעקוקט צו דעם ספּעקטאַקל, מאַנכע מיט שאַדן־פרייד, און מאַנכע אפילו מיט מיטלייד.

ערשט פאַרנאַכט האָט מען אונדז באַפרייט פון דער אַרבעט און באַפוילן, אַז מאָרגן 8 פרי דאַרף זיך יעדער שטעלן אויף דעם זעלבן פּלאַץ, אַנדערש וועט מען ווערן דערשאָסן. צומאָרגנס האָב איך באַקומען אַן אויפגאַבע אויפצושטעלן קלאָזעטן פאַר דעם שטאַב. פאַר דער דאָזיקער אַרבעט האָט מען מיך געמאַכט פערזענלעך פאַראַנטוואָרטלעך. מיר האָבן געדאַרפט אויפשטעלן 3 באַזונדערע קאַבינעס; די ווענט און דעם דאַך, ווי אויך דריי זיץ־פּלעצער און די לעכער, באַשלאָגן אַרום מיט בלעך. צווישן אונדזער גרופּע האָט זיך געפונען דער טלושטשער ידישער סטאָליער שטערן. איך האָב זיך צו אים געוואָנדן, ער זאָל אָנפירן מיט דער אַרבעט. ער בעט מיך אָבער, אים לאָזן צורו, כדי די דייטשן זאָלן נישט וויסן, אַז ער איז אַ פאַכמאַן און אים ווייטער אויסנוצן.

צו דעם צוועק האָבן מיר פאַרברויכט ברעטער און אַנדערע האָלץ־מאַטעריאַלן פון דעם מאַטעריאַל, וואָס איז געבראַכט געוואָרן פון מיין פאָטערס האָלץ־סקלאַד. צו דעקן דעם דאַך האָבן מיר געמוזט שאַפן בלעך פון די חרובע הייזער.

דער ס.ס.־מאַן שמידט נעמט מיך, און אַ גרופּע פון נאָך 4—5 ידן און פירט אונדז אין שטאָט אַריין, צווישן די חורבות פאַרברענטע הייזער. ער באַפעלט אונדז אַרויסצושלעפּן די בלעכענע דעכער. נאָכן צונויפזאַמלען אַ גאַנצן באַרג פון דעם דאָזיקן בלעך, באַפעלט ער, מיר זאָלן די דאָזיקע בלעכן בינדן אין דער לענג, איינע ביים צווייטן מיט דראָט. אַזוי האָט זיך געשאַפן אַ גאַנץ לאַנגע בלעך־קאָלומנע. מיט לאַנגע דראָטן האָט זיך יעדער פון אונדז געמוזט אַרומבינדן ביים בויך און דעם צווייטן עק צוגעבונדן צו דער בלעך און אַזוי האָבן די צוויי־

פּיסיקע פערדלעך געשלעפּט די בלעכן. דאָס ערשטע פערדל, וואָס איז געלאָפן פאָרויס בין איך געווען. מיך האָט מען, אויף זיין באַפעל, צוגע־בונדן אין פראָנט. איך בין דאַן געווען אָנגעטאָן אין אַ נייעם העלן אנצוג און האָב עס געדאַרפט „באַשיינען" דעם דאַזיקן מאַרש. דער ס.ס.־מאַן האָט באַפוילן צו מאַרשירן, און דער צוג האָט גערירט. די דראָטן האָבן זיך איינגעשניטן אין אונדזער פלייש און דער ווייטיק האָט פאַרלאַנגזאַמערט דעם מאַרש. דער ס.ס.־מאַן האָט נישט געלאָזט רוען אַ סעקונדע און כסדר געטריבן, שרייענדיק:

— „פוילענצער, פוילע הינט, האָו, וואָו, האַו, וואָו!"

מידע פיזיש און גייסטיק צעבראָכענע, זענען מיר געווען נאָך דער דאָזיקער ווילדער וואַקכאַנאַליע. ווען מיר זענען אָנגעקומען מיט דעם בלעך־טראַנספּאָרט, האָט שוין געהאַלטן ביים צופאַלן דער אָוונט. פאָרן גיין אַהיים האָט מען ווידער אונדז געדראָט מיט שיסן, אויב ס׳וועט ווער פון אונדז מאָרגן נישט קומען צו דער אַרבעט.

אויך אויפן צווייטן טאָג האָבן מיר געמוזט ברענגען בלעך. דאָסמאָל איז מיט אונדז שוין נישט מיטגעגאַנגען דער ס.ס.־מאַן שמידט, נאָר אַ נייער ס.ס.־מאַן.

מיר זענען אָנגעקומען אין שטעטל צו די זעלבע חרובדיקע געביידעס און ווידער אָנגעהויבן אַרויסשלעפּן די פאַרברענטע בלעכן און זיי געבונדן און טראַנספּאָרטירט אויף דעם זעלבן אופן ווי נעכטן. נאָר דער נייער ס.ס.־מאַן האָט זיך צו אונדז באַצויגן מענטשלעכער. ער האָט אונדז געהייסן יעדע פאָר מינוט רוען, ווי אויך, אַז מיר זאָלן שלעפּן לאַנגזאַ־מער דעם טראַנספּאָרט און נישט זיך יאָגן. נאָר ווי מיר האָבן זיך דער־נענטערט צום לאַגער און געהאַלטן ביים אַריינגיין אין טויער, האָט ער זיך געוואָנדן צו אונדז און געזאָגט, גלייך ווי ער וואָלט זיך געוואָלט פאַר אונדז אַנטשולדיקן: „איצט מוז איך שוין אָנהויבן שרייען", און פאָכענדיק מיט זיין רוט אין דער האַנט, האָט ער זיך צעשריגן:

— „האָו, וואַו! האַו, וואַו!"

— „גיכער, שנעלער, גיכער, שנעלער!"

זיינע געשרייען האָבן איצט ביי אונדז נישט אַרויסגערופן מער קיין

שרעק. מיר האָבן אים גוט פאַרשטאַנען און מוחל געווען דעם דאַזיקן דייטש זיין געמאַכטע רשעות...

דעם דריטן טאָג האָבן מיר שוין כסדר געאַרבעט אויפן פּלאַץ ביים אויספּאַרטיקן די טואַלעט־קאַבינעס.

ווען די אַרבעט איז געווען צו ענדע, זענען אַרויסגעקומען דריי עלטערע אָפיצירן און באַטראַכט די אויסגעפּאַרטיקטע טואַלעט־קאַבינעס. דער עלטסטער פון זיי האָט זיך פּאָזיטיוו אָפּגערופן און אונדז דערלויבט צו גיין אַהיים, אָן באַפעלן ווען קומען מאָרגן. איך האָב אָבער באַשלאָסן, נישט צו נעכטיקן ביי מיר אין דער שטוב. מיין זעליקע מוטער און געשוויסטער האָבן מיר געעצהט, תיכף אָפּצופאָרן קיין וואַרשע. קיין באַן־פאַרקער איז דעמאָלט נישט געווען. מ׳האָט באַשטעלט אַ פויער מיט אַ געשפּאַן, וועלכער האָט מיך צומאָרגנס באַלד פרי געדאַרפט איבערפירן קיין וואַרשע, וווהין מיין פאָטער איז שוין פריער אָוועק, דאָרט געווען און זיך אויפגעהאַלטן ביי מיין ברודער אריה (לייבטשע) אין פּראָגע.

✱

ביי מיין ברודער אין פּראָגע בין איך געווען בערך אַ 4—5 וואָכן. איך פלעג דאָן אָפט אַריינפאָרן קיין וואַרשע און דאָרט באַזוכט קרובים, ווי אויך מיין ברודער פּנחס (פּינטשע), וועלכער האָט געוווינט אין אַ קריסטלעכן קוואַרטאַל, ווו ער האָט געהאַט אַ ברעטער־סקלאַד. אָפטמאָל האָב איך געזען ווי דייטשע מיליטער־לייט טרייבן יידן אין די גאַסן אויף אַרבעט. הגם איך פּערזענלעך האָב געהאַט אָן אַרישן אויסזען, דאָך האָב איך נישט געקענט זיין זיכער, אַז איך וועל אויסמיידן אַזאַ „לאַפּאַנקע״, ווייל פּוילישע שקצים פלעגן אָנווייזן אויף יידישע דורכ־גייער „יודע״, פלעגן זיי שרייען, אָנווייזנדיק אויף דעם יידישן קרבן. נאָר וואָס ווייטער איז דער מצב געוואָרן אומדערטרעגלעכער. עס זענען אַרומגעגאַנגען פאַרשידענע נישט קאָנטראָלירטע קלאַנגען וועגן כאַפּן יידן און זיי אַריינפירן צו דער „געסטאַפּאָ״, ווו זיי זענען געוואָרן גע־פייניקט. עס זענען געווען קלאַנגען, אַז דאָ און דאָרט זענען געווען

יידישע קרבנות. מ׳האָט דערציילט ווי אַזוי מ׳האָט פון די שטיבער אַרויס־גענומען אַ גרופּע יידן און זיי געפירט אויף פּלעצער, מינירטע דורך דער פּוילישער אַרמיי פאַר איר אַנטלויפן. אויף די דאָזיקע פּלעצער האָט מען אַרויפגעלאָזט די געכאַפּטע יידן און זיי באַפוילן גרופּנווייז לויפן איבער דעם דאָזיקן שטח. עס פלעגן אויפרייסן מינעס און גורם זיין פיל קרבנות.

די פּאַניק צווישן דער יידישער באַפעלקערונג איז געווען אַ שרעק־לעכע. מ׳האָט מורא געהאַט זיך צו ווייזן אין די גאַסן. עס איז דעמאָלט געוואָרן רייף ביי מיר דער געדאַנק, כ׳זאָל זיך גרייטן אַריבערצוגיין די גרענעץ אויף דער סאָוויעטישער זייט.

צו יענער צייט איז אויך צוריקגעקומען פון דער סאָוויעטישער זייט מיינס אַ צוקונפטיקער שוואָגער — משה ראַכמאַן, וועלכער איז געוואָרן מאָביליזירט אין דער פּוילישער אַרמיי. ער האָט זיך באַטייליקט אין די שלאַכטן, און נאָכדעם ווי די פּוילישע אַרמיי איז געוואָרן צע־קלאַפּט, זענען זיך די סאָלדאַטן אין בהלה צעלאָפן אין גרויסער אומאָר־דענונג, און יעדער ווו די אויגן האָבן אים געפירט. פיל פון די דאָזיקע אַנטלויפנדיקע סאָלדאַטן האָבן אַראָפּגעוואָרפן פון זיך די מיליטערישע בגדים און זיך אָנגעטאָן אין ציווילע קליידער, כדי נישט אַריינצופאַלן אין דייטשער געפאַנגענשאַפט. אויך משה ראַכמאַן האָט זיך אַלס ציווילער געלאָזט לויפן צו דער סאָוויעטישער גרענעץ און זיך אַריינבאַקומען קיין ביאַליסטאָק, ווו ער איז אָפּגעווען אַ געוויסע צייט.

קומענדיק אַהיים פון ביאַליסטאָק און זעענדיק דעם מצב אין וואַרשע, האָט ער באַשלאָסן באַלד צוריקפאָרן צוזאַמען מיט זיין כלה (מיין שוועס־טער פּאָליע). אויפן פאַרלאַנג פון די עלטערן פוןביידע צדדים איז געוואָרן באַשלאָסן שטעלן אַ חופּה און צומאַרגנס זאָל זיך דאָס יונגע פּאָרל צוזאַמען מיט מיר לאָזן אין וועג אַריין, מיטן צוועק אַריבערצוגיין אויף דער סאָוויעטישער זייט.

מיין מוטער ע״ה האָט צוגעגרייט פאַר דעם יונגן פּאָרל אַ פּעקל מיט בעטגעוואַנט. די חופּה איז פאָרגעקומען ביי אַ רב אין פּראַגע. בלויז מיין פאָטער אַליין איז געווען פון דער כלה׳ס צד.

איך האָב זיך אָנגעהויבן גרייטן צו דער רייזע, האָב אָנגעטאָן אויף זיך טאָפּלט וועש און קליידער, כדי דאָס האַנט־געפּעק זאָל זיין וואָס קלענער און געוואַרט אויף דעם אָנקומען פון דעם יונגן פּאָרל. אין דער לעצטער מינוט באַקום איך אַ ידיעה, אַז דאָס יונגע פּאָרל האָלט זיך דערווייל אָפּ פון דער רייזע. מען דערציילט מיר, אַז אין דער חופּה־נאַכט איז צוריקגעקומען פון דער גרענעץ זיינס אַ חבר, וועלכער האָט זיך געזאָלט דורכשמוגלען די גרענעץ, נאָר דאָרט איז ער געוואָרן גע־כאַפּט פון די דייטשן און געוואָרן שטאַרק צעשלאָגן. אַלץ וואָס ער האָט געהאַט מיט זיך, האָט מען ביי אים צוגענומען. אַ צעשלאָגענער און באַרויבטער איז ער צוריקגעקומען אַהיים און וועגן דעם דערציילט מיין שוואָגער. דאָס האָט געהאַט אַן איינפלוס אויף דעם יונגן פּאָרל, אָפּצולייגן דערווייל זייער נסיעה.

איך האָב אָבער באַשלאָסן צו פאָרן און נישט וואַרטן מער ביז מיין שוועסטער מיט איר מאַן וועלן באַשליסן זיך לאָזן אין וועג. מיין מוטער עה״ש האָט מיר געראָטן, איך זאָל אויך מיטנעמען דאָס פּעקל מיט בעטגעוואַנט, וואָס איז געווען באַשטימט פאַר מיין שוועסטער מיט איר מאַן, וועלכע וועלן געוויס אין אייניקע טעג שפּעטער אויך אַהינצו אָנקומען.

אַזוי האָב איך זיך געלאָזט אין וועג אריין באַלאַדנט מיט געפּעק אין ביידע הענט. עס איז אויך געוואָרן באַשלאָסן, אַז ביז דער גרענעץ זאָל מיך באַגלייטן מיין שוועסטער רייזעלע. מיר זענען געפאָרן מיט דער באַן פון ווילנער באַן־הויף (אויף פּראַגע) ביז מאַלקין, און פון מאַלקין האָבן מיר געדאַרפט דורכמאַכן דעם וועג צופוס. אָנקומענדיק קיין מאַלקין איז דער וואָקזאַל און דער פּעראָן געווען פול מיט ידן, וועלכע זענען אַהער אָנגעקומען מיטן צוועק אַריבערצוגיין אויף דער סאָוויעטישער זייט. מ׳האָט אַלע אָנגעקומענע פּאַסאַזשירן געהייסן זיך שטעלן אין דער ריי. די דייטשן האָבן געדאַרפט דורכפירן פּערזענלעכע רעוויזיעס ביי יעדן איינעם, ווי אויך אין זיין געפּעק. אַ דייטשער אָפיציר לויפט אַרום ווי אַ צעווילדעוועטע חיה פון איינעם צום צווייטן מיט אַ רעוואָלווער אין האַנט, שטעלט אים צו צו דער ברוסט פון יעדן איינעם און פרעגט אים:

ביסט אַ יודע? מאַנכע זאָגן אים: „איך בין קיין יודע, איך בין אַ פּאָלע", אָבער 90% פון זיי ענטפערן: „יאַוואָל, איך בין יודע". די יעניקע, וועלכע זאָגן אים, אַז זיי זענען קיין יידן, הייסט ער גיין, דאָקעגן די וועלכע ענטפערן, אַז זיי זענען יאָ יידן, פרעגט ער וויפל געלט זיי האָבן און צי זיי האָבן מיט זיך שמוק־זאַכן.

שפּעטער הייסט ער עפענען דעם טייסטער און ציילט צי דאָס שטימט לויט ווי ער האָט געזאָגט. אויב עס שטימט נישט כאַפּט ער אַריין קלעפּ איבערן גאַנצן קערפּער. און ווען די געלט־סומע אין טייסטער שטימט יאָ מיט זיין דערקלערונג, ווערט עס אויך פון אים צוגענומען, נאָר בלויז איינציקע געציילטע זלאָטעס ווערן איבערגעלאָזט. נאָכדעם ווערן זיינע מלבושים דורכגעטאַפּט, צי עס געפינט זיך נישט דאָרט עפּעס פאַרשטעקט. אויב מ'געפינט דאָרט עפּעס, איז אוי ואבוי דעם יעניקן.

ווען עס איז געקומען מיין ריי, פרעגט מיך דער אָפיציר, האַלטנדיק דעם רעוואָלווער ביי מיין האַרץ:

— ביסט אַ יודע?

— איך בין אַ יודע — איז געווען מיין ענטפער.

— וויפל האָסטו געלט?

— 70 — 80 גולדן — זאָג איך.

ער קאָנטראָלירט מיין בייטל. די סומע האָט בערך געשטימט, נאָר טראָץ דעם נעמט ער ביי מיר צו דאָס גאַנצע געלט, איבערלאָזנדיק בלויז איינצלנע זלאָטעס, און זאָגנדיק: דו האָסט גענוג. ער באַטאַפּט מיך אויך פון אַלע זייטן און געפינענדיק ביי מיר גאָרנישט, גיט ער מיר עטלעכע קלעפּ און הייסט מיר גיין. פון דאָרט האָבן מיר זיך געלאָזט צופוס אויף דעם נייטראַלן פּאַס. דאָרט האָבן מיר אָנגעטראָפן אויף פיל טויזנטער, וועלכער זענען דאָרט געלעגן אונטערן פרייען הימל שוין אַ 6—7 טעג. די סאָוויעטן האָבן שוין דאַן געהאַט אָפּגעשלאָסן די גרענעץ.

אויף דעם נייטראַלן פּאַס האָבן זיך דאַן געפונען טרויזנטער משפחות. מ'האָט געשאַצט, אַז איבער 10 טויזנט נפשות ליגן אויף דעם דאָזיקן שטח. עס איז שווער צו שילדערן דעם גרויל און פּיין פון דעם בילד,

וואָס עס האָט זיך אַנטפּלעקט פאַר די אויגן. טויזנטער מענטשן, צווישן זיי צעבראָכענע זקנים, יונגע פרויען — מאַמעס מיט זויגלינגען אויף זייערע אָרעמס, יונגע פּאָרלעך, וואָס זענען נאָר וואָס אַרויס פון די חופּה־שטאַנגען — אַלע ליגן זיך אויסגעלייגט אין דרויסן אונטערן אָפענעם טריבן הימל. אַמאָל טריפט אַ דראָבנער רעגן און נעצט אַלעמען דורך ביז די ביינער, אָדער עס פאַלט שנעה לאַנג אַ דינער שניי און מען מוז אַזוי אומאויפהערלך שטיין און אים אָפּשאָקלען פון זיך. זייער אַ סך יידן פון וואָלאַמין זענען דאָן געלעגן אויף דעם נייטראַלן פּאַס. עס האָבן זיך דאָרט געפונען די קינדער פון מתתיהו און יאַנקל טייבלום, זיין איידעם יצחק כהן און פרוי חנה (היינט אין מערלבורן), די טאָכטער פון שאַיע (ישעיהו) גראַדזשיצקי (דבורה), און פיל, פיל אַנדערע וואָלאָמינער גאַנצע משפּחות, אָדער איינצלנע, וועלכע איך געדענק שוין נישט זייערע פאַמיליע־נעמען. מאַנכע האָבן געמאַכט פּרוּוון דורכצורייסן זיך דורך דעם גרענעץ־פּאַס. אָבער גאַנץ ווייניק איז דאָס געלונגען, ווייל די סאָוויעטישע גרענעץ איז שוין געווען שטאַרק באַוואַכט, און יעדער פּרוּוו פון דורכשמוגלען זיך איז געוואָרן צונישט געמאַכט דורך באַשיסונגען מצד דער רוסישער גרענעץ־וואַך.

דער גורל פון די טויזנטער יידן אויף דעם גרענעץ־פּאַס איז דערגאַנגען צו די יידישע עסקנים אין ביאַליסטאָק און דאָרט האָבן יידן איינגעלייגט וועלטן, אַז מ'זאָל עפענען די גרענעץ פון דער סאָוויעטישער זייט און אַריינלאָזן די אומגליקלעכע יידן. ענדלעך איז אָנגעקומען אַ באַפעל אויפצומאַכן די גרענעץ, וואָס האָט געפירט קיין ביאַליסטאָק. עס איז אַנטשטאַנען אַן אומבאַשרייבלעכע שמחה צווישן דעם עולם, פּונקט ווי ביי אַ פאַראורטיילטן צום טויט, וואָס ווערט באַגנעדיקט אין דער לעצטער מינוט פאַר דער עקזעקוציע. אין איין אויגנבליק האָבן זיך טויזנטער יידן מיט האַק און פּאַק געלאָזט גיין צופוס קיין ביאַליסטאָק.

אָנקומענדיק אין ביאַליסטאָק, זענען די הויפּט־גאַסן געווען פול געפּאַקט מיט יידן־ביעזשענצעס (פּליטים), אַז עס איז פּשוט געווען אוממעגלעך דורכצוהאַקן אַ וועג. אַ סך האָבן באַזעצט די טרעפּ־קאָרידאָרן. צו מיין גליק האָב איך דאָן אָנגעטראָפן אויף מיין לאַנדסמאַן און

פריינד, ר׳ אברהם ראַדזימינסקי הי״ד, וועלכער איז נאָך מיט אייניקע וואָכן פריער אַוועק פון טלושטש קיין ביאַליסטאָק און ער האָט שוין געהאַט זיינס אַ צימער ביי אַ יידישער פאַמיליע (אַן אַלמנה מיט אַ זון. זייער נאָמען איז געווען גאָלדשטיין), אויף אַ געסל, וואָס האָט זיך גערופן דאָס „פאָלעסטינער געסל״ (פּערעאולאָק פאַלעסטינסקי). ר׳ אברהם ראַדזימינסקי האָט זיך מיט מיר שטאַרק דערפרייט און מיך אַריינגענומען צו זיך אין צימער. אייניקע וואָכן האָב איך געוווינט צוזאַמען מיט מיין פריינד ראַדזימינסקי. שפּעטער האָב איך באַקומען אַ צימער ביי אַן אַנגעזעענער פאַמיליע (ראַגאַווסקי) אויף דער סאַסנאָווער גאַס, נעבן דעם בנין פון דער יידישער קהילה. דאָרט האָט זיך אויפגעהאַלטן נאָך אַ גרופּע ביעזשענצעס (פליטים) פון פּוילן, צווישן זיי: די ברידער ישראל און נח זאַבראַניעצקי פון יאַדאָוו (אַ שטעטל נישט ווייט פון טלושטש). ישראל זאַבראַניצקי לעבט און געפינט זיך אין ישראל. זיין ברודער נח איז אומגעקומען אין רוסלאַנד אויף אַ טראַגישן אופן, האַרט פאַר דער באַפרייונג ; צוויי ברידער (פון פאַך פריזירן) און אַ שוועסטער ראַדזיי־עווסקי פון וווראָצלאַוו און אויך אַ מיידל פון וואַרשע. ביי דער פאַמיליע ראַגאַווסקי האָב איך זיך אויפגעהאַלטן 6—7 חדשים, ביז יוני 1940, ווען די רוסן האָבן אַרעסטירט אַלע פּוילישע פליטים, וועלכע האָבן זיך אָפּגעזאָגט אַרויסצונעמען סאָוויעטישע פּעסער און זיך רעגיסטרירט אויף צוריקצופאָרן קיין פּוילן — צום דייטש.

איך האָב שפּעטער באַקומען בריוו פון דער היים, אַז די לאַגע האָט זיך אין שטעטל פאַרבעסערט, און מ׳האָט מיר אפילו געראָטן, אַז איך זאָל קומען צוריק קיין פּוילן. עס האָט זיך דערנענטערט דער חודש ניסן און עס האָט מיך באַהערשט אַ שטאַרקע בענקשאַפט אַ היים. מיין בעל־הבית ראַגאַווסקי, וועלכער איז געווען אַ רעליגיעזער ייד האָט געוווּסט וועגן מיינע געפילן.. שבת מברכין פון חודש ניסן ת״ש (1940) לייגט ער מיר פאָר צו גיין מיט אים אין דער גרויסער ביאַליסטאָקער שול, ווו עס וועט בענטשן „ראש־חודש״ דער שטאָטישער חזן מיט זיין שטאַרקער לירישער שטימע, וואָס מאַכט ביי די מתפללים ציטערן די הערצער און פייכט — די אויגן...

נאָך קריאת התורה הויבט דער חזן אָן צו זאָגן דעם ,,יהי רצון מלפניך... שתחדש עלינו את החודש הזה לטובה ולברכה..." ער זאָגט די ווערטער מיט אַ טרויעריקער שטימע, און דו זעסט אָרום זיך דעם ציטער ביי זיינע מיטדאַוונער. ווען ער זאָגט, ווייטער מיט אַ וויינענדיק־בענקענדיקער שטימע: ,,ותתן לנו... חיים של שלום... חיים שאין בהם בושה וכלימה" — הערט זיך דאָס שטאַרקע כליפּען פון צוויי עלטערע און עלעגאַנטע מענער נעבן מיר. מיין בעל־הבית ראַגאָווסקי ווייזט מיר אָן מיטן פינגער: ,,זעסט ביי יענעם, וועלכער האָט זיך אַזוי שטאַרק צעוויינט, האָבן די סאָוויעטן מיט אייניקע טעג צוריק, אין מיטן דער נאַכט, אַרעסטירט זיין זון — אַ באַקאַנטער אַדוואָקאַט און אַנגעזעענער ציוניסטישער עסקן אין ביאַליסטאָק. דער זעלבער גורל האָט אויך גע־טראָפן דעם צווייטן — זיין איידעם, אַן אינזשיניער, אויך אַ טעטיקער ציוניסט. ער איז אויך געוואָרן אַרויסגענומען ביינאַכט פון זיין בעט, און מ׳האָט זיי ביידע פאַרשיקט טיף אין די רוסישע געביטן, נייסט וויסנדיק אפילו וווהין. מיין בעל־הבית ראַגאָווסקי האָט דערביי צוגעגעבן:

— ווער ווייסט, צי זייער גורל איז נישט מער זיכערער ווי אינדזע־רער, עס איז דאָך היינט קריגס־צייט"...

באַלד נאָך פּסח איז געקומען קיין ביאַליסטאָק דודל זאַוולאַדאָווער (דער זון פון בנימין זאַוולאַדאָווער פון טלושטש). ער האָט זיך פאַרנו־מען מיט איבערפירן מענטשן פון ביאַליסטאָק אויף דער דייטשער זייט. איך האָב באַשלאָסן אויך מיט זיינס אַ גרופּע צוריקצוגיין קיין טלושטש. לויט זיינע אויפקלערונגען, האָבן מיר זיך געדאַרפט לאָזן אין וועג אַריין סוף חודש, ווען די לבנה שיינט נישט, אַדורכקריכן די גרענעץ, איבער פעלדער און זאַמדיקע וועגן.

אין אונדזער גרופּע האָבן זיך געפונען די טלושטשער לאַנדסלייט שמחה אויסלענדער מיט זיין פרוי און קינד, בנימין האַלצקענער און אַנדערע. מיר זענען געפאָרן מיט דער באַן ביז אַ פּונקט, און פון דאָרט האָבן מיר געזאָלט מאַכן דעם ווייטערדיקן מאַרש צופוס. די נאַכט איז געווען שטאַרק פינצטער און מיר האָבן אָנגעהויבן אונדזער מאַרש.

פאַרויס איז געגאַנגען דודל זאַוולאַדאָוור אַלס וועגווייזער, און מיר — נאָך אים.

איך האָב געהאַט מיט זיך בלויז אַ קליין רענצל. מיר זענען געגאַנגען אַ לאַנגע צייט איבער פאַראַקערטע פעלדער. עס איז אונדז אויסגעקומען אַריבערצוגיין באַן־ליניעס. מיר זענען געגאַנגען אָפּגערוקט איינער פון צווייטן אַ געוויסע דיסטאַנץ. זייענדיק אַ ביסל אַ קורצזיכטיקער, האָב איך נישט געזען וואָס עס טוט זיך אונטער מיינע פיס און בין אַרונטער־געפאַלן אין אַ טיפן, מיט שטיינער אויסגעפלאַסטערטן באַן־טונעל נעבן דער באַן־ליניע. איך בין דאָרט געבליבן מאַכטלאָז מיט גרויסע ווייטיקן אין מיין רעכטן אָרעם, און זיך נישט געקענט אויפהויבן. אַ ביסל שפּעטער האָט די גרופּע באַמערקט, אַז איך בין נישטאָ און זיך געלאָזט מיך זוכן. מיינע הילף־רופן אין דער שטילקייט פון דער נאַכט האָט זיי לייכט געפירט צו מיר און מיך אַרויסגענומען פון דעם טונעל. מיין ווייטער־דיקער מיטגאַנג איז געווען פאַרבונדן פאַר מיר מיט גרויסע יסורים. איך האָב געהאַט דעם איינדרוק, אַז מיין אָרעם האָט געכאַפּט אַ ברוך. דאָס גיין איבער פעלדער איז געווען פאַר מיר פאַרבונדן מיט גרויסע ליידן און איך האָב געהאַט דאָס געפיל, ווי די ערד טרייסלט זיך אונטער מיינע פיס. איך בין געשטאַנען פאַר דער אַלטערנאַטיווע: אָדער בלייבן איינער אַליין אויפן פרייען פעלד אין דער פינצטערער נאַכט, אָדער פאַרזעצן דעם מאַרש צו דער גרענעץ מיט דער גאַנצער גרופּע, און אויס־געקליבן דעם צווייטן וועג.

מיר האָבן זיך גערוקט אַלץ נענטער און נענטער צו דער גרענעץ. די גרענעץ־וואַך האָט פון צייט צו צייט באַלויכטן דעם שטח מיט ליכט־ראַקעטן, און מיר האָבן זיך, געבויגענע, געשאַרט אַלץ נענטער און נענטער. ווען עס האָט אָנגעהויבן גראָ ווערן אין דרויסן, זענען מיר געוואָרן באַ־מערקט דורך דער גרענעץ־וואַך און פאַרהאַלטן. דאָס איז געווען נישט ווייט פון זאַרעמב־קאָשטשעלנע.

אונדזער וועג־ווייזער האָט אונדז פון פריער צוגעגרייט, אַז אויב מיר וועלן ביי דער גרענעץ אַריינפאַלן אין די הענט פון דער סאָוויעטי־שער גרענעץ־וואַך, זאָלן מיר זאָגן, אַז מיר קומער פון דער פּוילישער

זייט און געוואַלט אַריבער צו די סאָוויעטן. איך האָב זיי דערקלערט, אַז די דייטשן האָבן מיך אַראָפּגעוואָרפן פון לויפנדן צוג און כ׳האָב צעבראָכן אַ האַנט. מעגלעך, אַז מיר וואָלטן אָנגעקומען צו דער גרענעץ באַדייטנד פריער, נאָך איידער עס האָט אָנגעהויבן צו טאָגן, און מיר וואָלטן נישט באַמערקטערהייט אַדורך די גרענעץ. ווער ווייסט, צי ווען נישט דאָס דאָזיקע אומגליק מיט מיר, צי איך וואָלט היינט געקענט שרייבן די דאָזיקע שורות.

דערווייל האָבן די סאָוויעטן אונדז אַלע אַריינגעוואָרפן אין אַ פינצ־טערן קעלער־קאַרצער, וווהין קיין ליכטיקער שטראַל איז נישט אַריינ־געדרונגען, אפילו אין מיטן העלן טאָג. דער דאָזיקער קאַרצער איז שוין געווען פול מיט אַרעסטאַנטן. מענער און פרויען. עס האָבן דאָרט געהערשט די שרעקלעכסטע באַדינגונגען: הונגער, דורשט און שמוץ. מען האָט געטרעטן אויף יעדן שריט אין מענטשלעכן קויט. אויף דער וואַנט האָט געהאָנגען אַ ברעזענטענע טאַרבע, אַהינצו פלעגט דער סטרעלאָק (סאָלדאַט), דער שומר ביים אַריינגאַנג, אריינגיסן אַן עמער מיט ברודיק וואַסער, וואָס האָט געראַיעט מיט שרצים ורמשים און דאָס האָבן די אַרעסטאַנטן געטרונקען.

צומאָרגנס האָט מען פון קאַרצער אַרויסגענומען אַ גרופּע פרויען, צווישן זיי אויך די פרוי אויסלענדער מיט איר קינד. ווי עס האָט זיך שפּעטער אַרויסגעוויזן, איז די דאָזיקע גרופּע געוואָרן אַריבערגעוואָרפן אויף דער דייטשער זייט. דאָקעגן, מיט אַ טאָג שפּעטער, האָט מען אַרויס־גענומען אַ גרופּע מענער, צווישן זיי שמחה אויסלענדער און בנימין האַלצקענער, שפּעטער האָב איך זיך דערוווּסט, אַז זיי זענען געוואָרן פאַרשיקט אין די אַרבעטס־לאַגערן אין די טיף רוסישע געביטן. בנימין האַלצקענער לעבט און געפינט זיך היינט אין ישראל, דאָקעגן שמחה אויסלענדער איז וואַרשיינלעך אומגעקומען אין רוסלאַנד. זיין שוועסטער, וועלכע געפינט זיך אין ישראל, האָט געמאַכט גרויסע באַמיונגען אים אָפּצוזוכן, אָבער אָן דערפאָלג. זי גלויבט נישט, אַז איר ברודער שמחה זאָל זיין צווישן די לעבעדיקע.

איך בין אין דעם קאַרצער געלעגן גאַנצע דריי טעג אין שרעקלעכע

שמערצן. עס האָט זיך מיט מיר דאָרט מטפל געווען אַ יידישע פרוי פון צווישן די אַרעסטאַנטן. זי האָט מיר געלייגט אויף דעם אָרט קאַלטע קאָמפּרעסן און מיט אירס אַ האַנטוך אַרומבאַנדאַזשירט מיין האַנט. איך האָב זיך די גאַנצע צייט געבעטן, מ'זאָל מיך שיקן אין שפּיטאָל אַריין, אָבער אין קול ואין קשב. ערשט אויפן דריטן טאָג האָט מען מיך אַרויסגערופן און געמאָלדן, אַז מען שיקט מיך אָפּ אין שפּיטאָל קיין זאַרעמבי־קאָשטשעלנע (אַ שטעטל נישט ווייט פון דער גרענעץ). אויפן הויף איז שוין געשטאַנען גרייט אַ געשפּאַנטער וואָגן, און צוויי באַוואָפנטע זעלנער האָבן מיך געדאַרפט אָפּפירן אין שפּיטאָל.

אין מיין דעמאָלטיקן מצב בין איך נישט געווען פעיק מיט אייגענע כוחות אַרויפצוגייין אויף דעם וואָגן און זיך געבעטן ביי איינעם פון די סאָלדאַטן, ער זאָל מיר בייהילפיק זיין. ער האָט זיך אָפּגעזאָגט פון מיט־הילף און מיט רוגזה זיך אָנגערופן צו מיר: „די דייטשן האָבן דיר די האַנט צעבראָכן, און פון אונדז ווילסטו, אַז מיר זאָלן דיך היילן?"

בלית ברירה האָב איך געמאַכט אַלע אָנשטרענגונגען און מיט דער הילף פון בלויז מיין לינקער האַנט אַרויפגעקלעטערט אויף דעם וואָגן. איינער פון די זעלנער איז געווען דער שמייסער. מיך האָבן זיי געזעצט מיטן רוקן צום פערד. פאַר מיר פון פאָרנט איז געזעסן דער צווייטער סאָלדאַט מיט דער ביקס. אויפן וועג האָט ער מיר כסדר געמאַכט אַנטי־סעמיטישע באַמערקונגען. אָפּפאָרנדיק אַ שטיקל צייט, זענען מיר צוגע־קומען צו אַ וועלדל. עס איז שוין דעמאָלט געווען פאַרנאַכט. ווי נאָר מיר זענען אַריין אין וועלדל, גיט מיר דער „סטרעלאָק" אַ באַפעל „וויערניס!" ד. ה. זיך אויסדרייען מיטן רוקן צו אים, דערביי האָט ער געמאַכט מיט דער האַנט מאַניפּולאַציעס ביים צינגל פון דער ביקס... איך בין אַזוי געזעסן מיט אַ ציטערדיק האַרץ, האַבנדיק אַ פאַרגעפיל, אַז עס דערנענטערט זיך מיין סוף, אַז אָט אָט באַקום איך אַ קויל אין קאָפּ פון הינטן... מיינע ליפּן האָבן געפּליסטערט אַ שטילע תפילה צו גאָט: בידך אפקיד רוחי... און פאַרענדיקט מיט שמע ישראל ה' אלקינו ה' אחד. ערשט ווען מיר זענען אַרויס פון וועלדל און אַרויף אויף אַ ברוקירטן וועג, וואָס פירט אין שטעטל אַריין, האָב איך פרייער אָפּגעאָטעמט. עס האָבן

מיך באַגריסט ידישע בחורים און מיידלעך אויף וועלאָסיפּעדן, פאַרביי־פאָרנדיק אויף דעם שאָסיי און צו מיר געשריגן אויפן קול: „איר זענט שוין אַ גליקלעכער, אויב איר געפינט זיך שוין דאָ!"...

אָנקומענדיק קיין זאַרעמבי־קאָשטשעלנע האָבן מיך די זעלנער אי־בערגעגעבן צום דאָקטאָר פון דעם אָרטיקן שפּיטאָל, ווו כ'האָב באַקומען אַ בעט פון אַ קראַנקן, וועלכער האָט נאָר וואָס פאַרלאָזט דאָס שפּיטאָל. דאָס שפּיטעלעכל האָט פאַרמאָגט בלויז איינאיינציק קראַנקן־צימער מיט 3 ביז 4 בעטן. אויף אַלע געביטן איז עס געשטאַנען אויף דער נידע־ריקסטער מדרגה, סיי פון היגיענישן און סיי פון מעדיצינישן שטאַנד־פּונקט. עס איז געווען פּשוט אַ פּאַרס דאָס אָנצורופן מיטן נאָמען „האָספּיטאָל". די בעטן זענען געווען פאַרפּלייצט מיט פרעהס דריטער מכה, אַז עס האָט מיך פּשוט געעקלט אַריינצולייגן זיך אין בעט. קיין שום מעדיקאַמענטן זענען דאָרט נישט געווען. אפילו אַן איינפאַכן באַנדאַזש פאַר מיין קראַנקער האַנט האָט דאָס שפּיטאָל נישט פאַרמאָגט. איך בין אַזוי אָפּגעלעגן אין דעם שפּיטאָל אַ טאָג צייט און דער דאָקטאָר האָט מיך בכלל נישט באַהאַנדלט און גאָרנישט געטאָן צו לינדערן מיינע שמערצן. אויף מיין פאַרלאַנג, האָט ער בלויז מיר איבערגעבונדן מיין באַנדאַזשירטע האַנט און צוריק פאַרבאַנדאַזשירט מיטן זעלבן האַנטוך, מיט וועלכן עס האָט מיך פאַרבאַנדאַזשירט די יידישע פרוי אין דעם קאַרצער.

זעענדיק, אַז דער מצב פון מיין האַנט ווערט מיט יעדן טאָג ערגער, האָב איך זיך געבעטן ביים שפּיטאָל־דאָקטאָר (ער איז געווען אַ פּאָליאַק), ער זאָל מיך איבערשיקן אין אַ ביאַליסטאָקער שפּיטאָל. ער האָט געגעבן זיין הסכמה דערצו, נאָר פאַרלאַנגט פון מיר, איך זאָל צוגיין צו דער סאָוויעטישער מיליטערישער קאָמענדאַנטור און בעטן אַ דערלויבעניש דערויף. איך האָב תיכף זיך געוואַנדן אין דער דערמאָנטער קאָמענדאַנטור און געבעטן אַ „פּראָפּוסק", מיך איבערצושיקן אין אַ ביאַליסטאָקער שפּיטאָל.

דער עלטסטער פון דער קאָמענדאַנטור, אויסהערנדיק מיין פאַר־לאַנג, זאָגט מיר מיט דערשטוינונג כהאי לישנא:

— „דו ביסט דאָך אַן אַרעסטאַנט, ווי אַזוי האָט דער דאָקטאָר דיר דערלויבט צו גיין פריי אַן אַ קאָנוואָי? מיר וועלן אים שוין ווייזן?...

ער באַפעלט מיר, איך זאָל צוּוואַרטן אין דרויסן. געהערט אַזעלכע דיבורים, איז מיר פשוט געוואָרן פינצטער פאַר די אויגן. איך בין אַרויס אויף דעם הויף פון דער קאָמענדאַנטור, נאָר אַנשטאָט דאָרט צוצוּוואַרטן, לויט ווי עס איז געווען דער באַפעל, האָב איך זיך אַרויסגעשאַרט דורך דעם טויער און געמאַכט פון דאָרט פליטה. איך בין געלאָפן גלייך צו דער באַן־סטאַציע און געמאַכט אַלע אַנשטרענגונגען צו באַקומען אַ באַן־בילעט קיין ביאַליסטאָק (צו באַקומען אַ באַן־בילעט האָט זיך אויך געפאָדערט אַ „פּראָפּוסק"). האָבנדיק שוין דעם בילעט אין טאַש, האָב איך זיך געלאָזט גיין צוריק צום שפּיטאָל, געכאַפּט מיין רענצל און צוריק צו דער באַן־סטאַציע און געוואַרט דאָרט אויף דעם צוג קיין ביאַליסטאָק.

אָנקומענדיק קיין ביאַליסטאָק, בין איך אַרויף צוריק אויף מיין קוואַרטיר ביי דער פאַמיליע ראַגאָווסקי. דערזעענדיק מיך אין מיין מעמד, זענען אַלע מיר אַנטקעגן געגאַנגען און מיט שרעק געפרעגט, וואָס מיט מיר איז געשען. ביי דער פאַמיליע ראַגאָווסקי אין שטוב האָבן זיך אין דעם מאָמענט אויך געפונען די ברידער חיים און הערשל שטוטשקי פון יאַדאָוו, וועלכע פלעגן אַהינצו אָפט קומען מיט באַזוכן צו זייערע לאַנדס־לייט, די ברידער זאַבראַניעצקי. דערזעענדיק מיך אין מיין דעמאָלטיקן מעמד איז הערשל שטוטשקי אָוועקגעפאַלן אַ באַוווּסטלאָזער. עס איז געוואָרן אַ בהלה אין שטוב. מ'האָט דערווייל פאַרגעסן אין מיר און אַלע האָבן זיך געלאָזט צום פאַרחלשטן. ערשט ווען ער איז געקומען צוריק צום באַוווּסטזיין, האָט מען זיך צוריקגענומען צו מיר.

דערהערנדיק מיין געשיכטע באַשליסן אַלע, אַז מ'דאַרף תיכף ומיד מיט מיר פאָרן אין רויטן־קרייץ, ווו עס וועט מיר ווערן דערטיילט קודם כל די ערשטע הילף. ישראל זאַבראַניעצקי באַשטעלט תיכף אַ דראָזשקע און פאָרט מיט מיר צום רויטן קרייץ. עס איז שוין דאַן געווען אָוונט־צייט. אין רויטן קרייץ נעמט אונדז אויף דער דיזשורנער דאָקטאָר. ער בינדט אויף מיין פאַרבאַנדאַזשירטע האַנט, און מיר קוקן מיט שרעק און דערשטוינונג אויף דעם שרעקנס־בילד, וואָס עס האָט זיך פאַר אונדז

אַנטפּלעקט: דער גאַנצער אָרעם ביז די שפּיץ פינגער איז געווען געשוואָלן ווי אַ קלאָץ און אין זיין גאַנצער לענג און אָרום און אָרום כמעט ווי איין שטיק בלוט. דער דיזשורירנדער דאָקטאָר דערקלערט אונדז, אַז דער מצב איז אַזעלכער, אַז מ׳דאַרף מיך תיכף אָפּערירן. ליידער — זאָגט ער — איז נישטאָ איצט קיין פריי בעט אין דעם שפּיטאָל פון רויטן קרייץ און איך וועל מוזן איבערנעכטיקן אויף די „נאָשעס" אויב ער וועט נישט געפינען פאַר מיר קיין פּלאַץ אין אַן אַנדער שפּיטאָל.

ער האָט זיך גלייך פאַרבונדן מיט אַלע פיר שפּיטעלער, וואָס האָבן עקזיסטירט אין ביאַליסטאָק און געבעטן אויפנעמען אַ יונגנמאַן מיט אַ צעבראָכענער האַנט, וואָס געפינט זיך אין אַ צושטאַנד פון אַ בלוט־פאַרגיפטונג, און נויטיקט זיך אין תיכפדיקער רעטונג.

נאָר די שפּיטעלער זענען אַלע געווען איבערפולט מיט קראַנקע און עס איז נישט געווען קיין שפּיטאָל, וואָס זאָל מיך קענען אויפנעמען. דעריבער דערקלערט מיר דער דיזשורנער דאָקטאָר פון רויטן קרייץ, אַז ער קען מיך אויפנעמען אין זיין שפּיטאָל ווו ס׳דאַרף זיך מאָרגן באַפרייען אַ בעט, נאָר דעם היינטיקן אָוונט וועל איך מוזן איבערנעכטיקן אויף די נאָשעס. זעענדיק, אַז סיי ווי, וועט מען מיר פריער ווי מאָרגן קיין קאָנקרעטע הילף נישט דערטיילן, האָב איך באַשלאָסן דעם אָוונט נעכטיקן אויף מיין קוואַרטיר, ווו איך האָב געהאַט אַ גוט געלעגער.

צומאָרגנס האָבן מיך די ברידער ראַדזיעווסקי פון וואָצלאַוועק גע־נומען צו זייערס אַ באַקאַנטן כירורג, אַ גרויסן ספּעציאַליסט — אַ לאַנדס־מאַן. אין פּוילן איז ער געשטאַנען אין דער שפּיץ פון דער כירורגישער אָפּטיילונג פון דעם יידישן שפּיטאָל אין ביאַליסטאָק.

נאָכדעם ווי מ׳האָט מיר געמאַכט רענטגען־דורכשטראַלונגען האָט זיך אַרויסגעוויזן, צו מיין גליק, אַז עס איז נישט קיין ברוך, נאָר אַ לוקסאַציע (אויסגעלעגק פון עלנבויגן), וואָס איז דערווייל געוואָרן שלעכט פאַר־וואַקסן און מ׳האָט געדאַרפט מיר די האַנט צוריק איינשטעלן אויף דעם ריכטיקן אָרט. דאָס איז געווען פאַרבונדן מיט שרעקלעכע יסורים. מ׳האָט מיר געמוזט אייניקע מאָל דרייען און צוריק איינשטעלן אויפן ריכטיקן

אַרט, ווייל יעדעס מאָל, ביזן פאַרגיסן דעם אָרעם מיט גיפּס, איז דער אָרעם צוריק אַרויס פון זיין אָרט. ערשט נאָך גרויסע אָנשטרענגונגען מצד די דאָקטוירים איז קוים געלונגען סטאַביל צו גיפּסן.

שפּעטער, ווען מען האָט באַפרייט מיין אָרעם פון גיפּס, האָט זיך דער מצב ווידער פאַרערגערט און ס׳האָט מיר געדראָט צו פאַרבלייבן אַן אייביקער בעל־מום אויף מיין רעכטער האַנט. אָבער נאָך פיל מי איז מיר בעסער געוואָרן.

אין יענער צייט (ענדע יוני 1940) האָבן די סאָוויעטן אַרעסטירט אַלע פּוילישע פּליטים אין ביאַליסטאָק, וועלכע האָבן זיך רעגיסטרירט צוריקצופאָרן קיין פּוילן צו די פאַרנומענע געביטן דורך די דייטשן. אויך מיך האָבן זיי נישט געשוינט, טראָץ דעם וואָס איך האָב זיי דערקלערט, אַז כ׳בין נאָר־וואָס אַרויס פון שפּיטאָל. מ׳האָט די ביאַליסטאָ־קער פּליטים קאָנצענטרירט אויף אייניקע פּונקטן. איך האָב זיך געפונען צוזאַמען מיט קנאַפּע 1500 אַרעסטירטע פּליטים — בלויז מענער, אין איינער פון די פאַבריקס־שאָפּעס אין ביאַליסטאָק, אין זייער שרעקלעכע סאַניטאַרע באַדינגונגען. ס׳זענען נישט געווען קיין פּאָדלאָגעס און די דעכער פון די שאָפּעס זענען געווען כמעט אָפן. ביי אַ רעגן איז נישט געווען צו געפינען קיין גאַנץ שטיקל דאַך, אונטער וועלכן מ׳זאָל קאָנען געפינען שוץ. מענטשן זענען דאָרט בוכשטעבלעך געלעגן אין בלאָטע. אין אַזעלכע אָוונטן פלעג איך מיך צובינדן מיט מיין פּאַסיק פון די הויזן צו איינעם פון די שאָפּע־סלופּעס, כדי כ׳זאָל פון שלאָפלאָזיקייט נישט פאַלן אויף דעם בלאָטיקן באָדן. יעדעס מאָל, ווען איך האָב אָנגעהויבן דרימלען, און מיין קאָפּ איז געפאַלן אַראָפּ, האָט מיך דער פּאַסיק פאַר־האַלטן פון פאַלן. דאַן האָב איך זיך צוריק אויפגעכאַפּט און אויסגעגלייכט מיין מידן גוף. דאָס דאָזיקע בילד האָט זיך אומאויפהערלעך איבערגעחזרט אין משך פון דער נאַכט. אין אַזאַ מצב האָב איך דורכגעמאַכט פיל נעכט.

במשך פון דער צייט פון אונדזער אַרעסט האָבן סאָוויעטישע גע־ריכטס־פּראָקוראָרן אויסגעפאָרשט יעדן איינעם און צונויפגעשטעלט אַ געהעריקן פּראָטאָקאָל, אונטער וועלכן יעדער האָט זיך געדאַרפט אונ־טערשרייבן. ערשט אין מאָנאַטן אַרום, ווען איך האָב זיך שוין געפונען

אַלס פאַרשיקטער אַרעסטאַנט אין אַן אַרבעטס־לאַגער אין קאָמי ס.ס.ר., האָט מען מיר צוגעשיקט דעם „סראָק" (אורטייל), לויט וועלכן איך בין, אַלס „סאָציאַל געפערלעכער עלעמענט" פאַר דער סאָוויעטישער געזעל־שאַפט געוואָרן פאַראורטיילט אויף 5 יאָר אַרבעט אין „אויסבעסערונגס־לאַגער".

אין די פאַבריקס־שאַפעס זענען מיר געווען אינטערנירט קנאַפע פיר וואָכן, ביז מען האָט אונדז אין אַ געוויסן טאָג אָפּגעפירט צו דער באַן און אַרויפגעזעצט אויף לאַסט־וואַגאָנעס, וואָס האָבן געהאַט טאָפּלטע נאַרעס. מיט דעם דאָזיקן טראַנספּאָרט האָבן מיר זיך אַרומגעשלעפּט אַ חודש צייט. די וואַגאָנעס זענען געווען באַוואַכט דורך באַוואָפנטע סאָוויעטישע זעלנער. די גאַנצע צייט פון דער רייזע האָט מען נישט געעפנט אַראָפּגיין פון דעם וואַגאָן. אויך די פיזיאָלאָגישע באַדערפעענישן זענען דערליידיקט געוואָרן אין תחום פון וואַגאָן...

ענדלעך זענען מיר אָנגעקומען קיין קאָטלאַס. דאָרט זענען מיר אויסגעשטיגן און אונטערן פרייען הימל זיך אויסגעזעצט אויף דער ערד. דאָרט האָט געווימלט פון אַרעסטאַנטן, וועלכע די עשעלאָנען פלעגן יעדן טאָג אַרויסוואַרפן און צוריקפאָרן, כדי צו ברענגען פרישע קרבנות.

פון קאָטלאַס האָט מען אונדז געדאַרפט אָפּפירן מיט „באַרזשעס" (שיפלעך) אויף דעם טייך אוכטאַ צו די באַשטימטע פאַרשיקונגס־פלעצער, ווו מיר האָבן געדאַרפט אין די אַרבעטס־לאַגערן אָפּזיצן, יעדער לויט דעם „סראָק", וואָס ער האָט באַקומען (פון 5 ביז 10 יאָר). די גאַנצע צייט פון מיין אַרעסט בין איך געווען צוזאַמען מיט מיין לאַנדסמאַן משה פּאָפּאָווסקי.

ערשט ווען מיר זענען אַראָפּ פון דער באַרזשע, וואָס האָט נאָך 6—8 טעג פאָרן אויפן וואַסער, אונדז אַראָפּגעלאָזט אין דער רעפּובליק קאָמי ס.ס.ר. — האָט מען אונדז צעשיידט און יעדן געשיקט אויף אַן אַנדערן פּלאַץ. מיך האָט מען פאַרשיקט אין אַרבעטס־לאַגער „ענערגאָ־סטראָי" — נישט ווייט פון טשיביו (די הויפּטשטאָט פון קאָמי ס.ס.ר.), און משהן — אויף אַ צווייטן פּלאַץ.

ערשט אַן ערך 15 מאָנאַטן שפּעטער, נאָכדעם ווי דייטשלאַנד איז

אין יאָר 1941 באַפאַלן רוסלאַנד און אַלס רעזולטאַט פון אַפּמאַך שיקאָרסקי — סטאַלין, זענען אַלע פּוילישע בירגער געוואָרן באַפרייט — האָבן מיר זיך ווידער געטראָפן אויף אונדזער צוריקרייזע שוין אַלס פרייע פּוילישע בירגער.

מיר זענען אָנגעקומען קיין „באַזאַלוק", ווו עס האָט זיך דאָרט פאַר־מירט אַנדערסעס פּוילישע אַרמיי און מיר פּוילישע יידן, באַפרייטע פון די לאַגערן, האָבן זיך אַלס פרייוויליקע מאָביליזירט אין דער פּוילישער אַרמיי.

אין אַנדערסעס אַרמיי האָט געהערשט אַ שטאַרקער אַנטיסעמיטיזם. אַ סך פּאַליאַקן האָבן עס גערופן „די יידישע אַרמיי", ווייל די איבער־וויגנדע מערהייט איז דעמאָלט באַשטאַנען פון יידן. מ׳האָט דעריבער אין דער אַרמיי געמאַכט אַ שטאַרקע סעלעקציע פון די יידישע פרייוויליקע און מ׳האָט געלאָזט אין דער אַרמיי בלויז יונגע, געזונטע בחורים, און די איבעריקע געשיקט אויף „דערהאַלונג" אין די סאָוכאָזן און קאָלכאָזן. מ׳האָט אונדז, כלומרשט געזאָגט, אַז זיי שיקן אונדז אין די קאָלכאָזן אַריין, כדי מיר זאָלן קומען אַ ביסל צו אונדזערע כוחות, און ערשט שפּעטער וועט מען אונדז פון דאָרט צוריק נעמען אין דער אַרמיי. משה פּאַפּאָווסקי, אַלס יונגער בחור, איז פאַרבליבן אין דער אַרמיי, דאַקעגן מיך האָט מען געשיקט אין אַ קאָלכאָז.

אין חודש אַפּריל 1942 בין איך אָנגעקומען קיין מאַנקעט, אַ קליין אָרט אין מיטל־אַזיע (70 קילאָמעטער פון טאַשקענט — די הויפּטשטאָט פון אוזבעקיסטאַן). דאָרט בין איך פאַרבליבן ביז נאָך דעם קריג, און ערשט אין מערץ 1946 האָבן מיר (איך, מיין פרוי און טאָכטער שולמית, וועלכע איז דאַן געווען אַ קליין קינד), צוזאַמען מיט אַן עשעלאָן פּוילישע רעפּאַטריאַנטן פאַרלאָזט די סאָוויעטישע ערד און אָנגעקומען קיין פּוילן.

ווי באַקאַנט האָט מען ס׳רוב פון די יידישע רעפּאַטריאַנטן באַזעצט אין נידערשלעזיע. איך בין געווען 2 חדשים אין ליגניץ, ווו עס האָט סטאַציאָנירט דער סאָוויעטישער הויפּט־שטאַב. פון דאָרט האָבן מיר שפּע־טער געשוואָרצט די טשעכישע גרענעץ ביי קלאָדזק און אָנגעקומען קיין דייטשלאַנד. בערך אָנהייב חודש אלול 1946 זענען מיר אַריין אין דעם

לאַגער פון דער שארית הפליטה אין באַד־רייכענהאַל (בייערן). אין דער צייט פון קריג איז דאָס געווען אַ מיליטערישע קאַזאַרמע. אין דעם לאַגער האָבן זיך געפונען איבער 5000 נפשות. דער גרעסטער טייל פון זיי איז באַשטאַנען פון די רעפּאַטריאַנטן — צוריקגעקומענע פון סאָוויעט רוס־לאַנד, וווהין זיי זענען באַצייטנס אַנטלאָפן און דערמיט אויסגעמיטן אַ זיכערן טויט. עס האָבן זיך דאָרט אויך געפונען פיל פּאַרטיזאַנער, אויסבאַהאַלטענע אין די בונקערס און קאַצעטניקעס.

אין אויגוסט 1947 האָט באַזוכט דעם לאַגער פון דער שארית הפליטה אין באַד־רייכענהאַל, די ספּעציעלע „אונאָ"־קאָמיסיע, וועלכע האָט גע־דאַרפט פאַרשן דעם מצב פון די „אויסגעוואָרצלטע" („דיספּלייסט פּער־סאָנס") אין די יידישע די־פּי־לאַגערן.

צו די באַריכטן פון דער דאָזיקער קאָמיסיע האָט מען צוגעשריבן אַ גרויסע באַדייטונג, ווייל איר מיינונג האָט געדאַרפט האָבן אַ דעצידירנדיקן איינפלוס אויף דער „אונאָ", ערב דעם באַשלוס וועגן דער גרינדונג פון אַ זעלבשטענדיקער יידישער מדינה אין אַ טייל פון ארץ־ישראל. די לאַ־גער־באַפעלקערונג איז געוואָרן פריער צוגעגרייט צום דאָזיקן וויזיט, אַז די מיטגלידער פון דער אונאָ־קאָמיסיע דאַרפן פון יעדן איינעם באַקומען אַן איינדייטיקע תשובה, אַז זיין ציל איז צו קומען קיין ארץ־ישראל און דאָרט בויען זיין היים און צוקונפט.

די אונאָ־קאָמיסיע איז באַשטאַנען פון פאַרשטייער פון 5 מלוכות, מיטגלידער פון די פאַראייניקטע נאַציעס — צווישן זיי דער גוט באַקאַנ־טער וואַלדעמאַרוס פון האָנדוראַס, ווי אויך פאַרשטייער פון טערקיי, אינדיען און אַנדערע.

אַלס וויצע־קעמפּ־פּאַרזיצער איז מיר אויך אויסגעקומען אַנטיילצו־נעמען אין דער אָפיציעלער, קורצער אויפנאַמע, וואָס די לאַגער־פאַרוואַל־טונג האָט איינגעאָרדנט פאַר דער „אונאָ"־קאָמיסיע.

נאָך אַ קורצער באַגריסונג פון דעם פּרעזעס פון דער לאַגער־פאַר־וואַלטונג ד"ר פישמאַן (דער פאַרזיצער פון דער אונאָ־קאָמיסיע איז מסכים געווען בלויז אויף אַ קורצער אויפנאַמע, אויף וועלכער בלויז איין פּערזאָן זאָל האַלטן אַ קורצע באַגריסונגס־רעדע) — האָבן זיך די קאָמיסיע־מיט־

גלידער געלאָזט אַרויסגיין אויף דעם גרויסן אָפּגעשלאָסענעם לאַגער־הויף, וואָס האָט געווימלט פון מענטשן פון די לאַגער־איינוווינער.

די געסט האָבן זיך אַריינגעלאָזט צווישן דער מאָסע און אָנגעקנופּט געשפּרעכן מיט וועמען עס האָט זיך נאָר געלאָזט.

זייער וויזיט האָט אָנגעהאַלטן בלויז אייניקע שעה און זיי זענען אַוועק מיט דעם איינדרוק, אַז אַלע אויסגעוואָרצלטע און היימלאָזע פון די־פּי־לאַגער אין באַד־רייכענהאַל זענען פאַר זיך אַ צוקונפט בלויז אין בויען זייער היים אין ארץ־ישראל.


די רעזולטאַטן פון דאָזיקן באַזוך האָבן מיר געזען אין אייניקע חדשים שפּעטער, ווען עס איז געפאַלן דער באַשלוס פון דער אונאָ־אַסאַמבליי (סעסיע) דעם 29־טן נאָוועמבער 1947 וועגן דער שאַפונג פון אַ יידישער זעלבשטענדיקער מדינה אין אַ טייל פון ארץ־ישראל. צו דעם דאָזיקן היסטאָריע־מאַכנדיקן באַשלוס האָט די שארית הפליטה אין באַד־רייכענהאַל געגעבן איר ביישטייער.

אין די לאַגערן פון דער שארית־הפליטה אין דייטשלאַנד, די אַזוי גערופענע די.פּי.־לאַגערן („דיספּלעיסד פּערסאָנס" — אויסגעוואָרצלטע) איז דאָס לעבן צוביסלעך אַריין אין נאָרמאַלע רעלסן. עס איז געעפנט געוואָרן תרבות־ און יבנה־שולן, ווי אויך ישיבות קטנות פאַר די קינדער פון די פאַרשידענע שיכטן פון די לאַגער־איינוווינער. עס האָבן זיך באַלד געשאַפן פאַרשידענע פּאַרטייען, וועלכע האָבן געמאַכט אַלע באַמיונגען צו פאַרגרעסערן זייער השפעה אויף דער לאַגער־באַפעלקערונג. אין באַד־רייכענהאַלער לאַגער איז אויך דערשינען אַ וואָכן־צייטונג אין דער יידישער שפּראַך מיט לאַטיינישע אותיות „דער מאָרגן", אונטער אַ רע־דאַקציע־קאָלעגיע (היינט אין ישראל), ווי אויך אַ דראַמקרייז, אַ פאָלקס־אוניווערסיטעט, אַ קיבוץ, אַ געריכט און מיליץ — אַלץ אָנגעפירט דורך לאַגער־איינוווינער.

אין באַד־רייכענהאַל איז אויך געווען אַ משרד הרבנות (ראַבי־נאַט), וועלכער איז געוואָרן אָנגעפירט דורך צוויי רבנים (הרב משה בלאַו און הרב לוי־יצחק בענדער), וועלכע האָבן אָרגאַניזירט דאָס רעליגיעזע לעבן אין לאַגער: געזאָרגט פאַר בתי תפילה, ווי אויך פאַר פּראָבלעמען

פון טהרת המשפחה, באַזאָרגט דעם לאַגער מיט די נויטיקע תשמישי קדושה א. אז. וו.

פיל פון די צעריסענע משפחות האָבן צוריק אָנגעהויבן זיך אויפ־צובויען נייע משפחה־נעסטן. עס האָבן זיך אָפט אין לאַגער געלאָזט הערן די קלאַנגען פון „קול ששון וקול שמחה, קול חתן וקול כלה".



אחרי טקס הקדושין בין שפסיל קאס (מביאליסטוק) רפטריאנט מרוסיה
ולבין פרידה דיקשטין (מורשה) מניצולי מחנה ברגן־בלזן
נאך דער חופה: צווישן שעפסל קאס רעפאטריאנט פון רוסלאנד
און פרידא דיקשטיין אן אפגעראטעוועטע פון בערגן־בעלזן

נאָך דער אַנטשטייונג פון מדינת ישראל האָט זיך אָנגעהויבן די גרויסע עליה קיין ישראל. די שארית הפליטה מחנות אין דייטשלאַנד האָבן זיך געגרייט צו דער ד.פ.־ליקווידאַציע. בלויז אַ קליינער טייל פון דער שארית הפליטה האָט זיך פאַררעגיסטרירט אויף עמיגראַציע אין אַנדערע לענדער, דאַקעגן די איבערוויגנדע מערהייט האָט זיך פאַררע־גיסטרירט אויף עליה קיין ישראל.

אין די לעצטע 3—4 חדשים פאַר מיין עולה זיין, האָב איך אין דעם לאַגער אָנגעפירט מיט דעם אַמט פון וויצע־פּרעזעס פון דער לאַגער־פאַר־וואַלטונג אַלס פאַרשטייער מצד דעם ,,מזרחי״.




אחרי החופה בין יעקב פרסברג (קרשוב) — רפטריאנט מרוסיה ולבין לינה ברגמן מניצולי השואה

נאָך דער חופה: צווישן יעקב פרעסבערג פון קרעשאָוו, רעפאַטריאַנט פון רוסלאַנד און לינע בערגמאַן, אפּגעראַטעוועטע אין א בונקער

אין חודש פעברואַר 1949 איז געווען מיין ריי עולה צו זיין. דעם 13־טן מערץ 1949 בין איך מיט מיין פאַמיליע אָנגעקומען מיט דער שיף ,,נגבה״ צו די ברעגעס פון ישראל. מיט דער זעלבער שיף איז אויך אָנגעקומען מיין יינגערער ברודער אריה (לייבטשע) מיט זיין פאַמיליע. אַזוי

זענען מיר, נאָך פיל וואַנדלונגען, סוף כל סוף אָנגעקומען אל המנוחה ואל הנחלה — צו אונדזער אויסגעבענקטער פרייער יידישער מדינה — ארץ ישראל.



לקראת עליתה של קבוצת פליטים ממחנה שארית הפליטה בבד־רייכנהל
בתוכם מר חנוך פרל (ליד הרב בלאו, משמאל), בין המלווים חברי ועד הרבנים:
הרב לוי־יצחק בנדר (בירושליב) והרב בלאו, (בבני־ברק — פרדס־כץ) בשנת 1948

צום עולה זיין פון א גרופע פליטים פון דיפי־לאגער אין באד־רייכענהאל, צווישן זיי חנוך פערעל. צווישן די באגלייטער די מיטגלודער פון ועד הרבנים: הרב לוי יצחק בענדער (ירושלים) און הרב בלאו, (בני־ברק — פרדס־כץ) אין יאָר 1948

מיכאל קאסאווער — תל־אביב

די לקווידאציע פון טלושטשער געטא

דער קדושים־טויט פונעם דאָרטיקן רב

1942. אַ שווערן, קאַלטן, פינצטערן ווינטער האָט דעמלט דורכגעמאַכט דאָס געטאָ פון קליינעם שטעטל טלושטש, ראַדזימינער קרייז, מיט זיינע טויזנט זעקס הונדערט נפשות. פאַרשידענע עפּידעמישע קראַנקהייטן האָבן אין יענעם ווינטער צוגענומען פיל קרבנות. די לעבנגעבליבענע האָבן זיך קוים דערוואַרט דעם פרילינג און געהאָפט צו דערלעבן עפּעס בעסערע צייטן, אָבער די דייטשן האָבן אַנדערש געטראַכט.

דעם 26־טן מײַ, פיר פאַרטאָג, איז דאָס געטאָ אַרומגערינגלט געוואָרן דורך דער דייטשער זשאַנדאַרמעריע און גראַנאַט־פּאָליציי. די שרעק און בהלה איז געווען זייער גרויס און דערגאַנגען צו פאַרצווייפלונג, בעת די פאַרשטייער פון יודענראַט האָבן זיך דערוווּסט, אַז מיט דער ליקווידאַציע פון געטאָ פירט אָן דער באַוווּסטער סאַדיסט פון דער זשאַנדאַרמעריע פון וואַרשעווער קרייז, דער אָבערלייטנאַנט ליפּשא.

עס איז געקומען דער באַפעל: אין פאַרלויף פון איין שעה מוזן אַלע יידן שטיין אויפן באַשטימטן פּלאַץ. און באַלד זענען געקומען די ערשטע שאָסן. עס זענען געוואָרן דערשאָסן: דער וויצע־פּרעזעס פון יודענראַט אהרן גאָלדוואַסער, מאיר טאַהב — איינער פון די וויכטיקסטע רעליגיעז־נאַציאָנאַלע עסקנים פון שטעטל און אומגעגנט. אויף דער פאַראָרדענונג פון מאַסנמערדער ליפּשא זענען דערשאָסן געוואָרן נאָך זיבעציק יידן אויפן אָרט.

דעם 27־טן מאַי אין דער פרי זענען עלטערע פרויען און קינדער — מידע, צעבראָכענע, רעזיגנירטע און האַלב־טויטע — אויפגעזעצט געוואָרן אויף די וועגענער. די יונגע פרויען און מענער זענען געטריבן געוואָרן צופוס, אַכצן קילאָמעטער קיין ראַדזימין צו דער קאַלייקע און פון דאָרט קיין וואַרשע. דער וועג איז געווען אַ שרעקלעכער און דער „מאַרש" אַ טראַגיש־טרויעריקער: אויפן שאָסיי טלושטש־ראַדזימין זענען דערמאָרדעט געוואָרן אַרום דריי הונדערט יידן. טייל פון זיי — דערשאָסן געוואָרן און טייל צעטראָטן דורך די פערד פון דער רייטנדיקער זשאַנדאַרמעריע.

צו דער אַקציע האָט ליפשאַ אויסגעקליבן די גוט באַקאַנטע מערדער־זשאַנדאַרן, באַנדיטן פון יענעם קרייז: מייסטער גיזא, די וואַכמייסטער וואַלענבערג, האפפע, ראטקע און דעם גראַנאַט־פּאָליציאַנט פון ראַדזימינער וואָך־פּאָסטן מענדעזשיצקי, וואָס האָט געהאַט אויף זיין געוויסן עטלעכע צענדליק יידישע קרבנות. מידע, צעבראָכענע און דערשלאָגענע זענען די רעשט לעבנגעבליבענע געקומען קיין ראַדזימין. דאָרט האָבן די רוצחים דורכגעפירט אַ ציילונג פון די געבליבענע האַלב טויטע טלושטשער יידן. זיי זענען געטריבן געוואָרן דורך געדיכטע שפּאַלערן פון זשאַנדאַרמעריע און גראַנאַט־פּאָליציי, וועלכע האָבן די קרבנות מערדערלעך געשלאָגן. דערנאָך האָט זיך אָנגעהויבן דאָס באַרויבן די צעהרגעטע יידן. מען האָט ביי זיי אַראָפּגעצויגן די בעסטע מלבושים, די שיך, און שטיוול. דער רויב איז געווען באַגלייט מיט שאָסן, דאָס האָט ליפשא געשאָסן צו די פּאָליאַקן, וואָס האָבן אַרויסגעוויזן אַ ביסל מיטלייד און געוואָלט דערלאַנגען ברויט און וואַסער די אומגליקלעכע.

באַרוועסע, האַלב נאַקעטע זענען די יידן געטריבן געוואָרן אין די וואַגאָנען. דאָס שלאָגן, מאַלטרעטירן און פּייניקן האָט נישט אויפגעהערט. ליפשא האָט בעסטיאַליש געפּייניקט די איבערגעבליבענע מיטגלידער פון יודענראַט, זיי זאָלן אויסזאָגן וווהין זייער רב איז אַנטלאָפן. דער רוצח האָט ציניש געזאָגט: אין אייניקע טעג אַרום וועט ער די יידן צושטעלן זייער רב, אָבער נישט קיין לעבעדיקן... די יידן האָבן געוויינט אין דער שטיל און זייערע בליקן זענען געווען געווענדט צו דעם געטאָ, ווי צו אַ דערלייזונג. זיי האָבן דערוואַרט אויפגענומען צו ווערן אין ראַדזימינער געטאָ

דורך דעם דאָרטיקן יודענראַט, אָבער אין זעלבן טאָג איז פאַר די ראַדזי־מינער פאַרשטייער פון געטאָ צוריקגעצויגן געוואָרן די דערלויבעניש אַרויסצוגיין פון דאָרט.

דער קדושים־טויט פונעם טלושטשער רב

ליפּשא האָט געפאַרשט, געזוכט ווו עס געפינט זיך דער טלושטשער רב ר׳ יעקב יוסף בריקמאַן. דער רוצח האָט זיך דערוווּסט, אַז דער רב איז אין שטעטל יאַדאָוו, ראַדזימינער קרייז. איז ער אָנגעקומען קיין יאַדאָוו מיט זיין געהילף וואַכמייסטער וואַלענבערג מיטן ציל אויסצוגעפינען דעם טלושטשער רב. עמיץ פון דער גראַנאַט־פּאָליציי האָט אין געהיים צווויסן געטאָן דעם פּרעזעס פון יודענראַט אין יאַדאָוו, אַז ליפּשא גרייט זיך צו מאַכן אַ באַזוך אין געטאָ. באַלד האָט מען זיך וועגן דעם דערוווּסט און יעדער האָט זיך באַהאַלטן ווו מען האָט נאָר געקענט. ס׳האָט געמאַכט דעם איינדרוק ווי אין די געטאָ־הייזלעך וואָלטן גאָר קיין מענטשן נישט גע־וווינט. ליפּשאס נאָמען האָט אָנגעוואָרפן אַ שרעק, אַ ציטער אויף אַלעמען, זיין אָנקומען האָט באַדייט טויט און פאַרניכטונג פאַר יידן. די יאַדאָווער יידן האָבן זיך געריכט אויף אַ פרישער טראַגעדיע.

דער רוצח איז געקומען אין ביוראָ פון יודענראַט און מערדערלעך צעשלאָגן עטלעכע מיטגלידער פונעם ראַט און פאַראַרדנט, אַז אין פאַר־לויף פון דריי טעג מוזן די יידן מאַכן 9 פאַר נייע שטיוול פאַר יאַדאָווער גראַנאַט־פּאָליציי און אין פאַרלויף פון פופצן מינוט, דאַרפן זיי אים צו־שטעלן דעם טלושטשער רב, וועלכער געפינט זיך אין יאַדאָווער געטאָ. אין פאַל פון נישט אויספירן דעם באַפעל, וועט ער דערשיסן פינף מיטגלידער פון יודענראַט. באַלד נאָך דעם האָט ער בעת אַ באַזוך אין געטאָ דערשאָסן אייניקע יידן, צווישן זיי — יהושע קאָלוסקי פון ראַדזימין. דער יאַדאָווער יודענראַט האָט אָפּגעהאַלטן אַ קורצע באַראַטונג און באַשלאָסן נישט אַרויסצוגעבן דעם רב, אפילו ווען ס׳וועט אויסקומען צו געבן די פינף קרבנות.

אַ דעלעגאַציע פון יודענראַט האָט דעם רב איבערגעגעבן דעם באַשלוס. שטיל, רואיק האָט דער רב געדאַנקט די יידן פאַר זייער קרבנות־גרייטקייט

און דערקלערט, אַז צוליב אים וועלן קיין יידן נישט אומגעבראַכט ווערן. ער וועט אַליין גיין אויף קידוש השם.

נאָך דעם היסטאָרישן שמועס, האָט דער רב אָנגעטאָן זיינע שבת־יומטובדיקע מלבושים, גענומען טלית און תפילין, געזעגנט זיך האַרציק מיט דער דעלעגאַציע און געשטעלט זיך פאַר דעם רוצח ליפשא. מיט שטאָלץ האָט דער רב געזאָגט צו דעם דייטשן סאַדיסט: „איך וויל נישט, אַז די יאַדאָווער יידן זאָלן געבן פאַר מיינעטוועגן קרבנות, איך אַליין וויל זיין דער קרבן פאַר זיי".

ליפשא איז אין גאַנצן ווילד געוואָרן פון דער דאָזיקער שטאָלצער האַלטונג פון קליינשטעטלדיקן רב, וואָס ווייזט נישט אַרויס קיין שרעק אין אָנגעזיכט פון טויט. דער רוצח האָט פאַראָרדנט דער רב זאָל אַליין אויסגראָבן אַ גרוב לעבן אַ פאַראומריייניקט אָרט. דער רב האָט נישט געוואָלט אויספירן דעם באַפעל. דער סאַדיסט האָט זיך בעסטיאַליש צעווילדעוועט. מיט זיין רעוואָלווער האָט ער געצילט אין רב. דער רב האָט נאָך באַוויזן אויסצושרייען „שמע ישראל" און איז געפאַלן אַ צעלעכערטער פון די קוילן.

דער ווילדער סאַדיסט האָט באַפוילן צו באַוואַרפן דעם טויטן קערפּער מיט שטיינער און געזאָגט צו דער פּוילישער גראַנאַט־פּאָליציי, וואָס האָט אַסיסטירט דעם בעסטיאַלישן מאָרד, אַז אַזאַ שטאָלצן ייד זעט ער צום ערשטן מאָל. די ידיעה, אַז דער רב געפינט זיך אין יאַדאָוו האָט געמסרט איינער פון די גראַנאַט־פּאָליציי.

אין שייכות מיט דער דאָזיקער מסירה האָט מען דערציילט, אַז פאַר דעם טויט האָט דער רב ז"ל געזאָגט: „דער וואָס האָט מיך איבערגעגעבן, וועט אין איניקע טעג אַרום אַליין דערשאָסן ווערן" און אַזוי איז טאַקע געשען. לויט אַ באַשטימונג פון א.ק. פון ראַדזימינער קרייז, האָט דער קאָמענדאַנט פון וואַרשעווער באַצירק — אינזשיניער פאַלקאָוניק רוד־ניצקי אַרויסגעגעבן אַ טויט־אורטייל אויף דעם פּאָליציאַנט פאַר אַרויסגעבן דעם טלושטשער רב און פאַר זיין שלעכטער באַציונג צו די יידן פון יאַדאָוו. דער טויט־אורטייל איז אויסגעפירט געוואָרן.

פרסומים שונים על חורבן טלושטש
מהשנים 1941 — 1942

זוועות טלושטש

עד ראיה מספר: עברתי בשבוע שעבר בכביש המוביל מראדזימין לווישקוב. במרחק של קילומטרים אחדים מראדזימין שמעתי קול יריות וראיתי המון רב ומצטופף בא לקראתי. לאחר רגעים מספר יכולתי להבחין הכל בדיוק. היו שם עגלות איכרים לעשרות ועליהן — נשים וטף, ילדים גדולים ותינוקות רכים, ואחר העגלות הצטופף המון רב שעשה רושם מבהיל; כעדר כבשים בהרים, הנרדף על ידי כלבים לשינוי הכוון, כך נדחקו כאן האנשים, כשהם נופלים אחד על השני, מתפזרים ללא סדר לצדדים כמטורפים, כשאור עיניהם כבה למחצה והרוק שבפיהם קפא. ככלבים פראים התנפלו עליהם במקלותיהם הפרשים הגרמנים בתלבושתם הרשמית, והחייל באופנוע בלווית אדם לבוש אזרחית עם רובה ביד. הבנתי, כי אלה הם יהודים המגורשים מאחת העיירות הקרובות. פתאום נשמע קול יריות. אנחה מרעידה נשמעה מהקהל. זעקת כאב מחרידה, אנחת מות וקללות אכזריות מפיו של החייל. אני מאיץ בעגלון, שיעבור במהרה את אורחת המות שלפנינו.

בושתי להיות עד ראייה למחזה האימים. אנו עוברים את אחרוני השורה, „הנה הוא שוכב" — אומר העגלון. ליד הכביש נראית רגל פצועה ועקובה מדם ולידה — הגופה כולה המושלכת לצידי ביב השופכין. על הכביש שלולית דם. אנו מתקדמים בחפזון. „הנה שוב גופת מת" אומר העגלון בקול רועד והנה — ערימת גופות. מחזה מזעזע. אינני יכול לראות בו. העגלון מודיע: „כעשרים במספר. מה הם עושים?". וכן נתקלנו

בגופות מתים עד לפינת הכביש המובילה ימינה. ובסיבוב, בצידי הדרך — ערימת בגדים, בלויים וקרועים, ולידה שתי גופות.

כך נראית הדרך של היהודים המגורשים מהגיטו בטלושטש בעיני עד ראייה. טרם הוציאום מטלושטש רצחו אחדים מהם בחוצות העיירה. כשש מאות איש יצאו לדרך. וכפי השמועה — הגיעו לראדזימין רק כמאתיים.

מה קרה לשאר השיירה, לא ידוע.

מתוך „יומן המלחמה" מאת ד"ר עזריאל קרליבך.
(„הצופה" 1.12.42 גליון 1496)

מעמק הבכא

ט ל ו ש ט ש. ביום שלישי אור ל־26 במאי, ב־4 לפנות בוקר, כיתרו הז'אנדראמים את העיירה והתחילו לרכז את כל היהודים, מטף ועד זקן, בכיכר השוק. כאשר כל האוכלוסיה היהודית, שמספרה שש מאות נפש, התרכזה במקום, פקדו הז'אנדראמים על כל היהודים למסור את כספם ואת כל דברי־הערך שברשותם. הותר להשאיר זלוטי אחד בלבד. הפקודה נתמלאה והיהודים התחילו להטיל על האדמה חפיסות שטרות, זהב, כסף, תכשיטים ועוד. מספרים שבזמן החיפוש מצאו אצל אחד שני זהובים והוא נורה במקום. אחר־כך הוציאו הגרמנים להורג זקנים מעל גיל 60 וילדים עד גיל 10, ונוסף לזה את כל החולים וחלק מן הנשים. הנשים שנותרו הועלו על עגלות ונשלחו בכיוון ראדזימין. אחר־כך פקדו על האנשים שנותרו לרוץ בכביש המוביל לראדזימין כדי להשיג את העגלות שהקדימו. הגרמנים עשו זאת באכזריות שטנית ובפראות רבה. בצדי הכביש עמדו פולנים ועל זרועותיהם סרטים אדומים והם היו טומנים באדמה את כל החלשים והחולים שנורו בדרך על־ידי הגרמנים.

לורשה הגיע רק חלק קטן של המגורשים...

מתוך: ידיעות בית לוחמי הגיטאות ע"ש יצחק קצנלסון למורשת השואה והמרד. גליון מס' 22 אפריל 1960 (כ"ז בניסן תש"ך)

עתונו של ,,דרור" במחתרת גיטו וארשה

במארס 1942 התחיל להופיע במחתרת גיטו ורשה, שבועון ביידיש של תנועת ,,דרור", בשם ,,ידיעות". עיקרו: ידיעות היום, מן הנעשה בחזיתות המלחמה ובשדה המערכה הפוליטית. הוא היה מיועד גם לחוגי קוראים שאינם חברי התנועה. השבועון המשיך להופיע עד חודש יולי 1942. גליונו האחרון יצא לאור ב־22 לחודש, הוא יום התחלת הגירוש הגדול מגיטו ורשה. בפתק שצירף מרדכי טננבוים־תמרוף לגניזה ברחוב דז'אלנה 34, נאמר, בין היתר, כי ה,,ידיעות" יצאו לאור ב־60 טפסים, וכי הגיעו בערך ל־1000 קוראים.

הגליונות הראשונים הוכנו בידי יצחק צוקרמן, ולאחר שמרדכי טננבוים־תמרוף הגיע מוילנה לגיטו ורשה, נעשתה מלאכת הוצאת העתון בידי שניהם. את החומר האינפורמטיבי שאבו העורכים מפי חברים־שליחים ומפי פליטים שהגיעו לגיטו. כמו־כן החליפו ,,חדשות" עם אליהו גוטקובסקי, עורך הביולטין שהופיע מטעם ,,עונג שבת", הארכיון החשאי מיסודו של ד"ר ע. רינגלבלום.

החומר הועלה על שעוונית השיכפול במכונת־כתיבה, בחיפזון ועל־פי־רוב, ללא עריכה מוקדמת. המלאכה נעשתה בדירה מחתרתית ברחוב וולנושץ' (אז זאגארמיסטשובסקה) ולאחר מכן ברחוב נאלבקי 33. מטעמי ביטחון השתדלו לסיים את ההדפסה במשך יום אחד. השיכפול נעשה ברחוב טלומאצקיא 5, במעונו של האירגון היהודי לעזרה עצמית (ייס"א), בעזרתו של משה פיינקינד, מראשי פועלי־ציון־שמאל בגיטו ורשה, שעבד באותו מוסד.

אנו מפרסמים בזה לראשונה, מתוך ארכיון ,,בית לוחמי הגיטאות", את הגליונות 4, 5, 6 ו־7 בתרגום עברי. שלושת הגליונות הראשונים של השבועון, וכן הגליון האחרון (מס' 12) לא נשתמרו. ההערות בגוף הרשימות מופיעות גם במקור.

(,,ידיעות" מס. 5. 2 ביוני 1942)

ט. ברוסטין־בערנשטיין

די איבערבאַזעצונג אין וואַרשעווער געטאָ אין דער צייט פון דער דייטשער אַקופּאַציע (1941 — 1942)

(אַדמיניסטראַטיווע טיילונג און סטאַטיסטישע ידיעות)

„...אין מזרח־טייל פון וואַרשעווער דיסטריקט, איז די יידישע באַפעל־קערונג געוואָרן קאָנצענטרירט אין אַן ערך 30 געטאָס, ס'רוב אין די גרעסערע שטעט און צווישן אויגוסט און אָקטאָבער 1942 און אין באַ־שטימטע צייט־אָפּשניטן אַרויסגעשיקט געוואָרן דירעקט קיין טרעבלינקע. פון די קלענערע הינטער־וואַרשעווער מקומות, וואָס ליגן אויף דער רעכטער זייט, ד"ה מזרח־זייט פון דער ווייסל (פּוסטעלניק, מאַרקי, אָקוניעוו, מילאָסנע, וואַווער, טלושטש) זענען די יידן אַרויסגעשיקט געוואָרן אין די חדשים מערץ און מאַי 1942 קיין וואַרשע, כדי נאָך אַ קורצער צייט דורכ־צומאַכן זייער לעצטן וועג קיין טרעבלינקע..."

(זייט 134)

„...כתשובה דערויף האָט דער קאָמיסאַר מיטגעטיילט וועליקאָווסקין, אַז דער ענין פון איבערבאַזעצן וועט ביז פרילינג נישט זיין אַקטועל.

די איבערבאַזעצונג־אַקציע פון די יידן פון די הינטער־וואַרשעווער ישובים פּוסטעלניק, מאַרקי, אָקוניעוו, מילאָסנע און וואַווער איז געוואָרן אַדורכגעפירט אין מערץ 1942. פון טלושטש האָט מען איבערבאַזעצט די יידן אין מאַי 1944. (?)

(זייט 153)

„...די דאָזיקע אַקציע האָט געטראָגן אַן אַנדערן כאַראַקטער ווי די איבערבאַזעצונג־אַקציע קיין ווארשע אין יאָר 1941; זי האָט געבראַכט מיט זיך אַ גרויסע צאָל קרבנות מיט מענטשן.

מען האָט נישט טראַנספּאָרטירט קיין ווארשע חולים, אומבאַהאָלפענע, זקנים און קאַליקעס, נאָר מען האָט זיי דערשאָסן אויפן אָרט, מען האָט אויך געשאָסן צוליב יעטוועדער קלייניקייט צו די פּליטים, וועלכע האָבן געוואָנדערט מיטן שאָסיי קיין ווארשע...״

(זייט 153)

(בלעטער פאר געשיכטע (פערטליאר־שריפט) יידישער היסטארישער אינסטיטוטביים צ״ק פון יידן אין פוילן. אויגוסט־דעצעמבער 1948 באנד 1, העפט 3 — 4)

חנוך פערעל — בני־ברק

דער אנהויב פון סוף פון שטעטעלע טלושטש

שוין דעם 3־טן טאָג, נאָכן אויסברוך פון צווייטן וועלט־קריג, ד. ה. דעם 3־טן סעפטעמבער 1939, איז געוואָרן שטאַרק באָמבאַרדירט די באַן־סטאַנציע אין טלושטש, וואָס איז געווען אַ וויכטיקער באַן־קנופּ פון גרויסער סטראַטעגישער באַדייטונג, פאַרבינדנדיק די פּוילישע רעזידענץ מיט ווילנע, בריסק און לאָמזשע, ווו עס האָבן זיך געפונען וויכטיקע מיליטערישע באַזעס, אַזוי אַרום איז באַלד דעם דריטן טאָג פון קריגס־אויסברוך איבערגעריסן געוואָרן דער קאָנטאַקט פון די דאָזיקע מיליטערישע באַזעס מיטן צענטער פון לאַנד.

צו מאָרגנס איז אויך געוואָרן שטאַרק באָמבאַרדירט דער גאַנצער יידי־שער קוואַרטאַל, וואָס איז באַשטאַנען בעיקר פון הילצערנע געביידעס. אין פאַרלויף פון אייניקע שעה איז דער גאַנצער יידישער קוואַרטאַל אַרומגע־נומען געוואָרן מיט ריזיקע פייער־פלאַמען און אין געציילטע שעהן פאַר־וואַנדלט דאָס גאַנצע שטעטל אין רויכערנדיקע בערגלעך אַש.

די ערשטע באָמבע פון אַ שטאַרקן קאַליבער איז געפאַלן אויף דער גרויסער מויער פון די קאַוואַלסקיס, וואָס איז געווען פון די נאָענטסטע הייזער צו דער באַן־ליניע. אין אַן אויגנבליק איז די גאַנצע גרויסע געביידע פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ באַרג גרוזעס, פאַרשיטנדיק אונטער זיי פיל מענטשלעכע קרבנות. צווישן די פאַרשיטע קרבנות האָט זיך אויך געפונען ר׳ לייבל שאַרפמאַן, דער איידעם פון ר׳ בעריל אסטשעגא, וועלכער איז דאַן גראַד געשטאַנען אין זיין שפּייז־קראָם. דער זעלבער גרויזאַמער גורל האָט אויך געטראָפן זיינע קונים, וועלכע האָבן זיך דאַן געפונען ביי אים

אין קראַם. זיין פרויביילע, וועלכע איז על־פּי־נס ניצול געוואָרן פון דער דאָזיקער קאַטאַסטראָפע, האָט פאַרלוירן איר גייסטיקן גלייכגעוויכט און איז אַרומגעלאָפן גאַנצע טעג, זוכנדיק איר מאַן — ווען זי האָט געטראָפן האָט זי געשטעלט די פראַגע: „האָסטו נישט געזען מיין לייבלען?"

נאָך איידער דאָס שטעטל טלושטש איז געוואָרן אָפּגעברענט, זענען זיך די יידישע איינוווינער צעלאָפן אין די שכנותדיקע דערפער, ווו די געפאַר פאַר באַמבאַרדירונגען איז געווען אַ שוואַכערע.

יעדער האָט געזוכט צו געפינען זיינס אַ היימישן פויער, וועלכער זאָל אים אַריינגעמען צו זיך, אין זיין תבואה־שייער, אָדער אויף דעם בוידעם.

מיין פאָטער ר' מענדל פּערעל ז"ל האָט זיך מיט זיין פאַמיליע איינגע־קוואַרטירט ביי אַ באַקאַנטן פויער אין דאָרף קאָזלי. עס איז אַזוי אָפּגעלאָפן אַ וואָך צוויי און עס האָבן זיך אָנגעהויבן דערנענטערן די ימים־נוראים. עס זענען זיך צונויפגעקומען ביי מיין פאָטער ז"ל, אַ גרופּע טלושטשער יידן פון די אַנטלאָפענע אין די שכנותדיקע דערפער, און מ'האָט באַשלאָסן אָפּ־צוריכטן די ראש־השנה תפילות ביי אים אין דאָרף.

מ'האָט געזאָרגט וועגן אַ ספר־תורה און אַ בעל־תוקע. דער תבואה־שפּייכלער פון מיין פאָטערס ווירט האָט געדינט אַלס בית־הכנסת.

עס איז אָנגעקומען דער יום־הדין. עס זענען זיך צונויפגעקומען בערך אַ קנאַפּע צוויי מנינים יידן. די שטימונג איז געווען זייער אַ געדריקטע.

ביי די מתפללים האָבן זיך, צווישן אַנדערע, געפונען: ר' שמחה פרידמאַן, ר' מאיר טאוב, דער שטעטישער שוחט ר' יצחק אלי פעלנער, מרדכי לערנער, משה זשולטי, ר' שלמה זאַלצמאַן (שלמה גלעזער) יענקיל פּאַ־פּאָווסקי און אַנדערע, ווי אויך דער שרייבער פון די דאָזיקע שורות.

שחרית און מוסף האָט געדאַוונט ר' מענדל פּערעל, וועלכער האָט אַרויסגערופן אַ גרויס געוויין ביים עולם מתפללים, און ווען ער האָט מיט געשטיקטע טרערן אויסגעשריגן: „כי תעביר ממשלת זדון מן הארץ" איז אויסגעבראָכן אַ שרעקלעכער יאָמער, גלייך ווי יעדער וואָלט אינסטינקטיוו דערפילט דאָס דערנענטערן זיך פון דער פאַכנדיקער שווערד פון דעם מלאך המות.

עס האָט לאַנג געדויערט ביז דער עולם האָט זיך באַרואיקט, כדי צו קענען פאָרזעצן דעם המשך פון די תפילות. נאָך קריאת־התורה (ר׳ שמחה פרידמאַן ז״ל איז געווען דער בעל קורא) האָט מען זיך אָנגעהויבן גרייטן שופר בלאָזן.

דער שטענדיקער בעל תוקע דער שוחט ר׳ יצחק אלי, האָט געהאַט צוגעגרייט אַ נייעם שופר. דאָס מאָל האָט ער שוין נישט געהאַט די מעג־לעכקייט, ווי זיין שטייגער, זיך טובל זיין, פאַר תיקוני זוהר, וואָס ווערט געזאָגט דורך יודעי חן פאַר תקיעות, באַגיסנדיק זיין מחזור מיט הייסע טרערן:

„למנצח לבני קרח מזמור״ — לאָזט זיך הערן פון אַלע מיילער פון די מתפללים, מיט געבראָכענע שטימען, באַגלייט מיט געוויין.

ווען ר׳ יצחק אלי נעמט דעם שופר אין דער האַנט און גרייט זיך צו מאַכן די ברכה „...לשמוע קול שופר״, קומען פלוצים אַריין צעלויפן עטלעכע בחורים מיט אַן אויסגעשריי: „שאַ, שטיל! דייטשן מאַרשירן״.

באַלד האָט מען געקענט באַמערקן ווי פון דערווייטנס, בערך אַ האַלבן אָדער גאַנצן קילאָמעטער פון אונדז. מאַרשירן אויף אַ נישט ברוקירטן טראַקט לאַנגע קאָלומנעס דייטשע מאָטאָריזירטע אינפאַנטעריע־מיליטער, לאָזנדיק הינטער זיך וואָלקנס שטויב.

וועגן בלאָזן שופר האָט שוין נישט געקאָנט זיין קיין רייד, יעדער קלענסטער רעש, האָט געקענט באַדראָען דאָס לעבן פון אַלע מתפללים, באַשולדיקנדיק אַז מען גיט איבער סיגנאַלן פאַר דעם שונא. דער בעל תוקע ר׳ יצחק אלי האָט דעם פאַרשעמטן שופר אַריינגעשטעקט אין דעם בוזעם פון זיין אונטערגעגאַרטלטער ריפסינער קאַפּאָטע.

אויך פאַרשעמטע און דערשראָקענע, האָבן די מתפללים טיף איבער־געדעקט זייערע פנימער מיט די טליתים און מיט הייסע טרערן אויסגעגאָסן זייערע ביטערע און אָנגעווייטיקטע הערצער פאַרן רובן העולמים.

אוי רבונו של עולם!... אוי רחום וחנון!... אוי טאַטע זיסער אין הימל! אוי, אוי!

ימים פון טרערן זענען געוואָרן פאַרגאָסן ביים דאָזיקן מעמד.

רבונו של עולם! צי איז נאָך באמת דער לאָגל פון טרערן נישט פול? — אָדער אפשר איז גאָר געלעכערט זיין דנאָ?...

★

אַחוץ דעם שרייבער פון די דאָזיקע שורות, וועמען עס איז געלונגען באַצייטנס זיך אַרויסצורייסן פון די נעגל פון דער נאַצישער בעסטיע (אַנטלויפנדיק ענדע נאָוועמבער 1939 אויף דער סאָוויעטישער זייט), איז קיין איינער פון די אויבנדערמאָנטע נישט געבליבן צווישן די לעבעדיקע. זיי אַלע, מיט זייערע משפחות צוזאַמען און דער איבעריקער יידישער באַפעלקערונג פון שטעטל האָט פאַרשניטן די מערדערישע שווערד פון נאַצישן מלאך־המוות.

יהי זכרם ברוך!

דארא מאַזער־שקאלניק — ברוקלין

מיינע מלחמה איבערלעבונגען



ווי נאָר עס איז אַנטשטאַנען דאָס געטאָ אין טלושטש, האָבן זיך באַלד אָנגעהויבן אונדזערע צרות. עס האָט אָנגעהויבן בו־שעווען די טיפוס־עפּידעמיע, וואָס האָט אָוועקגעריסן זייער פיל קרבנות. די יידישע באַפעלקערונג אין געטאָ איז געוואָרן צו־נויפגעקוועטשט ווי סאַרדינען אין די שאַכטלען. צו דעם איז נאָך צוגעקומען דער שרעקלעכער הונגער. ביי די דאָזיקע באַ־דינגונגען זענען מענטשן געפאַלן ווי די פליגן. ווען די דייטשן האָבן זיך דערוווּסט וועגן דער טיפוס־עפּידעמיע, האָבן זיי דאָס געטאָ הערמעטיש אָפּגעשלאָסן, כדי עס זאָל זיך נישט איבערטראָגן אויך אויף דער אַרישער זייט. צענדליקער מענטשן זענען געשטאָרבן יעדן טאָג פון הונגער, שמוץ און קראַנקהייטן, בלויז איינמאָל אין טאָג האָט מען דערלויבט אַרויסגיין נאָך וואַסער. מען האָט זיך נישט געקענט דערלויבן אפילו צו טרינקען וואַסער, וויפל מ׳האָט געדאַרפט.

ווען עס האָבן זיך אָנגעהויבן פאַרשפּרייטן קלאַנגען אַז מ׳גייט אונדז איבערזידלען, זענען מיינע עלטערן און ברידער שאיע־יצחק און עוזר אָוועק קיין סטאַניסלאַוואָווע (נעבן וואַרשע), וווּ עס האָט געוווינט מיין שוועסטער אַלטקע.

מיין שוועסטער חיה־צביה איז געווען פאַרהייראַט און געוווינט אין מינסק־מאַזאָוויעצק (איר·מאַן האָט געהייסן הערשל לאַפּמאַן). מיין פאָטער יעקב־נח איז שפּעטער פון סטאַניסלאַוואָווע אַוועק צו דער טאָכטער קיין מינסק־מאַזאָוויעצק און איז דאָרט אומגעקומען בעת דער ליקווידאַציע פונעם געטאָ.

מיין מוטער אסתר און שוועסטער חיה־צביה, ווי אויך מיינע ברידער שאיע־יצחק און עוזר האָבן זיך שפּעטער אויסבאַהאַלטן ביי אַ פּאַליאַק אין דאָרף דאַמבראַוויצע נעבן סטאַניסלאַוואָווע. דער דאָזיקער פּאַליאַק האָט זיי אַלע געוואָלט אויסמאָרדן. ער האָט מיין ברודער שאיע יצחק דערמאָרדעט אויף אַ בעסטיאַלישן אופן מיט האַק. דאַן זענען מיין מוטער און אירע צוויי קינדער חיה־צביה (23 יאָר אַלט) און עוזר־דוד (14 יאָר אַלט) אַנטלאָפן אויפן סטאַניסלאַוואָווער בית־עולם. די מוטער האָט געהייסן די טאָכטער זאָל רופן אַ פּאַליציאַנט, ער זאָל זיי דערשיסן אויפן בית־הקברות, כדי דערמיט אויסקלויבן אַ לייכטערן טויט פאַר זיך און פאַר אירע קינדער.

ווען עס איז געקומען דער טראַגישער טאָג פון דער אויסזידלונג פון טלושטשער געטאָ האָב איך און מיין ברודער הערשל, איינגעפּאַקט אַ ביסל זאַכן און אַרויסגעטראָגן עס אויף דער גאַס. באַלד האָבן מיר געזען דערשאָסענע מענטשן (צווישן זיי יצחק ראַדאָשינסקין). מען האָט באַפוילן, אַז מענער זאָלן זיך שטעלן אויף איין זייט פון דער גאַס, און פרויען — אויף דער צווייטער זייט. מ׳האָט אויך באַפוילן צו געבן 100,000 זלאָטעס קאָנטריבוציע. א חוץ דעם האָבן די דייטשן געהייסן אַלץ אַוועקגעבן — ווערטפולע זאַכן, ווי גאָלד, זילבער, צירונג און לעדער. מ׳האָט אַוועקגעשטעלט טישן און אויף די טישן שיסלען, און באַפוילן אַז יעדער זאָל דאָרט אַריינוואַרפן וואָס ער פאַרמאָגט. יעדער איינער האָט מיט ציטערדיקע הענט פון שרעק אַהינגעטראָגן, וואָס ער האָט נאָר געהאַט מיט זיך.

אין שטאַמפּקעס הויז נעבן דער שול האָבן געוווינט וועלוול ראַדזימינסקי מיט זיין פאַמיליע, לייבל זאַלצמאַן מיט זיינע קינדער (זיין פרוי איז נאָך פריער געשטאָרבן פון אַ טיפוס), דוד פאָסטאַלסקיס פרוי

מיט אַ זון. בעת דער איבערזידלונג איז אַ פּאָליציסט אַריין אין טואַלעט פון דעם הויז און דאָרט באַמערקט אַן אַריינגעוואָרפן פּעקל לעדער. די



די משפחה פון יעקב'נה סקאַלניק
משפחת יעקב'נה שקולניק ז"ל

דייטשן האָבן באַפוילן די מענער פון דעם דאָזיקן הויז זאָלן אַרויסטרעטן פון די רייען, און זיי אַלע דערשאָסן אויפן אָרט. צווישן די דערשאָסענע

האָבן זיך געפונען: וועלוול ראַדזימינסקי מיט זיין זון, לייבל זאַלצמאַן און דוד פּאַסטאַלסקיס זון.

איך וועל קיינמאָל אין מיין לעבן נישט פאַרגעסן דאָס דאָזיקע קאַשמאַר־בילד, ווי די קערפּערס פון די דאָזיקע קדושים האָבן געציטערט און זיך קאַנוואָלסיוו געוואָרפן. אויף דעם זעלבן אופן האָט מען אויך דערשאָסן די טאָכטער נעכע פון מנימין־יענקל לוסטיק. זי האָט דערשאָסן דער זשאַנדאַרם שטיין ימ״ש, זאָגנדיק דערביי, אַז זי איז צו שיין צו זיין אַ יידישע. אויך זייער פיל אַנדערע יידן זענען געוואָרן אויף דעם פלאַץ דערשאָסן.

נאָכדעם האָבן זיי באַפוילן, אַז ווער עס האָט געאַרבעט ביי דער זשאַנדאַרמעריע זאָל אַרויסטרעטן, וועלן זיי בלייבן אין טלושטש. אַזוי ווי מיין ברודער הערשל האָט געאַרבעט סטאָלעריי ביי דער זשאַנדאַר־מעריע, האָט ער אויך געוואָלט אַרויסטרעטן, אָבער זיין זשאַנדאַרם, פאַר וועמען מיין ברודער האָט געמאַכט פיל גוטע מעבל־שטיקער, האָט אים צוריק געשטופּט אין דער ריי. די אַלע, וועלכע זענען אַרויסגעטרעטן פון דער ריי, צווישן זיי געדענק איך מרדכי מאַלאַזש און ברוך־מרדכי בערגמאַן, האָט מען אויפן אָרט דערשאָסן.

שפּעטער האָבן די דייטשן אויסגעקליבן גוטע אַרבעטער, צווישן זיי אויך מיין ברודער הערשלען, און זיי גענומען קיין ווילאַנאָוו צו אַרבעט. די איבעריקע יידן האָט מען געפירט קיין ראַדזימין צו דער קאָלעיקע. מ'האָט געמוזט לויפן, איינגעשטעלט אין פירלעך, און ווער עס האָט נישט געקענט נאָכלויפן, אָדער איז אַרויס פון די רייען, האָט מען גלייך דערשאָסן. עס איז געפאַלן מער ווי די העלפט אויפן וועג. דאָס איז געווען אין אַ מיטוואָך.

אין ראַדזימין איז דעמאָלט געווען אַ מאַרק־טאָג. די גויים האָבן אונדז אויפגענומען מיט חוזק און שפּאָט, אַרויסווייזנדיק זייער שמחה פון דעם, וואָס זיי וועלן שוין פּטור פון די „זשידעס״.

ווי סאַרדינען אין שאַכטלען האָט מען אונדז אַנגעשטאָפּט אין די טאָוואַראָווע וואַגאָנדלעך פון דער קאָלעיקע. מענטשן זענען דאָרט אויס־געגאַנגען פון היץ און דאָרשט.

ווען מיר זענען אָנגעקומען קיין פּראָגע, האָט מען אונדז ווידער אָנגעשטופּט אין די טראַמווייען און געפירט קיין וואַרשע. פיל מענטשן האָבן געחלשט אין די טראַמווייען פון ענגשאַפט און היץ. מען האָט אונדז אַראָפּגעלאָזט אין אַ קאַראַנטינע אויף לעשנע־גאַס, נעבן דער אַגראַדאָווע. איך בין געווען אין אַ באַוווסטלאָזן צושטאַנד ווען מען האָט אונדז אַראָפּגענומען פון די טראַמווייען. מענטשן האָבן מיך געמוזט אַריינפירן אויף דעם פּלאַץ.

נאָך דער באָד האָט מען אונדז אַלע געשיקט אויף אַ קאָנצענטראַציע־פּונקט אויף דזשיקע 3 פון וואַנען מען האָט אונדז פונאַנדערגעשיקט אין עטלעכע קאָנצענטראַציע־לאַגערן. אויך דאָרט זענען מענטשן געפאַלן ווי פליגן פון הונגער און טיפוס.

נאָך דער באַפרייונג האָב איך אָפּגעפונען מיין ברודער הערשל און שוועסטער אַלטקע, וועלכע האָבן אויך זייער פיל דורכגעמאַכט אין דער דאָזיקער גרויזאַמער תקופה און דערלעבט די באַפרייונג.

מיר זענען דאַן אַלע אַראָפּגעפאָרן אין אונדזער שטעטל אַריין, כדי זיך דערוויסן, וועד עס האָט זיך אָפּגעראַטעוועט פון אונדזערע שטעטל־דיקע יידן. דאָרט האָבן מיר געטראָפן הינדען און משהן — די קינדער פון אברהם ראַדזימינסקי (אייזן־געשעפט אין טלושטש). זיי האָבן זיך געראַטעוועט מיט אַרישע דאָקומענטן. ביי די טלושטשער גויים האָט עס געהייסן: „אַז אַזוי פיל יידן האָבן איבערגעלעבט".

מיר האָבן געהאַט בדעה איבערצונעכטיקן אין טלושטש ביי אַ היימישן קריסט. שפּעטער האָבן מיר געהאַט אַ פאַרדאַכט אַז מ׳פּלאַנירט אונדז אומצוברענגען, זענען מיר אין מיטן דער נאַכט אין גרויס שרעק אַנטלאָפן קיין פּראָגע.

איך, צוזאַמען מיט מיין שוועסטער און ברודער, האָבן פאַרלאָזט פּוילן אין מאַי 1945. מיר זענען געווען אַ צייט אין איטאַליע און שפּעטער אָנגעקומען קיין אַמעריקע.

האלינא (הינדא) בענעט־ראדזימינסקי — קאלאראדא

מיינע איבערלעבונגען און געטא
און אויף דער אַרישער זייט

געווידמעט דעם אָנדענק פון מיינע עלטערן
אברהם און רבקה (רעגינע) ראַדזימינסקי הי״ד



די פאַמיליע פון מיין פאָטער אברהם ראַ־דזימינסקי אין טלושטש איז באַשטאַנען פון 6 משפחה־מיטגלידער: פאָטער און מוטער, איין טאָכטער (הינדע) און דריי זין (יהודה, משה און אייזיק). מיין פאָטער האָט לאַנגע יאָרן אָנגעפירט אין טלושטש מיט אַ גע־שעפט פון אייזן־ און בוי־מאַטעריאַלן און האָט זיך גערעכנט אַלס איינער פון די חשובע און רייכע בעלי־בתים אין שטעטל. ער איז געווען אַן איש ציבור און שטאַרק געווען טעטיק אויף יעדן געזעלשאַפטלעכן געביט אין שטעטל. ער איז געווען פּרעזעס פון דער קרעדיט־באַנק אין טלושטש במשך דער גאַנצער צייט פון איר עקזיסטענץ. אויך געווען פאַרטרעטן אין דער יידישער קהילה אַ סך יאָרן, געווען פּרעזעס פון פאַראיין פון די יידישע סוחרים אין טלושטש, ווי אויך גבאי ראשון אין דער שטעטישער שול אאז״וו.

ווי עס איז געווען אָנגענומען אין יענע צייטן אין פּוילן, אַז די קינדער, נאָכדעם ווי זיי זענען אַרויס פון דעם שול־עלטער, האָבן מיטגעאַרבעט אין די געשעפטן פון זייערע עלטערן, בין איך אויך געווען

באַשעפטיקט אין די געשעפטן פון מיין פאַטער, און דער חוש פאַר מסחר האָט מיר שפּעטער אַ סך מיטגעהאָלפן דורכצומאַכן די שווערע צייטן פון דער נאַצישער תקופה אויף דער אַרישער זייט אַלס „פּאָליאַטשקע".

ווען עס איז אויסגעבראָכן דער צווייטער וועלט־קריג, אין סעפּטעמ־



בקבוץ „הנוער הציוני" בביאליסטוק ביניהם אחי יהודה רדזימינסקי
(הראשון מצד שמאל בין היושבים)

אין קבוץ „הנוער הציוני" אין ביאליסטאָק צווישן זיי מיין ברודער יהודה ראַדזימינסקי
(דער ערשטער לינקס, צווישן די זיצנענדיקע)

בער 1939, איז אונדזער שטעטל באַלד אין די ערשטע טעג געוואָרן שטאַרק באָמבאַרדירט דורך דייטשע עראָפּלאַנען, וועלכע האָבן באַוואָרפן דעם גאַנצן קוואַרטאַל מיט אויפרייס־ און ברען־באָמבעס, וואָס האָבן אָפּגעמעקט אין אייניקע שעה דעם גאַנצן יידישן ישוב פון טלושטש. אויך

דאָס הויז פון מיין פאָטער, און זיין געשעפט, זענען געוואָרן אָפּגעווישט בעת דער דאָזיקער שריפה.

איך, ווי אויך מיינע צוויי ברידער, האָבן אָנגעהערט צו דער ציוניס־טישער יוגנט־אָרגאַניזאַציע. מיין עלטערער ברודער לייבל (יהודה) האָט נאָך געהאַט דאָס גליק עולה צו זיין קיין ארץ־ישראל אייניקע יאָר פאַר דער וועלט־מלחמה, נאָכדעם ווי ער האָט דורכגעמאַכט אַ געהעריקע הכשרה אין איינעם פון די קבוצים פון הנוער הציוני (אין יאָר 1960 איז ער דאָרט געשטאָרבן נאָך אַ שווערן האַרץ־אַטאַק).

באַלד אין די ערשטע חדשים, ווי נאָר מיר י״דן אין פוילן האָבן אָנגעהויבן פילן דעם טעם פון דער נאַצישער אָקופּאַציע, איז מיין פאָטער אַוועק קיין ביאַליסטאָק, וואָס איז געווען אָקופּירט דורך די סאָוויעטן. דאָס איז געווען אָנהויב חודש נאָוועמבער 1939. אויך איך, צוזאַמען מיט מיין ברודער משה, זענען שפּעטער אַריבער צו אונדזער פאָטער קיין ביאַליסטאָק. אין דער ערשטער העלפט פון יאָר 1940 איז מיין פאָטער צוריק קיין פוילן צו אונדזער מוטער. אין אַ קורצער צייט אַרום בין איך אויך מיט מיין ברידער משה צוריק צו אונדזערע עלטערן קיין טלושטש. אין אַ קורצער צייט אַרום איז דאָרט אַנטשטאַנען דאָס געטאָ, וואָס האָט אָנגעהאַלטן ביז מאַי 1942 און איז געוואָרן ליקווידירט. דער דאָזיקער שוואַרצער טאָג אין דער געשיכטע פון אונדזער שטעטעלע איז געווען אין דער צווייטער העלפט פון חודש מאַי 1942.

די נאַציס מיט זייערע מיטהעלפער האָבן גאַנץ פרי אַרומגערינגלט דאָס גאַנצע געטאָ, און אַלע יידן, יונג און אַלט, מענער און פרויען, געטריבן ווי די הינט אויף איין פּלאַץ. בעת דעם דאָזיקן מאַרש האָט מען געהערט פון אַלע זייטן שיסן. די ערשטע קרבנות זענען געווען די מיטגלידער פון „יודענראַט״, וועלכע מ׳האָט אַלע אויפן אָרט דערשאָסן (צווישן זיי מאיר טאַוב און ארקע גאָלדוואַסער). די איבעריקע לעבנגע־בליבענע האָט מען געטריבן אין דער ריכטונג קיין ראַדזימין. די מענטשן האָבן געמוזט שנעל נאָכלויפן די אויטאָס. אַ העלפט מענטשן זענען געפאַלן מאַכטלאָז און מ׳האָט זיי אויפן אָרט דערשאָסן. ווען מיר זענען אָנגעקומען קיין ראַדזימין, האָט מען אונדז אַריינגעשטופּט ווי די בהמות

אין די צוגעגרייטע לאַסט-וואַגאָנען פון דער קאַלייקע, וואָס האָט אונדז געפירט אין געטאָ וואַרשע.

ווען עס האָבן זיך אָנגעהויבן די „אַקציעס" אין וואַרשע, האָבן מיר זיך אַ צייט אויסבאַהאַלטן ביי אונדזערס אַ קרובה (די טאָכטער פון מיין פעטער אהרון יאַנקל ראַדזימינסקי) אויף דער לעשנע־ גאַס, אין אַן אַלו־מיניום־פאַבריק. שפּעטער איז פון טאָג צו טאָג געוואָרן ערגער. מיר האָבן געפילט ווי עס דערנענטערט זיך דער סוף. דאַן האָבן זיך אונדזער פאָטער און מוטער געוואָנדן צו אונדז, אַז מיר, קינדער, זאָלן זיך פּרובירן ראַטעווען, כל־זמן עס איז נאָך דאָ צייט, און אַנטלויפן אויף דער אַרישער זייט. מיין ברודער משה האָט פאַר אונדז באַזאָרגט דאָקומענטן מיט אַרישע נעמען, און מיר האָבן פאַרלאָזט דאָס געטאָ וואַרשע אין סעפּטעמ־בער 1942.

איך וועל אין מיין לעבן נישט פאַרגעסן דעם דאָזיקן מאָמענט פון אונדזער צעשיידונג. מיין פאָטער האָט אַרויפגעלייגט זיינע הענט אויף מיין קאָפּ און מיך געבענטשט. זיינע ליפּן האָבן געפּליסטערט אַ שטילע תפילה צו גאָט, ער זאָל מיך, זיין טאָכטער הינדעו, באַשיצן פון אַלע געפאַרן. איך האָב געפילט אויף מיין פּנים די הייסע טרערן, וואָס האָבן געשטראָמט פון מיין פאָטערס אויגן. מיין זעליקע מוטער האָט נישט געקענט באַהערשן אירע געפילן און איז אויסגעבראָכן אין אַ ספּאַזמאַטיש געוויין און געיאָמערט אויף אונדזער און זייער ביטערן גורל.

איך מיט מיין ברודער זענען אַוועק אין דער געגנט נעבן ביאַליסטאָק. מיר זענען דאָרט געווען אין פאַרשידענע דערפער. לאַנג האָבן מיר זיך נישט געקענט האַלטן אויף איין אָרט, ווייל מיר האָבן מורא געהאָט זיך איינצומעלדן. איך האָב געשטריקט סוועטערס, און מיין ברודער האָט געהאַנדלט מיט פלייש מיט די גויים, און דערפון האָבן מיר זיך דערנערט. מיר האָבן יעדן טאָג געלעבט אין גרויס שרעק, אַז אָט, פאַלן מיר אַריין צו דער „געסטאַפּאָ".

אזוי האָבן מיר דורכגעלעבט ביז דער באַפרייונג אין חודש סעפּטעמבער 1944 דורך דער סאָוויעטישער אַרמיי. איך האָב עמיגרירט קיין אַמעריקע און דאָרט חתונה געהאָט.

מיין מאַן אברהם בענעט, האָט אויך דורכגעמאַכט אַלע מדורי גיהנום פון דער היטלער־תקופה. ער שטאַמט פון לאָדזש (אַ געוועזענער איידעם פון הרב פישל ראַבינאָוויטש פון לאָדזש). זיין פאָטער חיים־צבי בענעט הי״ד איז געווען לאַנגע יאָרן אַ מיטאַרבעטער אין דער יידישער קהילה אין לאָדזש ביז צו דער לעצטער אויסזידלונג אין אויגוסט 1944.



אברהם בענעט אין טויטן לאגער מאטהאוזען

זיין פאָטער ווי אויך זיין מוטערביילע־טויבע און צוויי שוועסטער שרה און מאַשע, ווי אויך זיינס אַ ברודער שמולעק, זענען אַלע אומגע־קומען דורך די נאַציס ימ״ש, הי״ד.

מיין מאַן, צוזאַמען מיט זיין ערשטער פרוי לאה עה״ש און דעם 9־יאָריקן זון יצחק־אהרון ז״ל זענען אין אויגוסט 1944 געוואָרן טראַנס־פּאָרטירט קיין אוישוויץ. בעת דער סעלעקציע האָט מען פון אים אָוועק־געריסן זיין פרוי מיטן זון און זיי געשיקט אין די גאַז־קאַמערן הי״ד.

דעם 19־טן יאַנואַר 1945 האָט מען מיין מאַן איבערגעשיקט פון אוישוויץ קיין מאַטהאַוזען און דאָרט האָט ער דערלעבט די באַפרייונג דורך דער אַמעריקאַנער אַרמיי, דעם 5־טן מאַי 1945.

*

לויט ווי מיר האָבן זיך שפּעטער דערוווּסט, איז אונדזער מוטער אומגעקומען אין וואַלאַמינער געטאָ ענדע 1942, און אונדזער פאָטער און ברודער אייזיק זענען אומגעקומען אין וואַרשעווער געטאָ אָנהייב 1943.

ה׳ ינקום דמם!

אריה פערעל — בת־ים

מיינע איבערלעבונגען בעת דער היטלער־תקופה



אין יאַנואַר 1938, באַלד נאָך מיין חתונה, האָב איך פאַרלאָזט מיין שטעטעלע טלושטש און אַריבער וווינען קיין וואַרשע־פּראַגע, ווו איך האָב אָנגעפירט מיט אַ געשעפט פון אייזן־אויסאַרבעטונגען.

אין יאָר 1940, בערך אין חודש אָק־טאָבער, ווען די לאַגע אין וואַרשע איז געוואָרן אומדערטרעגלעך, האָב איך באַ־שלאָסן צו פאַרלאָזן וואַרשע און אַוועק צו מיינע שוויגער־עלטערן קיין לעאָפּאָלדאָוו (מיין שווער און שוויגער זענען גלייכצייי־טיק געווען מיינע קרובים, פעטער און מו פון מיין מוטערס צד). לעפּאָלדאָוו איז געווען אַ קליין שטעטעלע, אין לובלינער וואָיעוואָדשאַפט, ווו עס האָבן געוווינט סך הכל עטלעכע דריי־סיק יידישע משפחות.

אין לעאָפּאָלדאָוו איז ביי אונדז געבוירן געוואָרן דער צווייטער זון, יחיאל־אהרון ז״ל. אונדזער ערשטער זון חיים איז געבוירן געוואָרן אין וואַרשע.

אין לעאָפּאָלדאָוו זענען מיר אַזוי אָפּגעזעסן קנאַפּע 18 חדשים ביז דער אויסזידלונג.

די אויסזידלונג פון די לעפּאַלדאָווער יידן

די אַטמאָספערע איז שוין דעמאָלט געווען זייער אַן אַנגעשטרענגטע. עס זענען דערגאַנגען שוידערלעכע קלאַנגען וועגן דער לובלינער אויס־זידלונג. מען האָט דערציילט, אַז מ׳נעמט אַוועק קינדער פון עלטערן און פרויען פון זייערע מענער. מען קוילעט מענטשן אין די גאַסן. עס איז געווען שווער אין דעם אַלעם צו גלויבן. מיר האָבן נאָך דאָס נישט דורכ־געמאַכט, נאָר בלויז געהערט ביז עס איז געקומען די ריי אויך אויף אונדז — איינוווינער פון לעפּאַלדאָוו.

דעם 7־טן מאַי 1942, 5—6 אַזייגער אין דער פרי, האָבן זיך שוין באַוויזן די מערדער און זייערע העלפער. מיר האָבן שוין געהאַט געוווּסט אַ טאָג פריער, אַז אין ריקי — אַ שטעטל 7 קילאָמעטער פון אונדז — האָט מען אַרעסטירט דעם יודענראַט. עס איז זיך שווער פאַרצושטעלן די בהלה און שרעק וואָס האָט אונדז אַלעמען אַרומגענומען. מיין פרוי איז מיט אַ טאָג פריער צוריקגעקומען פון ריקי, וווּהין זי איז געגאַנגען צום מוהל מיטן נייגעבוירענעם קינד, און צוריקגעקומען פול מיט שרעק פון דעם וואָס זי האָט זיך דאָרט אָנגעהערט. מיר האָבן געפילט ווי די שוואַרצע כמאַרעס דערנענטערן זיך צו אונדז.

מיר האָבן נאָך פריער צוגעגרייט פּלעצאַקעס פאַר יעדן איינעם און זיך גלייך געכאַפּט צו די פּעקלעך. נאָר אין איילעניש האָט יעדער געכאַפּט נישט זיין פּעקל.

דער סאָלטיס לויפט אַרום פון שטוב צו שטוב און באַפעלט, אַז אין פאַרלויף פון 5 מינוט זאָלן אַלע יידן שטיין גרייט אין דרויסן אויף אַ באַשטימטן פּלאַץ (אַנטקעגן אונדזער פענצטער). מיר כאַפּן נאָך אין איילעניש צו פּלעשלעך מילך. מיר זענען דעמאָלט געווען שרעקלעך צעמישט און אַרויסגעלאָפן. עס שטייען שוין כמעט אַלע מיט די פּעקלעך אויף די פּלייצעס. די באַנדיטן ווילצלען זיך, אַז איינעם מוזן זיי היינט דערשיסן. עס קומט אַ באַפעל צום סאָלטיס, אַז ער זאָל איבערציילן די יידן. פאַרן ציילן זענען די מערדער אַריין מאַכן אַ כוסה. מיר פאַרשטענדיקן זיך מיטן סאָלטיס, ער זאָל אונדז דערלויבן צו אַנטלויפן, און ער דערלויבט דאָס אונדז.

די פרוי מיטן זויגלינג אויף דער האַנט און מיט פעקלעך פון פאַרנט און הינטן; איך מיטן עלטסטן קינד און מיט אַ פעקל, געלונגט אונדז מיט ניסים זיך אַרויפצוכאַפּן אויף אַ בוידעם פון אַ היימישער קריסטין. מיר זיצן אַזוי עטלעכע שעה ביז די קריסטין קומט אַן און זאָגט אונדז, אַז מ׳האָט שוין אַלע אַוועקגעפירט אויפן וועג קיין ריקי.

עס איז דעמאָלט אויפן אָרט געוואָרן דערשאָסן דורך די דייטשע באַנדיטן דער יידישער תושב פון שטעטל באַקאַנט מיטן נאָמען ר׳ אליעזר בעל־דרשן. ער איז געווען אַ ייד אַ ירא שמים און בן־תורה און פלעגט אַרומפאָרן איבער די פוילישע שטעטלעך האַלטן דרשות אין די בתי־מדרשים. מ׳האָט אים קובר געווען אויף דעם אָרט נעבן אונדזער הויז.

אויפן בוידעם קענען מיר שוין לענגער נישט זיצן און מוזן פון דאָרט אַוועק. מיר גייען אַזוי אַ לענגערע צייט איבער קרייץ־וועגן ביז מיר קומען אָן אויף דער טשערניצער קאָלאָניע צום קריסט סטאַכורסקי. מיר האָבן שוין דאָרט געטראָפן עטלעכע יידן פון לעאָפּאָלדאָוו, וועלכע זענען נאָך מיט אַ טאָג פריער אַנטלאָפן. דאָרט זענען מיר פאַרבליבן בלויז אייניקע טעג און געמוזט אַוועק. דער דאָזיקער איידעלער קריסט מיט זיין פאַמיליע זענען שפּעטער דערשאָסן געוואָרן דורך די דייטשן.

מיר האָבן באַשלאָסן פון דאַנען זיך לאָזן קיין אָקשע — אַ שטעטעלע נעבן זשעלעכאָוו, און נישט ווייט פון דער קאָלאָניע, ווו עס עקזיסטירט נאָך דערווייל אַ שטיקל קיבוץ פון יידן. דעם 12־טן מאַי זענען מיר אָנגעקומען קיין אָקשע און דאָרט פאַרבליבן איבער 6 חדשים — ביז דעם 24־טן אָקטאָבער 1942.

ווען מיר זענען אָנגעקומען קיין אָקשע, איז מיין נייגעבוירענער זון יחיאל־אהרון אַלט געווען קוים דריי וואָכן. מען קען זיך קוים פאָרשטעלן אין וואָס פאַראַ באַדינגונגען מיר האָבן דאָס קינד דערנערט. מיר האָבן, דאַנקען גאָט, געהאָט ווו אַריינצוגיין. עס האָט דאָרט געוווינט אונדזערס אַ קוזין — משה לעווינזאָן. ער איז געווען גלייכצייטיק אַ מיטגליד פון יודענראַט. קוים מיט גרויס געבעט האָט מען אונדז דערלויבט דאָ צו פאַרבלייבן. אַלס אויסגעזידלטע האָבן מיר דאָ נישט געטאָרט בלייבן.

אַלע יידישע איינוווינער פון אָקשע זענען געווען באַשעפטיקט אין

וואָלער הויף. יעדן טאָג באַלד אין דער פרי פלעגן קומען די מערדער און טרייבן דאָס ביסל יידן אין הויף אַריין אויף אַרבעט. ווען מיר, פרעמדע, האָבן נאָר דערפילט, אַז זיי קומען, זענען מיר געלאָפן זוכן אַ באַהעלטעניש. יאַראָן — איינער פון די פאַרפאַלגער — איז געווען אַ גרויסער סאַדיסט. ווען ער האָט זיך באַוויזן זענען אַלע אויפגעציטערט געוואָרן. איך האָב שוין געהאַט מיינס אַ באַהעלטעניש אין אַ קעלער מיט אַ גוט מאַסקירטן אַריינגאַנג. דאָרט פלעג איך איבערזיצן די פאָר שעה אין טאָג ווען דער דאָזיקער סאַדיסט פלעגט קומען.

איינמאָל האָט ער געטראָפן ביים אַרטיקן שוחט אין שטוב אַ פרעמד יינגל פון ריקי און אים אַזוי לאַנג געהאַקט מיט אַ האַקמעסער ביז ער איז אויסגעגאַנגען אין שרעקלעכע יסורים. געשלאָפן בין איך אין קעלער אָדער אויפן בוידעם, און אַ ביסל אין דרויסן אויף אַ פעלד.

די אויסגעזידלטע יידן פון לעאָפאָלדאָוו האָט מען געטריבן קיין ריקי און פון דאָרט קיין דעמבלין. אויפן וועג האָט מען דערשאָסן די. וועלכע האָבן נישט געהאַט גענוג כוח מיטצוגיין אין דעם דאָזיקן לעצטן מאַרש. אויף דער סטאַציע אין דעמבלין האָבן די רוצחים דערשאָסן מיין זיידן ר׳ משה אבפייער אין עלטער פון 85 יאָר. זיין זון טוביה (מיין שווער און פעטער) איז אַרויפגעפאַלן אויף דעם גוססדיקן קערפער פון זיין פאָטער און זיך געבעטן ביי די באַנדיטן, זיי זאָלן אויך אים דערשיסן. זיי האָבן אים טאָקע אויך באַלד דערשאָסן. די קרבנות האָבן נאָך געהאַט די זכיה צו קומען צו קבר ישראל אויף דעם יידישן בית־הקברות אין דעמבלין.

די איבעריקע אויסגעזידלטע האָט מען פון דעמבלין געפירט אין דעם טויטן־לאַגער סאָביבאָר, צווישן זיי אויך מיין מומע (שוויגער) מלכה און איר טאָכטער פאַלע.

דריי פון מיין שווערס קינדער איז געלונגען אויסצומיידן די אויסזידלונג. צווישן זיי — זיין איינציקער זון אהרן (אַ יונגער בחור פון אַ יאָר 20) און די צוויי יינגסטע טעכטער רחל און איטקע. דער זון אהרן איז אַוועק אין די וועלדער און דאָרט זיך אָנגעשלאָסן אין אַ יידישער פאַרטיזאַנער־גרופע, וועלכע האָט אָנגעוואָרפן אַ פחד אויף די גויים פון

די שכנותדיקע דערפער, מאַכנדיק אויף זיי באַוואָפנטע נאַכט-אָנפאַלן און גענומען נקמה אין די, וועלכע האָבן געפּרוּווט זיי פאַרפאַלגן.

אַ קורצע צייט פאַר דער באַפרייונג (17.5.1944) איז ער מיט אַ גרופּע פון נאָך 15 פאַרטיזאַנער געפאַלן אין קאַמף מיט די דאָרפישע רוצחים. די יידישע פאַרטיזאַנער האָבן זיך באַפעסטיקט אין אַ כאַטקע (אַ פּויעריש הייזל) אונטערן דאָרף און דריי שעה נישט צוגעלאָזט צו זיך, באַשיסנדיק יעדן, וואָס האָט נאָר געפּרוּווט צו זיי זיך צו דערנענטערן. ערשט ווען עס איז זיי אויסגעגאַנגען די לעצטע קויל, האָבן די גויים באַגאָסן דאָס הייזל מיט נאַפט און עס פון אַלע זייטן אונטערגעצונדן, און אַלע זענען לעבעדיקערהייט געוואָרן פאַרברענט. הי״ד.

די צוויי שוועסטערלעך רחל און איטקע האָבן זיך אַ געוויסע צייט אַרומגעבלאָנקעט אין יענער געגנט, געליטן הונגער און קעלט, געשנעכ-טיקט אויף פעלדער און וועלדער. זיי האָבן בײדע באַשלאָסן זיך פרייוויליק צוצושטעלן צו די דייטשן. זיי האָבן זיך דערשלעפּט ביז דער באַן-סטאַציע פון לעאָפּאָלדאָוו, ווו זיי זענען געוועזן פאַר דער אויסזידלונג, און אַריין צום דייטשן שעף פון דער באַן-סטאַציע און געמאָלדן, אַז זיי זענען יידישע מיידלעך און ווילן מ׳זאָל זיי דערשיסן. ער האָט זיי געפרעגט, וואָס איז זייער לעצטער ווונטש. זיי האָבן געענטפערט, אַז זייער ווונטש איז, מ׳זאָל זיי דערשיסן פאַר זייער הויז. ער האָט זייער לעצטן ווונטש דערפילט. זיי צוגעפירט צו זייער הויז און דאָרט זיי דערשאָסן. זיי זענען אויך אויף דעם זעלבן אָרט געוואָרן באַגראָבן. הי״ד.

דער גרויסער נס

געשען איז דאָס דעם 12-טן אָקטאָבער 1942, גלייך נאָך דער זשע-לעכאָווער „ווישעדלעניע״, עס איז דעמאָלט אויסגעקומען גלייך נאָך סוכות, אַזייגער 5 פאַרטאָג, האָט מען גאַנץ אָקשע אַרומגערינגלט, עס זענען זיך צוזאַמענגעקומען די „גראַנאַט״-פּאָליציי פון דעמבלין, לוקאָוו און אַדאַמאָוו, ווי אויך די זשאַנדאַרמעריע פון דעמבלין און די שוואַרצע

פון קאַרווין, מיט אימבעקן (דעם גרעסטן מערדער אין יענער געגנט) בראש. אויך די פוילישע פייער־לעשער האָבן גענומען אַ געוויסן אַנטייל ביים כאַפּן די פּרעמדע.

מען האָט דעמאָלט געכאַפּט עטלעכע הונדערט און מיך בתוכם, מיין פרוי מיט די קינדער, איז געלונגען דורכצוגיין די וואַכע, פאַרשטעלט אַלס קריסטין מיט אַ קויש און מאַטיקע (דאָס איז געווען די צייט פון גראָבן קאַרטאָפל) און אַוועק אין וואַלד אַריין.

אַרויסגענומען האָט מיך דעמאָלט פון שטוב אַ פוילישער פייער־לעשער. ס'האָט נישט געהאָלפן קיין בעטן, אַז ער זאָל מיך באַפרייען (ער האָט דאָס געקאָנט טאָן), ער האָט מיך צוגעפירט צו די איבעריקע, עס זענען שוין דעמאָלט געזעסן אויף דער ערד עטלעכע הונדערט מענטשן, איך האָב געקראָגן עטלעכע קולאַקעס מיט דער קאָלבע און מיך געהייסן זעצן גלייך מיט אַלע.

מ'האָט אונדז געהייסן זינגען און טאַנצן פאַרשידענע טענץ, באַזונדער האָט מען געהייסן, איינער זאָל שלאָגן דעם אַנדערן, איינער האָט זיך געמוזט אַוועקלייגן אויף דער ערד און דער צווייטער האָט אים געמוזט שלאָגן מיט אַ שטעקן און ווען ס'איז די מערדער נישט געפאַלן (דער שלעגער און דער געשלאָגענער זענען דאָך געווען יידן) האָט זיך דער שלעגער געמוזט אַוועקלייגן און דער מערדער אַליין האָט אים „געוויזן" ווי אַזוי מ'שלאָגט אַ הונט, אַזוי האָט מען געפראַוועט אַרגיעס מיט אונדז פאַר עטלעכע שעה.

איך וועל קיינמאָל נישט פאַרגעסן אַ שרעקלעך בילד. מ'האָט געבראַכט צו פירן אַ זשעלעכאָווער ייד, משה פאַס, אַנגעטאָן אין טלית און קיטל, מיט אַ לאַנגער ווייסער פאַטריאַרכאַלער באָרד, באַגאָסן מיט נאַפט און אונטערגעצונדן. און ווען דער קרבן האָט זיך געפרוווט אַ ריר טאָן אין זיינע יסורים, האָט מען אים צעשטאָכן ווי אַ זיפּ, ער האָט זיך געבעטן ביי די מערדער: שיסט מיך, ניין! — איז געקומען דער מערדערישער ענטפער, מיר ווילן דיך לעבעדיקערהייט דערמאָרדן, אַ שאָד אַ קויל, מיר האָבן געמוזט דעם קדוש אונטערהאַלטן אונטערן אָרעם און אויף אונדזערע הענט איז זיין הייליקע נשמה אויסגעגאַנגען.

ווייטער איז געקומען אַ באַפעל, געלט, גאָלד, ווער עס האָט נאָר עפּעס ווערטפולע זאַכן, זאָל גלייך אָפּגעבן, ווען נישט, ווערט ער גלייך דערשאָסן, פאַרשטייט זיך, וואָס איינער האָט נאָר געהאָט, האָט ער דאָס גלייך אָפּגעגעבן.

עס פאַלן פון אַלע זייטן פאַרשידענע זאַכן, געמיינט, אפשר וועלן זיי זיך דערמיט ראַטעווען, עס קומט אַ נייער באַפעל: גוטע שטיוול, וואָלענע זאָקן הויזן און מאַרינאַרקעס, אַלץ אַוועקגעבן, און אַזוי האָט מען זיך מיט אונדז געשפּילט ביז 12 אַזייגער מיטאָג.

נאָך מיטאָג, איז געקומען דער קאָמיסאַר פון וואָליער־אָקשער הויף און מ׳האָט אָנגעהויבן אַרויסקלייבן מענטשן אין הויף אַריין אויף אַרבעט, מ׳האָט אויסגעקליבן כמעט בלויז אָקשער, ס׳האָט נישט געהאָלפן מיין איטנערוועניש ביים אַרטיקן סאַלטיס, פּאַווליאַק, און איך בין געבליבן אין אַ זייט אַלס פרעמדער.

די אויסגעקליבענע מענטשן אויף אַרבעט, האָט מען אָפּגעשיקט אין הויף אַריין און 97 מאַן, אַרומגערינגלט פון 60—70 מערדער מיט מאַשין־געווער (חוץ פוילישע צוהעלפער) געהייסן זיך לייגן מיטן פּנים צו דער ערד.

איך ליג און קלער ווי אַזוי זיך צו ראַטעווען, בין געווען זיכער, אַז די פרוי מיט די קינדער, איז געלונגען זיך צו ראַטעווען, איך ליג און זאָג ווידוי, איך זע פאַר זיך גאַרנישט, בלויז אַביסל זון־שטראַלן, וועלכע שיינען מיר אַרונטער, איך הער נאָר יעדעס מאָל באַפעלן: איינס צוויי, ביז אַכט, אויפשטיין! און אין עטלעכע מינוט אַרום, דאָס „שפּילן״ פון מאַשין־געווער.

עס קומט דער באַפעל אויף די לעצטע 6 מאַן און צווישן זיי, איך, אַלעס אויפשטיין! איך פיל אַ זעץ פון דער קאָלבע, איך רייס זיך גלייך אויף, מען פירט אונדז אונטער אַ גרויסער וואַך, לעבן מיר וישניעווסקי מיט דער האַנט ביים ציגל, די ביקס אָנגעלאָדן און ווען מיר קומען צען מעטער פון עקזעקוציע־פּלאַץ, שטעלט זיך מיר פאַר אַן אויסטערליש גרויליק בילד, עס זענען שוין דעמאָלט געווען אויסגעקוילעט 91 מאַן: איינער לעבן צווייטן ווי שעפּסן אין שחט־הויז, איך ווער ווילד, רייס זיך

אוועק און צווישן די הייזער און בוימער לויף איך, איך פיל, אז איך לויף נישט, נאר פלי, די „מוזיק" שפילט מיר נאך, נאר איך פלי און גלייכ־צייטיק ווארף איך פון זיך אראפ די איבעריקע עטלעכע זאכן וואס איך טראג, בלייב בלויז אין א נאכט־העמד, מ'לויפט מיר נאך מיט א פערד, און דאך געלונגט מיר אריין אין וואלד, איך דראפע זיך ארויף אויף א בוים און בלייב אויף אים זיצן ביז עס ווערט גוט פינצטער, איך גיי דאן אין נאענטן דארף צו א באקאנטן קריסט און טרעף דארט מער יידן, איך קריג דארט עפעס אנצוטאן און פארבלייב דארט עטלעכע טעג, אינצווישן צייט קומט מיין פרוי מיט די קינדער.

אט אזוי, איז מיר געלונגען, איינער פון 97 מענטשן, זיך צו ראטעווען. ווען איך בין געווען אין אקשע נאכן באפרייען דורך דער רויטער ארמיי, האב איך עטלעכע מאל באזוכט דאס קבר פון די 96 קדושים און זיך צוגעקוקט צום ארט ווו איך האב געזאלט רוען צוזאמען מיט זיי.

זאל זיי די ערד גרינג זיין.

כבוד זייער אנדענק.

✶

ווען איך בין אין אנפאנגס יאר 1949 אנגעקומען קיין ישראל, האב איך פארנומען א וווינונג אין איינעם פון די פארלאזטע אראבישע הייזער אין דזשעבעליא (היינט גבעת עליה) הארט ביים ים. דארט האט אויך געוווינט פרוי בלומענקאפף פון פוילן, אן אלמנה מיט צוויי טעכטער, רעפאטריאנטן פון רוסלאנד. די ערשטע צייטן פלעגן מיר אין די אוונטן זיצן צוזאמען און יעדער האט דערציילט וועגן זיינע שווערע מלחמה־איבערלעבענישן.

איינמאל אין אן אוונטן ביי מיר אין שטוב, ווו עס האבן זיך געפונען איניקע שכנים, און אויך די פרוי בלומענקאפף, דערצייל איך זיי פרטים פון מיינע שווערע איבערלעבענישן אין אקשע און דאס שוידערלעכע בילד פון איזדעקעווען זיך איבער דעם קדוש פון זשעלעכאוו, דעם

פּאַטריאַרכאַלישן ייד משה פּאַס ז״ל. ווי נאָר איך האָב דערמאָנט דעם נאָמען משה פּאַס פאַלט די פרוי בלומענקאָפּף אַוועק אַ באַוווסטלאָזע. עס איז געוואָרן אַ בהלה אין שטוב.

ווען די פרוי בלומענקאָפּף איז צוריקגעקומען צום באַוווסטזיין, האָט זי אויסגעבראָכן מיט אַ ספּאַזמאַטיש געוויין, ברעכנדיק די הענט. דער קדוש איז געווען איר ברודער. הי״ד.

צווישן פּאַרטיזאַנער

נאָכן אַנטלויפן פון אַקשע אין וואַלד האָבן מיר אין האַרבסט 1942, צוליב די קאַלטע וועטערן, באַשלאָסן צו מאַכן אַ בונקער, וועלכער זאָל אַריינעמען 9 פּערזאָן. שפּייז האָט מען מיט גרויסער אָנשטרענגונג דערוואָרבן אין די אַרומיקע דערפער. שפּעטער האָבן מיר זיך צוזאַמענ־געטראָפן מיט גרופּן אַנדערע יידן, וועלכע האָבן שוין געהאַט ביקסן און רעוואָלווערן, וואָס זיי האָבן באַקומען פון פּ. פּ. ר.־פּאַרטיזאַנער־קאָמענ־דאַנט סטאַכאָווסקי. ער האָט צוזאַמענגענומען אַלע 15 יידן און 9 פּאָלאַקן אויף איין אָרט, און באַשלאָסן זיי צו טיילן אין 2 גרופּן — יידישע און פּוילישע. אַלס קאָמענדאַנט פון דער יידישער פּאַרטיזאַנער־גרופּע איז באַשטימט געוואָרן חיים באַראַנעק (היינט אין ישראל).

צוליב דער מורא פאַר דער פּוילישער גרופּע, האָבן מיר, יידן זיך אויסבאַהאַלטן אין אַ באַזונדערן געהיימען בונקער, וועגן וועלכן אפילו דער הויפּט־קאָמענדאַנט סטאַכאָווסקי האָט נישט געוווּסט. היות מען האָט זיך פון צייט צו צייט אויך געמוזט טרעפן מיט סטאַכאָווסקין, האָט חיים באַראַנעק באַשטימט אַלס פאַרבינדלערין מיין פרוי בראָניע, וועלכע האָט געהאַט אַן אַרישן אויסזען. ווען בראָניע האָט זיך פון סטאַכאָווסקין דערוווּסט, אַז בקרוב דאַרף אַדורכפאָרן קיין לוקאָוו דייטש מיליטער, האָט זי אים געבעטן דאָס „שטיקל אַרבעט" איבערצולאָזן פאַר דער יידישער גרופּע. אין דער באַשטימטער צייט האָבן צייניקע פּאַרטיזאַנער פון אונדזער גרופּע פונאַנדערגענומען די באַן־רעלסן. אין רעזולטאַט דערפון זענען

אייניקע וואַגאָנען מיט דייטש מיליטער אַראָפּ פון די רעלסן און די דייטשן גורם געווען גרויסע פאַרלוסטן.

איינמאָל האָט פּאַסירט אַזאַ פאַל: אַ יידיש מיידל האָט זיך אויסבאַ־האַלטן ביי אַן איינזאַמער פּויערטע. האָבן די דייטשן פון אַקשע זיך דערפון דערוווסט און באַפאַלן די פּויערישע כאַטע. צוויי אַנגעקומענע דייטשן האָבן פאַרהאַלטן דאָס מיידל מיט דער פּויערטע און זיי אַריינגע־זעצט אין וואַגאָן, כדי זיי ערגעץ אַפּצופירן. אַז די דייטשן זענען מיט זיי אַדורכגעפאָרן נעבן אַ וואַלד, האָבן מיר, אַ געוויסע צאָל פון דער יידישער פּאַרטיזאַנער־גרופּע, געעפנט אויף זיי אַ פייער. די צוויי דער־שראָקענע דייטשן זענען אַראָפּ פונעם וואַגן און זיך פאַרשטעקט ערגעץ אין וואַלד. אַזוי אַרום איז דעם יידישן מיידל מיט דער פּויערטע געלונגען זיך צו ראַטעווען. (דאָס יידישע מיידל לעבט היינט אין פּאַריז).

אין אַ געוויסן טאָג האָבן מיר געהערט, אַז די פּוילישע „אַקאָווצעס" באַפאַלן די יידישע פּאַרטיזאַנער. האָב איך מיט מיין פרוי און קינד פאַרלאָזט די יידישע פּאַרטיזאַנער־גרופּע און פאַר זיך אַליין געמאַכט אַ געהיימען בונקער. קיינער האָט מער פון אונדזער באַהעלטעניש נישט געוווסט.

ווען מ'האָט אין יאָר 1943 געהערט, אַז די דייטשן האָבן אַרומגערינגלט דעם וואַלד און דערשאָסן דעם קאָמענדאַנט סטאַכאָווסקי, האָבן מיר באַשלאָסן צו פאַרלאָזן דעם וואַלד. מיר האָבן זיך דאָ באַגעגנט מיט חיים באַראַנעק און צוזאַמען מיט אים זיך אויסבאַהאַלטן אין אַ בונקער. ביי דעם באַקאַנטן פּויער יאַראָטשיק. דאָ האָבן מיר זיך דערוווסט, אַז דער פּויער יאַראָטשיק געהערט גאָר צו די „אַקאָווצעס". נישט האָבנדיק קיין אַנדער ברירה, האָבן מיר דעם אַרעמען פּויער איבערקויפט מיט אַ סומע געלט. שפּעטער האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז דער פּויער האָט נישט בדעה געהאַט אונדז שלעכטס צו טאָן. דער פּויער האָט טאַקע פאַר אונדזער געלט נישט געוואָלט געבן קיין עסן, אָבער דערפאַר האָט ער אונדז אָנגעוויזן די ערטער ביי גוטע פּויערים, ווו מיר וועלן אַן שוועריקייטן באַקומען שפּייז. מיר האָבן שוין אַזוי אָפּגעלעבט ביי דעם פּויער ביז צו דער באַפרייאונג.

דינה גרינבערג־ראדזימינסקי — אשקלון

זכרונות



מיין פאָטער, פּיניע ראַדזינימנסקי ז״ל, ווי אויך מיין מוטער צביה עה״ש, זענען געווען רעליגיעזע מענטשן און אין דעם גייסט האָבן זיי אויך דערצויגן זייערע קינדער. מיין מוטער איז געשטאָרבן מיט אַ נאַטיר־לעכן טויט, זייענדיק נאָך אַ פרוי אין די מיטעלע יאָרן. אונדזער פאַמיליע איז גע־ווען געקניפּט און געבונדן מיט זייער פיל משפחות אין טלושטש, וועלכע האָבן גע־האָט דעם געמיינזאַמען פאַמיליען־נאָמען — „ראַדזימינסקי״ און דער דאָזיקער פאַמי־ליען־נאָמען איז פאַרבונדן מיט דער גע־שיכטע פון אונדזער שטעטל.

די ערשטע משפחות, וועלכע האָבן זיך באַזעצט אין טלושטש, האָבן געשטאַמט פון ראַדזימין.

די בענקשאַפט נאָך ציון און ירושלים זענען געוואָרן איינגעפלאַנצט אין די הערצער פון מיינע שוועסטער און ברידער נאָך פון דער קינדהייט. איך געדענק, אַז ביי אונדז אין שטוב האָבן געהאַנגען פּיל צדקה־פּושקעס פון פאַרשידענע ארץ־ישראלדיקע אַנשטאַלטן. מיין מוטער עה״ש פלעגט דאָרט שטענדיק, פאַר ליכט צינדן, אַריינוואַרפן אירע וועכנטלעכע שפּענדונגען. צווישן די דאָזיקע פּושקעס האָט פאַרנומען דעם אויבן־אָן

די „קופת רבי מאיר בעל הנס". ווען די קינדער זענען אונטערגעוואַקסן איז צו די כוללות־פושקעס אין אונדזער שטוב צוגעקומען נאָך אַ פּושקע, וואס קינדער האָבן אַריינגעבראַכט — די „בלוי־ווייסע" פּושקע פון „קרן־קיימת לישראל".

מיין ברודער משה הי"ד האָט דורכגעמאַכט אַ הכשרה אין אַ קיבוץ און זיך געגרייט עולה צו זיין קיין ארץ־ישראל, נאָר די קראַנקהייט פון אונדזער מוטער האָט אים באַוויגן אָפּצוהאַלטן זיך דערווייל פון זיין אָפּפאָרן. ליידער האָט ער שוין שפּעטער זיין פּלאַן נישט באַוויזן צו רעאַליזירן.

איך האָב חתונה געהאַט מיט אַ זייער פרומען און אינטעליגענטן בחור — משה אַבקאָוויטש ז"ל. ער האָט געלערנט אַ סך יאָרן אין אַ ביאַליסטאָקער ישיבה און דערביי זיך אויך פאַראינטערעסירט מיט וועלכטלעכע לימודים. ער איז געווען אַ גרויסער מתמיד און פלעגט גאַנצע נעכט פאַרברענגען איבער ספרים און ביכער. ער פלעגט אַ סך פון זיינע פאַרדינסטן אויסגעבן אויף פרישע ספרים און ביכער.

ווען עס איז אַנטשטאַנען דאָס געטאָ אין טלושטש, זענען מיר אַנט־לאָפן צו מיין מאַנס עלטערן נעבן לאַכאָוו. ווען עס האָט זיך דאָרט געמאַכט שלעכט, האָט מיין מאַן פאַרשאַפט פאַר מיר און אונדזער טעכטערל נחמה (האַלינקאַ) אַרישע דאָקומענטן און אונדז געגעבן זיין ברכה, מיר זאָלן זיך ראַטעווען און ער איז אַוועק ווייט פון אונדזער סביבה. צוליב זיין שטאַרק סעמיטישן אויסזען, האָט ער אַליין נישט געוואָלט גיין אויף דעם זעלבן וועג.

מיר זענען אַוועק קיין וואַרשע. די ערשטע צייטן האָבן מיר זיך אויפגעהאַלטן ביי אַ קריסטלעכער פאַמיליע לאַטאַשעק. דער מאַן איז געווען אַ סטרוזש, און די פרוי — אַ וועשערין. איך האָב איר געהאָלפן אין דער וועשעריי און דערפאַר ביי איר באַקומען אַ ביסל עסן. מיין קינד האָב איך געמוזט אָפּשליסן אין אַ וואַשרוים און יעדעס מאָל געלאָפן צו איר כאַפּן אַ בליק. זי איז דאַן אַלט געווען דריי יאָר, נאָר האָט שוין פאַרשטאַנען, אַז זי דאַרף שווייגן. שפּעטער האָט די פרוי לאַטאַשעק מיר



קבוצת בני נוער בקבוץ הכשרה בטורק, בתוכם אחי משה רדזימינסקי (הראשון מצד שמאל)
א גרופע טלושטשער יוגענטלעכע אויף הכשרה אין טורק צווישן זיי מיין ברודער משה ראדזימינסקי

דערקלערט, אַז מיט דעם קינד קען זי מיך מער נישט האַלטן. דאַן בין איך אַוועק צו אַ באַקאַנטער פוילישער פאַמיליע, און געבעטן, זיי זאָלן מיר דאָס קינד צונעמען אויף אייניקע חדשים, ביז איך וועל מיר געפינען אַ פרישן פלאַץ. די איידעלע קריסטן זענען מיין בקשה אַנטקעגן געקומען און צוגענומען מיין קינד. דאָס איז געווען אין יאָר 1943, ווען דאָס געטאָ אין וואַרשע האָט שוין געברענט. אויך איך בין דערווייל ביי דער דאָזיקער פאַמיליע געבליבן אַ קורצע צייט, ביז איך האָב זיך גוט אויסגעלערנט די קריסטלעכע „מאַדליטוועס" (תפילות). דערנאָך בין איך אַליין פון דאָרט זייער ווייט אַוועק פון יענער סביבה, ווו עס האָט מיך קיינער נישט געקענט, און שפּעטער אַריבערגענומען מיין קינד. דאָרט בין איך געווען ביז די רוסן האָבן אונדז באַפרייט.

נאָך דער באַפרייונג בין איך קודם כל געפאָרן אין אונדזער שטעטל, כדי זיך צו דערוויסן וועגן גורל פון אונדזערע נאָענטסטע. ליידער האָב איך דאָרט קיינעם נישט געפונען. מיין איינציקע טרייסט איז געווען מיין שוועסטער מרים־גיטל, וועמען עס איז געלונגען זיך צו ראַטעווען, אויך אויף אַרישע פּאַפּירן. היינט געפינט זי זיך אין אַמעריקע, ווו זי האָט אויפגעבויט איר משפחה־נעסט און פירט דאָרט אַ רויִק פאַמיליען־לעבן.

יוסף חדשי (נאווינא) — חיפה

דער אומקום פון מיין משפחה

מיין פאָטער אברהם נאָווינא ז״ל איז געווען אַ ייד, אַ בן תורה. ער האָט אין דער יוגנט געלערנט אין פאַרשידענע ישיבות אין פוילן און פאַרבראַכט אין רבישע הייף. ער איז געווען אַ גערער חסיד און האָט געהערט צו די אנשים חשובים פון שטעטל טלושטש.

אין דער משפחה זענען געווען 12 קינדער: 8 קינדער פון זיין ערשטער פרוי און 4 קינדער פון דער צווייטער פרוי.

מיין פאָטער האָט געמוזט שווער האָרעווען, כדי מפרנס צו זיין בכבוד זיין גרויסע משפחה.

די עלטסטע טאָכטער, ברכה, האָט חתונה געהאַט מיט אַ וואַרשעווער חסידישן און מאָדערנעם יונגנמאַן, יהושע־חיים, אַ ווילדערנער פון אַ רע־ליגיעזער שטוב. פון זייערע 3 קינדער — 2 זין און איין טאָכטער, האָט זיך נאָר איין זון געראַטעוועט און געפינט זיך אין אויסטראַליע.

מיין עלטסטער ברודער ברוך־מאיר האָט דורכגעמאַכט אַ הכשרה פון אגודת־ישראל און זיך געגרייט עולה צו זיין, אָבער צום אומגליק, נישט באַוויזן זיין פּלאַן צו רעאַליזירן. ער איז פאַרבליבן אין טלושטש און דאָרט אומגעקומען מיט זיין פאַמיליע (פרוי און אַ קינד) הי״ד.

די טאָכטער לאה האָט חתונה געהאַט מיט בנימין האַלצקענער. ער איז באַצייטנס אַנטלאָפן אויף דער רוסישער זייט. היינט געפינט ער זיך אויך אין ישראל.

מיין שוועסטער שרה האָט חתונה געהאַט מיט נתן רישמאַן, אַ באַאַמטער אין פּאַלעסטינע־אַמט אין וואַרשע (היינט אין אַמעריקע).

מיין שוועסטער רחל האָט חתונה געהאַט און געוווינט אין ווענגראָווע. (גורל נישט באַקאַנט).

מיין שוועסטער יהודית איז נאָך אַ שווערער קראַנקהייט געשטאָרבן אייניקע יאָר פאַר דעם קריג.

מיין יונגסטע שוועסטער חוה איז אומגעקומען ביי זייער טראַגישע אומשטענדן. לויט די ידיעות פון הערשל שקאַלניק, איינער פון די געציילטע לעבנגעבליבענע טלושטשער לאַנדסלייט, האָט חוה חתונה געהאַט מיט שמעריל זילבערבערגס אַ זון און האָט געבוירן פון אים אַ קינד. דאָס קינד האָט מען דערמאָרדעט פאַר אירע אויגן. זי אַליין האָט זיך געראַטעוועט אויף אַרישע דאָקומענטן. נאָר האַרט פאַר דער באַפרייונג איז זי געקומען קיין טלושטש — די גויים האָבן זי דערקענט און איבערגעגעבן אין די הענט פון די נאַציס, וועלכע האָבן זי אויפן אָרט דערמאָרדעט.

מיין יינגסטער ברודער הענעך־וועלוול האָט געלעבט אַ געוויסע צייט ביי דער משפחה וויינבערג. (היינט אין ישראל). לויט אירע ידיעות איז הענעך־וועלוול געוווען אויסבאַהאַלטן אַ לענגערע צייט צוזאַמען מיט זיי אין אַ גוט מאַסקירטן בונקער אין אַ דאָרף, ביי זייערס אַ היימישן פּויער. ער פלעגט יעדעס מאָל אַרויס און צוריק קומען. דאָס לעצטע מאָל איז ער אַרויס און שוין מער נישט צוריקגעקומען.

לויט דער אינפאָרמאַציע פון הערשל שקאַלניק איז ר' אברהם נאָווינא הי"ד דערשאָסן געוואָרן אויף דעם וועג קיין יאַדאָוו, בעת דעם טויטן־מאַרש, אין טאָג פון דער איבערזידלונג פון דעם טלושטשער געטאָ אין חודש מאַי 1942.

ווען די דייטשן האָבן אָנגעהויבן באַמבאַרדירן וואַרשע האָבן זיך שרה מיט איר מאַן רישמאַן, צוזאַמען מיט זייערס אַ קליין קינד, געלאָזט צופוס קיין ווענגראָוו, ווו עס האָט געוווינט די שוועסטער רחל. נאָך עטלעכע טעג גיין צופוס זענען זיי דאָרט אָנגעקומען מידע און צעבראָכענע. זי איז פאַרבליבן אין ווענגראָוו, נאָר איר מאַן האָט נישט אָוועקגעלייגט דעם וואַנדערשטעקן און זיך געלאָזט ווייטער אין וועג, ביז ער איז אָנגעקומען

קיין ווילנע. פון ווילנע האָט ער זיך שפּעטער געלאָזט קיין כינע און אַזוי איז אים געלונגען זיך צו דערשלאָגן ביז אַמעריקע.

שרה איז שפּעטער צוריקגעקומען צוזאַמען מיט איר קינד אין וואַר־שעווער געטאָ און דאָרט האָט זיי געטראָפן דער זעלבער טראַגישער סוף, וואָס עס האָט געטראָפן דעם גאַנצן יידישן קיבוץ פון וואַרשעווער געטאָ.

השם ינקום המם!

ויהי זכר כולם ברוך לנצח!

מרים־גיטל ראדזימינסק־קארסאן — אמעריקע

אויף דער ערשטער צייט

ווען מען האָט די רעשטלעך יידן פון טלושטשער געטאָ אריינגעפירט אין ווארשעווער געטאָ, בין איך אויך געווען צווישן די איבערגעבליבענע, ווייל לויפנדיק פון טלושטש קיין ראַדזימין האָבן די דייטשן געשאָסן, און ווען עס האָט געטראָפן די קויל, איז געבליבן אויפן וועג.

יענער בלוטיקער טאָג איז געווען דער שרעקלעכסטער פאַר מיר, ווייל איך האָב צוגעזען דאָס ערגסטע וואָס אַ מענטש קען זיך נאָר פאָרשטעלן: די ברוטאַליטעט פון די דייטשן און זייערע מיטהעלפער, די אוקראַינער און פאָליאַקן.

אין דעם מאַרש זענען געפאַלן צום מערסטן עלטערע מענער און קינדער. איך האָב דעמאָלט באַשלאָסן, אַז אויב די דייטשן וועלן מיך נישט דערשיסן, וועל איך פאַר יעדן פרייז זיך מוזן ראַטעווען. ווען מען האָט אונדז אַריינגעטריבן אין ווארשעווער געטאָ האָב איך באַלד געזוכט מיטלען ווי אַזוי זיך צו ראַטעווען. צו יענער צייט זענען נאָך געווען יידן אין די „פאַראייניקטע שטאַטן”, ווי מען האָט גערופן די געגנט לאַכאָוו. עס זענען דאָרט געווען אַ פאַר דערפלעך, איינס נישט ווייט פון אַנדערן, ווו מיין שוועסטער דינה האָט געוווינט. גלייך נאָך דעם ווי דער יידישער קוואַרטאַל אין טלושטש איז געוואָרן פאַרברענט פון דער שטאַרקער באָמבאַרדירונג אין די ערשטע טעג פון דעם קריג, איז זי מיט איר קינד האַלינקע און מאַן משה אַבקאָוויטש הי״ד אַוועק אַהונצו. שפּעטער איז אויך מיין שוועסטער פייגע מיט איר מאַן און 4 קינדער

אַהין געקומען, ווי אויך מיין ברודער משה מיט זיין פרוי און טאָכטער הי״ד.

אין יענער געגנט האָב איך זיך באַפריינדעט מיט אַ קריסטלעך מיידל — העלענאַ מאַלינסקאַ. און איך האָב געהאַט מזל. אַ פּאָר וואָכן האָב איך געהאַט אַ געלעגנהייט זיך אויסצורוען פון די שווערע איבער־לעבענישן און געקומען אַ ביסל צו זיך.

מיין פרישע פריינדין העלענאַ האָט געוווינט מיט אירע עלטערן אין אַ דאָרף לעבן זשעלעניעץ, נישט ווייט פון מאַלקין, און פלעגט קומען צו אירס אַ קרובה פון מיין דאָרף, און אַדאַנק אַ צופאַל האָבן מיר זיך באַפריינדעט. איך האָב איר געעצהט מיר זאָלן ביידע שמוגלען עסנוואַרג קיין וואַרשע. אַזוי האָט זיך אָנגעהויבן פאַר מיר דאָס לעבן מערסטנס ארומצופאָרן, 'ווייל קיין פלאַץ איז סיי ווי נישט געווען. מיין טייערע שוועסטער דינה האָט אַלעמען אויפגענומען מיט אָפענע אָרעמס און זיך געטיילט מיטן ביסן, אָבער זי האָט אַליין קוים געהאַט אַ פלאַץ ווו צו זיין. און אַזוי האָט זיך דערוויל דאָס ביסל יידן דאָרט געלעבט נאָך אַ פּאָר חדשים ביז דעם יום־כפור 1942. די יידן וועלכע זענען דאָרט געווען, זענען זיך אַלע צונויפגעקומען. עס זענען דאָרט געווען אָנטלאָפענע פון די פאַרניכטעטע געטאָס, כדי צו דאַווענען און בעטן דעם אין הימל, אַז ער זאָל זיי לאָזן לעבן. די געוויינען זענען געווען האַרץ־רייסנדיקע. די רעשטלעך יידן האָבן געפאַסט און געבעטן ביים באַשעפער פאַרגעבונג פאַר זייערע זינד (פאַר וועלכע זינד? — פרעג איך נאָך ביז היינט), און אַלס ענטפער אויף דעם האָט מען זיי דעם אַנדערן טאָג אַרויסגעפירט קיין טרעבלינקע. אַזוי ווי מ׳האָט אָנגע־הויבן רעדן וועגן וואַגאָנען אויף דער באַן־סטאַציע, און איינער אַ פּאָליאַק האָט אויך געזאָגט, אַז מ׳גרייט זיך די יידן אַרויסצופירן — זענען אַ סך זיך צעלאָפן אין וואַלד אַריין, אָדער צו היימישע קריסטן, כדי זיך אויסצובאַהאַלטן. איך בין דאַן געשלאָפן אויף אַ בוידעם.

אַזוי ווי איך האָב געהערט, אַז מען שיסט, בין איך גלייך אַריין אין וואַלד וואָס איז געווען לעבן דעם הויז ווו איך בין געווען. ווי אַ קאַץ בין איך אַרויף אויף אַ בוים און אָפּגעזעסן אַ פּאָר שעה, ווען

איך האָב געהערט, אַז עס איז שוין שטיל געוואָרן, בין איך ערשט אַראָפּ פון בוים און אָנגעהויבן צו גיין. אין וואַלד האָב איך פאַרלוירן דעם וועג. אַזוי ווי צוריק צו דעם זעלבן פּלאַץ האָב איך שוין נישט געקענט קומען, בין איך געגאַנגען אַזוי לאַנג ביז איך האָב דערזען אַ וועג, וואָס האָט מיך צוגעפירט ביז צו די באַן-ליניעס. גייענדיק מיט די ליניעס, האָב איך געזען ווי דער טאָוואַראָווער צוג מיט די געכאַפּטע יידן פירט מען קיין טרעבלינקע.

איך בין געגאַנגען מיטן וועג. די אוקראַינער האָבן געמיינט, אַז איך בין אַ קריסטלעך מיידל, האָבן זיי זיך געגריסט צו מיר. אין דעם זעלבן צוג האָט זיך אויך געפונען מיין ברודער משה. איך האָב אים באַמערקט. ער האָט אַרויסגעקוקט דורכן פענצטער און אויך ער האָט מיך דערזען. ער האָט זיך מיט מיר געזעגנט פון דערווייטנס, שיקנדיק מיר לופט-קושן. איך בין דאַן געוואָרן ווי פאַרשטיינערט. די פיס זענען געגאַנגען, אָבער דאָס האַרץ האָט נישט געקלאַפּט. אַזוי האָב איך זיך געשלעפּט אַ לאַנגע צייט, ביז איך האָב זיך דערשלעפּט, אַ מידע און אויסגעהונגערטע, צו מיין פריינדין העלענאַ. זי האָט מיך אַריינגענומען צו זיך. ביי איר פאַמיליע בין איך געווען אייניקע טעג. מירביידע האָבן זיך ווידער גענומען צום שמוגלען. מיר זענען געפאָרן אויף דעם אָפּשניט מאַלקין — וואַרשע. קיין אַנדערן וועג האָבן מיר נישט געהאַט. אַזוי אַרום איז מיר אויסגעקומען אַדורכצופאָרן טלושטש צוויי מאָל אַ טאָג. די צוגן זענען געווען געפּאַקט און כ'האָב געהאַט זכות-אבות, וואָס עס האָבן מיך נישט באַמערקט קיין באַקאַנטע קריסטן אין דעם וואַגאָן. אַזוי האָט זיך אָנגעהויבן מיין פרישע ראָלע אַלס שמוגלערין.

מיר האָבן געשלעפּט די פּעק מעל, פלייש, פּוטער און אַנדערע פּראָדוקטן, און מיין האַרץ האָט געוויינטיקט איבער דעם, וואָס איך דאַרף נאָך צושטעלן שפּייז פאַר די יעניקע, וועלכע האָבן פאַרכאַפּט די געשעפטן און דירות פון די יידן, וועלכע זענען געוואָרן דערמאָרדעט, אָדער פאַרשיקט אין די פאַרניכטונגס-לאַגערן. אין די וואַרשעווער גאַסן, אין פּראַגע, האָט מען אָפּגעקויפט ביי אונדז די פּראָדוקטן. די טאַרגאָווע-גאַס איז געווען יידן-ריין, אַזוי ווי אַלע גאַסן אין פּוילן.

מיין שוועסטער דינה'ן איז אויך געלונגען צו קומען קיין וואַרשע, ווו זי, מיט איר קינד, האָבן געוווינט ביי אַ סטרוזש, און זי, די סטרוזשקע לאַטאַשקאָווא, האָט געוווּסט ווי אַזוי צו נעמען באַצאָלט פאַר דעם, וואָס זי לאָזט זי וווינען דאָרט. די שווערסטע אַרבעט האָט זי איר געגעבן.

איך בין געקומען, פון צייט צו צייט, צו מיין שוועסטער דינה, און איר געהאָלפן מיט וואָס איך האָב נאָך געקענט. אַזוי איז די צייט געגאַנגען אין צרות אוןליידן, אָבער די לאַגע איז געוואָרן יעדעס מאָל שווערער און ערגער. די פּאָליאַקן האָבן יעדן געקוקט אין אויגן אַריין און געהאָלפן נאָכזוכן אַ ייד, ווייל פאַר כאַפּן אַ ייד האָבן די דייטשן געגעבן אַ גוטן פּרייז: דריי קילאָ צוקער און אַ פלאַש בראָנפן. און פאַר אַזאַ פּרייז זענען געווען גענוג אויסווורפן צו כאַפּן אַ ייד. מיין פריינדין העלענאַ האָט מיך גוט פאַרשטאַנען און מיטגעפילט. זעענדיק מיין לאַגע האָט זי געבעטן אירע עלטערן, אַז זיי זאָלן מיר דערלויבן צייטווייליק ביי זיי צו זיין .זיי זענען געווען אַ גרויסע פאַמיליע און געוווינט אין איין גרויס צימער — אַלע פרומע קאַטאָליקן. איך האָב זיי פאַרזיכערט, אַז זיי דראָט נישט קיין טויט־שטראָף, ווייל איך באַזיץ אַן אַרישן דאָקומענט און אויב מען וועט מיך אפילו כאַפּן, וועלן זיי נישט זיין פאַראַנטוואָרטלעך (די דייטשן האָבן דאָן געהאַט אַרויסגעגעבן אַ באַפעל, אַז ווער עס וועט אויסבאַהאַלטן אַ ייד, וועט ווערן דערשאָסן) און אַזוי האָט מיר דער דאָזיקער דאָקומענט צייטווייליק געהאָלפן.

זייענדיק אַ צוויי וואָכן ביי די מאַלינסקיס, האָב איך געהאַט די געלעגנהייט זיך נענטער מיט זיי צו באַקענען. איך בין אויך געפעלן און זיי האָבן באַשלאָסן, אַז זיי וועלן מיר העלפן. ביי יענער צייט, צו האָבן אַ דאַך איבערן קאָפּ, און דערצו נאָך אַ פריינט, וואָס האָט מיט מיר פריינטשאַפט געשלאָסן איז געווען דאָס גרעסטע גליק. אָבער נישט אויף לאַנג! אַזוי ווי די פאַמיליע איז געווען אַן אָרעמע האָבן זיי פּשוט נישט געהאַט צו עסן, דעריבער האָב איך ווידער געמוזט אָנהויבן אַרומ־צופאָרן צוזאַמען מיט העלענען, און צוריק באַנייט דאָס שמוגלען פּראָדוקטן קיין פּראַגע, און ווידער האָב איך געמוזט דורכפאָרן טלושטש צוויי מאָל

אַ טאָג. מ׳קען זיך פאָרשטעלן וואָס פאַר אַ ליידנס־וועג איך האָב דאָן מיטגעמאַכט, זייענדיק יעדן טאָג אין טויט־שרעק, אַז אַט, אַט, באַגעגן איך אַ היימיש קריסטלעך פּנים, וואָס וועט מיך איבערגעבן צו די דייטשן. נאָר דאָס שרעקלעכסטע פאַר מיר איז געווען, ווען די זשאַנדאַרן זענען איינמאָל אַריין אין די וואַגאָנען, כדי דורכצופירן אַ רעוויזיע פון דעם געפּעק. דער צוג האָט זיך אָפּגעשטעלט אין טלושטש און דאָרט זיך פאַרהאַלטן אַ לאַנגע צייט. איך האָב דאָן געפילט, ווי אויך מיין האַרץ שטעלט אָפּ זיין גאַנג פון גרויס פּחד, אַז איצט קומט שוין מיין סוף. עס איז אָבער געשען אַ נס און אין מיין וואַגאָן איז קיינער פון די טלושטשער פּאַסאַזשירן נישט אַריין. שפּילנדיק די ראָלע, גלייך ווי איך בין איינע פון די פּאָליאַטשקעס, האָב איך געמוזט זיך צוהערן צו די אַלע געשפּרעכן, וואָס די קריסטן האָבן געפירט וועגן די „פאַרשיווע זשידעס", אַז די פּאָליאַקן דאַרפן זיין דאַנקבאַר היטלערן פאַר זיין טאָטאַלער פאַרניכטונג פון די פּוילישע יידן און ריין געמאַכט די פּוילישע ערד פון די דאָזיקע שמוציקע פּאַראַזיטן. כאָטש קיין יידן זענען שוין אין פּוילן נישט געווען, האָט נאָך דער האַס צו זיי שטאַרק געברענט ביי די פּאָליאַקן.

די טעג זענען געלאָפן, און מיר זענען אַזוי אַרומגעפאָרן. ווי אַ וואָרם אין כריין האָט זיך מיר אויסגעוויזן, אַז דאָס איז שוין גוט. אָבער עס איז שטענדיק פאַראַן נאָך ערגער, און אַזוי איז אויך געווען מיט מיר.

ווען די דייטשן האָבן זיך אָפּגעפּאָרטיקט מיט די יידן, האָבן זיי זיך אויך גענומען צו די פּאָליאַקן. זיי האָבן געוואָלט פּוילישע אַרבעטער שיקן קיין דייטשלאַנד, און אַזוי ווי די פּאָליאַקן האָבן זיך נישט צוגע־שטעלט פרייוויליק, האָבן זיי אָנגעהויבן כאַפּן יונגע מענטשן. פאַר מיר וואָלט נישט געווען קיין אונטערשייד ווו צו אַרבעטן. מיט מיין דאָקומענט וואָלטן מיך די דייטשן נישט דערקענט, אַז איך בין אַ ידישקע, נאָר איך האָב מורא געהאַט, אַז איך וועל אָנטרעפן אויף באַקאַנטע און דעמאָלט איז אַלץ פאַרלוירן.

אַזוי ווי העלענאַ האָט אויך מורא געהאַט צו פאָרן, מ׳זאָל זי נישט כאַפּן אויף אַרבעט קיין דייטשלאַנד, האָט זי באַשלאָסן צו בלייבן אין דער היים. נישט האָבנדיק וווּהין צו גיין, בין איך אויך געבליבן ביי זיי.

מיר זענען דאַן געגאַנגען אַרבעטן אין די דערנעבנדיקע דערפער און געבראַכט דאָס פאַרדינסט פאַר די עלטערן, די מאַלינסקיס. אָבער אויך דאָס האָט אָנגעהאַלטן בלויז אַ קורצע צייט און מיין „מנוחה" איז ווידער געוואָרן געשטערט. צו מיין אומגליק האָב איך פאַרגעסן, אַז איך בין אַ יונג מיידל און אַלס קריסטין איז דאָך נאַטירלעך, אַז מ'דאַרף גיין פאַרברענגען, אַז נישט, ציסטו אויף זיך אַ פאַרדאַכט. ווען עס האָט מיך ווער איינגעלאַדן, האָב איך געזוכט שטענדיק אַן אויסרייד, נישט צו גיין. און אַזוי האָט מען מיך אָנגעהויבן חושד צו זיין, אַז איך בין אַ יידישקע. העלענעס ברודער איז איינמאָל געקומען צו לויפן און מיר געזאָגט, אַז איך מוז אַוועק אויף אַ צייט, ווייל ער האָט אויסגעפונען, אַז מ'קלויבט זיך, מיך צו באַפאַלן. איך בין דאַן אַוועק צו זייערס אַ ברודער, וועלכער האָט געוווינט אַ פּאָר קילאָמעטער פון זיי מיט אַ פרוי און קינד, און פאַר געלט האָבן זיי מיך געהאַלטן צוויי וואָכן צייט. ווען עס האָט זיך באַרויִקט, איז העלענאַ געקומען צו מיר און מיך גענומען צוריק צו אירע עלטערן. איך האָב שוין אין יענער געגנט זיך נישט געקענט פריי באַוועגן. אַזוי בין איך ווידער געווען ביי די מאַלינסקיס אַ שטיקל צייט.

דעמאָלט האָט די גוטע און פרומע פרוי מאַלינסקאַ מיט מיר אָנגעהויבן לערנען דעם נייעם טעסטאַמענט, און ביי יעדער געלעגנהייט מיר געגעבן אָנצוהערן, אַז איך וואָלט געקענט לעבן זייער לייכט, ווען איך זאָל אָננעמען זייער גלויבן... זי איז באַשטאַנען מיך צו נעמען אפילו פאַר אַ שנור — אַ פרישע צרה פאַר מיר. איך האָב אויף אַ דעליקאַטן אופן דערקלערט דער איידעלער פרוי, אַז אויב איך וועל אָננעמען אין דער איצטיקער שרעקלעכער צייט דעם קאַטוילישן גלויבן, וועט עס זיין נישט אויס איבערצייגונג, נאָר צוליב מורא, כדי נישט אַריינצופאַלן צו די דייטשן. איך האָב איר געזאָגט, אַז איך דאַרף אַ שטיקל צייט, כדי די פראַגע מער דורכצוטראַכטן. דאָס בלייבן אויף דעם זעלבן אָרט איז שוין געוואָרן פאַר מיר, ביי די פרישע באַדינגונגען, אוממעגלעך. צי איז דען כדאי צו ראַטעווען מיין נישטיק לעבן פאַרן פרייז פון אָפּזאָגן זיך פון גלויבן פון אונדזערע אבות און אָננעמען דעם גלויבן פון אונדזערע רוצחים ?

איך האָב אין דעם מאָמענט געטראַכט, אַז איך דאַרף נאָך לעבן, כדי עס זאָל נאָך בלייבן אַ געדעכטעניש פון אונדזער גרויסער און פאַרצווייגטער משפחה. מיין האָפענונג איז געווען צו דערלעבן די באַ־פרייונג און טרעפן נאָך אַ ייד מיט וועמען איך זאָל אויפבויען אַ משפחה־לעבן און ברענגען אַ יידישן דור. עס האָט זיך מיר דעמאָלט געדאַכט, אַז איך בין די איינציקע יידישע טאָכטער וואָס איז נאָך געבליבן אַ לעבעדיקע, און אַז אויף מיר האָט דער גורל אַרויפגעלייגט די דאָזיקע אויפגאַבע. מיין לאַגע איז דאַן געוואָרן זייער אַ קריטישע, דאָך האָב איך באַשלאָסן צו פאַרלאָזן מיין פּלאַץ.

וווהין גייט מען ?

מיין שוועסטער דינה איז געווען אין וואַרשע מיט איר קינד. איך בין צו איר אַוועקגעפאָרן. איך האָב איר איבערגעלאָזט אַ זאַך וואָס איך האָב געהאַט אַלס אנדענק, און איך האָב איר געזאָגט, אַז דאָס זאָל זי פאַרקויפן נאָר אין אַ נויט־פאַל, ווען זי וועט שוין קיין אַנדערן אויסוועג נישט האָבן. איך האָב נאָך געוואָלט מיט איר פאַרברענגען אַ ביסל. מיין האַרץ האָט געבלוטיקט, זעענדיק איר טרויעריקע אויגן און אויסגעהאַ־רעוועטע הענט. אָבער איך בין געווען צופרידן וואָס זי האָט כאָטש אַן אָרט ווו צו זיין. איך האָב געטראַכט, אַז דאָס איז שוין מיין לעצטע באַגעגעניש מיט איר. מיין באַשלוס איז געווען נישט צו וואַרטן ביז די דייטשן וועלן מיך דערמאָרדן, נאָר מאַכן אַליין אַ סוף צו מיינע צרות. איך האָב זיך געלאָזט גיין צו דער בריק איבער דער ווייסל, וואָס האָט פאַרבונדן פּראַגע מיט וואַרשע, און בין געווען גרייט צו מאַכן אַט דעם שפּרונג, וואָס האָט מיך געדאַרפט אויסלייזן פון אַלע מיינע צרות. נאָר פּלוצים איז פאַר מיר אויסגעוואַקסן מיין שוועסטערס געזיכט מיט אירע בעטנדע אויגן. איך האָב זי געזען אַזוי קלאָר, ווי זי שטייט ממש נעבן מיר, און בעט זיך ביי מיר, נישט צו באַגיין דעם שריט. — אויב דו וועסט נישט לעבן, וועל איך אויך מער נישט לעבן — האָב איך כמעט ווי געהערט איר געבעט ביי מיר. אַדאַנק מיין ליבער שוועסטער בין איך דאַן נישט באַגאַנגען קיין זעלבסטמאָרד, ווייל איך האָב געוואָלט, זי זאָל לעבן מיט איר קינד.

און אַזוי גייענדיק, נישט וויסנדיק וווהין, איז מיר געקומען אויפן געדאַנק אַ קריסטלעכע פרוי, וועלכע איז געווען אַ נאָענטע פריינדין פון מיינער אַ קוזינע פון וואָלאַמין, און וועלכע האָט מיך ליב געהאַט. איר נאָמען איז געווען פאַני קיסטעראַוואַ. איך האָב זיך דערמאָנט איר אַדרעס אין פראַגע (מאַלאַ 2) און אינסטינקטיוו געגאַנגען אַהינצו. עס איז פשוט נישט צו גלויבן, וואָס פאַר אַ נס, עס איז מיר דעמאָלט געשען.

די גוטע פאַני קיסטעראַוואַ (זי איז געווען אַ רוסישע) האָט מיך אַרומגעכאַפּט, געקושט און געוויינט פאַר פרייד, וואָס איך בין געקומען צו איר. איך בין געוואָרן איבערראַשט פון דער דאַזיקער אויפנאַמע. עס ציטערן איצט מיינע הענט ביים שרייבן, דערמאָנענדיק זיך יענעם מאָמענט ווען איך האָב אין גרויס פאַרצווייפלונג אָנגעקלאַפּט אין דער טיר פון דער פרוי קיסטעראַוואַ. עס זענען מיר דאַן געקומען אויפן געדאַנק די ווערטער פון אונדזערע חכמים: „אפילו עס ליגט די שאַרף פון שווערד אויף דעם האַלדז פון מענטש, דאַרף ער נישט פאַרלירן די האָפענונג” (בראשית רבה י׳). די גוטע פרוי האָט מיר קודם כל געגעבן אָפּצועסן, און אַזוי ווי זי האָט געוווינט אין אַ קעלער־שטיבל, ווו עס איז געשטאַנען בלויז איין בעט, האָט זי מיך אַריינגענומען צו זיך צום שלאָפן. דעמאָלט איז דאָס געווען ממש אַ חלום! און אַזוי בין איך דערווייל געווען ביי איר אַ געוויסע צייט. די פרוי קיסטעראַוואַ איז געווען אַן עלטערע און אָרעמע פרוי און האָט זיך אויך אויסגעהאַלטן פון אַרומפאָרן און שמוגלען פאַרשידענע סחורות אויף דער ליניע וואַרשע — שעדלעץ. זעענדיק, אַז איך האָב אַן אַרישן דאָקומענט, איז זי געווען זייער צופרידן. די פרוי קיסטעראַוואַ האָט באַשלאָסן מיך מיטצונעמען מיט זיך, ווען זי וועט פאָרן אין די דערפער אַריין. וואָס האָב איך געהאַט צו פאַרלירן?

דאָס מאָל זענען מיר געפאָרן אויף אַן אַנדערער ריכטונג: וואַרשע — שעדלעץ מיט דער באַן, און פון שעדלעץ מיט אַן אויטאָבוס קיין לאָשיצע, אָדער מיט דער באַן ביז ניעמאָיקע. פון דאָרט זענען מיר געגאַנגען אין די דערפער פאַרקויפן די סחורה און איינגעקויפט עסנוואַרג, צו פירן עס קיין וואַרשע. און אַזוי האָב איך געשלעפּט צו 20 קילאָ מעל אויף מיינע פּלייצעס, און איןביידע הענט שווערע פעק מיט אַנדערע פּראָדוקטן, ווי

פלייש אדג״ל און מיט דער דאַזיקער שווערער משא זיך געדאַרפט אַריינ־שטופּן אין צוג אַריין. מיין „אַפּיעקונקע״ (אַזוי האָט זיך די קיסטעראָוואַ גערופן) האָט מיר קיין פּעק נישט געזשאַלעוועט. — „דו ביסט נאָך יונג און דיר וועט עס נישט שאַטן״ — פלעגט זי זאָגן צו מיר, און געהייסן מיר נעמען וואָס מער געפּעק מיט זיך.

אַזוי זענען מיר ביידע אַרומגעפאָרן אַ געוויסע צייט, ביז עס האָבן זיך, אין יענער געגנט, ווידער באַנייט די „לאַפּאַנקעס״ אויף אַוועקצושיקן יוגנטלעכע אויף אַרבעט קיין דייטשלאַנד. דאַן האָב איך ווידער געמוזט אויפגעבן דאָס אַרומפאָרן. איך בין דאַן געבליבן וווינען אין דאָרף פּאַטקאָוו, נישט ווייט פון שטעטל לאַשיצע ווו איך פלעג גיין אַרבעטן פעלד־אַרבעט. די אַרבעט אין פעלד איז געווען פאַר מיר אַזוי שווער, אַז איך האָב געטראַכט אַז עס לוינט פשוט נישט פאַר דעם נאַרישן לעבן אַזוי פיל כוחות אַוועקצוגעבן...

ווען מיין „אַפּיעקונקע״ איז געקומען צו מיר אויף באַזוך, האָב איך זיך שטאַרק צוזאַמענגעבראָכן און שטאַרק פונאַנדערגעוויינט. זי האָט מיר צוגעזאָגט, אַז זי וועט עפּעס זען צו טון, כדי צו געפינען פאַר מיר אַן אַנדערע אַרבעט. און ווירקלעך האָט זי מיר באַלד געשאַפן אַ פרישע אַרבעט אין דעם פּריצישן הויף, וואָס האָט זיך גערופן „פּאַטקאָוו־פּרוסי״, דאָרט האָט אויסגעפעלט אַן אַרבעטערין, און אַזוי ווי מיין „אַפּיעקונקע״ האָט געהאַנדלט מיט דעם הויף, האָט זי דערציילט פאַר דער פּריצה, אַז זי וואָלט געוואָלט מיך באַשיצן פון פאָרן קיין דייטשלאַנד אויף צוואַנגס־אַרבעט און דעריבער געבעטן, זי זאָל מיך באַשעפטיקן ביי זיך אין הויף.

די פּריצה קאַפּטשאַוואַ האָט מיר געהייסן קומען צו זיך, און ווי גליקלעך בין איך געווען ווען זי האָט מיר געזאָגט, אַז זי נעמט מיך אַן אַלס אַ „פּאַקאָיווקע״. מיין אויפגאַבע האָט געדאַרפט זיין אויפצונעמען די געסט, און האַלטן אין אָרדענונג די שטוב — דאָס הייסט — אַ דינסט־מיידל. פאַר מיר איז דאָס געווען אַ גליק. איך האָב געהאַט אַן אייגן צימער און אַ קולטורעלע אַטמאָספער. כאָטש איך האָב געאַרבעט 14 ביז 16 שעה אַ טאָג, בין איך געווען צופרידן, וואָס איך בין נישט צווישן די פּויערים, וואָס אויב זיי וואָלטן מיך דערקענט, וואָלטן זיי זיכער מיר


rechter Zeigefinger
palec wskazujący prawej ręki
linker Zeigefinger
palec wskazujący lewej ręki
Marja Krawczyk
Unterschrift des Kennkarteninhabers
Podpis posiadacza karty rozpoznawczej
Warschau, den 30 Juli 1942
dnia lipca
Der Stadthauptmann
Ausstellungsbehörde
Władza wystawiająca
Polizeidirektor
I.A.
Dienstsiegel
Pieczęć służbowa
20
Unterschrift des ausfertigenden Beamten
Podpis sporządzającego urzędnika
1495/5

התעודה האירית שלי
מיין ארישער דאקומענט

דעם קאָפּ אָפּגעהאַקט. איך בין אויך געווען צופרידן, וואָס מיין שוועסטער דינה איז אויף דעם זעלבן פּלאַץ, און מיר האָבן זיך געקענט זען. אַזוי האָב איך איבערגעלעבט ביי די פּריצים ביז דער באַפרייונג אין אויגוסט 1944. איך בין שפּעטער געגאַנגען 4 קילאָמעטער צופוס צו אַ דאָרף ליסאָוו, כדי צו זען ווי די דייטשן מאַרשירן פאַרשפּילטע מיט אַראָפּגעלאָזטע קעפּ. דאַן האָב איך זיך געפילט אַ גליקלעכע, וואָס האָט זוכה געווען צו דערלעבן דעם דאָזיקן גרויסן און היסטאָרישן מאָמענט פון זייער גרויסער מפּלה.

*

די האָפענונג, אַז אפשר וועל איך נאָך טרעפן אַ לעבעדיקן ווּעמען פון מיין משפּחה — האָט מיך געטריבן גלייך קיין טלושטש. ליידער, האָב איך דאָרט קיינעם נישט געטראָפן פון מיינע נאָענטסטע און ליבסטע.

איך האָב נאָך געהאָפט, אַז אפשר האָט מיין שוועסטער חנה׳טשע זיך געראַטעוועט און וועט זיך שפּעטער אָפּגעפונען, נאָר ביז היינט, ווייס איך ליידער נישט, ווו זי מיט איר פאַמיליע זענען אומגעקומען.

פון טלושטש האָב איך זיך צוריקגעקערט קיין פּאָטקאָווע, ווו מיין שוועסטער דינה איז געווען, און מיר ביידע האָבן באַשלאָסן דערווייל נאָך צו פאַרבלייבן אויפן זעלבן פּלאַץ ביז דער ווינטער וועט זיך ענדיקן. דערווייל האָב איך זיך באַקענט מיט דעם ערשטן ייד, וואָס איך האָב געטראָפן נאָך דער באַפרייונג: מיין מאַן, וועלכער האָט מיך באַגעגנט אין הויף אַלס „שיקסע״. דאָס איז געשען, ווען איך בין געגאַנגען נעמען וואַסער פון אַ פאַס און ער איז גראָד דעמאָלט דאָרט געשטאַנען. ער האָט מיט מיר דאַן פאַרפירט אַ געשפּרעך און זיך דערוווּסט, אַז איך בין אַ יידישע טאָכטער. ער האָט געפירט געשעפטן מיט די פּריצים און פלעגט דעריבער קומען צו אונדז אין הויף. אַזוי האָט מיר דער רבונו של עולם צוגעשיקט מיין באַשערטן ביים וואַסער פּונקט ווי דאָס איז געשען מיט אונדזער מוטער רחלען, וועלכע האָט געפונען יעקבן ביים שעפּן וואַסער פון ברונעם. אַדאַנק מיין מאַן בין איך צוריק געוואָרן אַ נאָרמאַלער מענטש, און מיר האָבן אויפגעבויט אַ גליקלעך פאַמיליען־ווינקל.

משה רדזימינסקי — ברלין

חורבן טלושטש

בשני בספטמבר 1939, למחרת פרוץ המלחמה, הופצצה טלושטש על־ידי מפציצים גרמניים שזרעו הרס ואבדון בדרכם. הרובע היהודי נאחז תוך זמן קצר בלהבות אש, שאכלו את בתי העץ על כל הרכוש שבתוכם, ותוך שעות ספורות הפכו כל התושבים היהודיים לאביונים. הבית והחנות של הורי היו גם הם טרף ללהבות, ובין לילה נהפכנו לעניים מרודים חסרי כל.

כמעט כל האוכלוסיה היהודית עזבה את העיירה, השרופה וההרוסה עד היסוד, ועברה לגור בכפרים הסמוכים. היהודים שנשארו בטלושטש ובסביבה, הוכרחו על־ידי הגרמנים לעבוד עבודה קשה, בטעינת גזעי עץ כבדים על קרונות משא של הרכבת. גם אני הייתי בין אלה שהוכרחו לעבוד יום־יום עבודות קשות שונות לפי פקודת הגרמנים.

באותו זמן יצא צו, שעל כל יהודי לענוד סרט צהוב עם מגן דוד על זרועו. כעבור זמן מה נסעתי לוולנמין אל סבי, פרקתי שם מבנה עץ קטן ואת החומר העברתי ברכבת לטלושטש, שם הרכבתיו לבית מגורים בשביל הורי ובני ביתם.

באותם ימים התהלכו שמועות שהגרמנים עומדים להקים בטלושטש גיטו ליהודים. לקחתי את אחותי הינדה וביחד הברחנו את הגבול הפולני־רוסי והגענו לביאליסטוק, שהיתה כבושה על־ידי הסובייטים. כעבור זמן קצר הצלחנו להביא לביאליסטוק גם את אבינו. ישבנו שם תקופה מסויימת. והתאכסננו אצל משפחה בשם גולדשטין (ברחוב זמנהוף 14).

חשבנו להביא לביאליסטוק גם את יתר בני משפחתנו; את אמנו ואת אחינו הצעיר אייזיק, אולם נתקלנו בסירוב מצד שניהם.

לאמא היה קשה להפרד מהאדמה החרוכה שנשארה לנו מכל רכושנו — שנרכש בזיעת אפיים ועמל של שנים מרובות — מתוך תקוה, שעוד יבוא יום ועיירתנו החרבה והשוממה שוב תבנה ועל אדמתנו עוד יתנוסס בנין לתפארת. תקוה זו נגוזה חיש מהר. בשל סירובה של אמא להצטרף אלינו החלטנו כולנו, אבי אחותי ואני, לחזור לטלושטש — אל הגרמנים. היה זה המשגה הגורלי ביותר שעשינו בחיינו.

בדיוק באותם ימים הקימו הגרמנים את הגיטו בטלושטש וריכזו לתוכו את כל היהודים תושבי העיירה והכפרים שבסביבה. שטח הגיטו היה מוקף חוטי־תיל דוקרני. היהודים נדחסו לחדרים קטנים וצרים, בלי אפשרות של תנועה חפשית. השלטונות הגרמניים הוציאו צו, האוסר על היהודים לעזוב את שטח הגיטו. מי שנתפס מחוץ לגיטו הומת במקום.

המצב בגיטו הלך והחמיר מיום ליום; מגיפת טיפוס האבעבועות והרעב עשו שמות בגיטו. אנשים נפלו כמו זבובים.

הגיטו התקיים קרוב לשנה, בתנאי גיהינום איומים. לפתע, יום אחד, בבוקר של יום ה־27 במאי 1942 — (י״א סיון תש״ב), הוקף שטח הגיטו בגיסטפו והמשטרה הכחולה של הפולנים ועוזריהם. צוו על היהודים לעזוב את בתיהם ולהתכנס במקום אחד ברחוב (על־יד בית־הכנסת). היהודים התחילו לעזוב בבהלה את בתיהם. מכל עבר נשמעו יריות, ורבים מהם נפלו חלל ברחובות, עוד לפני שהספיקו להגיע לנקודת הכינוס.

הגרמנים דרשו מהיהודים, תחת איומי רצח, למסור להם את כל דברי הערך בזהב, בכסף ובתכשיטים. למטרה זאת העמידו הגרמנים שולחנות ברחוב, ועל גביהם קערות שלתוכן נצטוו היהודים להשליך את חפצי הערך שברשותם. אח״כ ערכו חיפושים אישיים, ומי שמצאו אצלו דבר ערך שלא נמסר להם — נורה במקום. באותו היום היו רחובות העיירה זרועים הרוגים רבים.

אחר כך העלו, למראית־עין, מספר נשים זקנות וילדים על עגלות, וביחד עם שארית הפליטה מבין הגברים והנשים שנשארו בחיים, הובילום בבהלה בכוון לעיר המחוז רדזימין. אלה מבין הנחשלים שלא הספיקו לרוץ לפי קצב העגלות, נורו במקום. כל הדרך מטלושטש לרדזימין היתה זרועה חללים.

הגענו לוולה רשטובסקה, הכפר האחרון לפני רדזימין. כשאך עלינו על הכביש המוליך לרדזימין, התחילו גרמנים רכובים על סוסים ואופנועים, להאיץ ביהודים, וכל מי שלא הצליח לרוץ במהירות לפניהם שלחו בו כדורי־מות.

אחי איזיק ואני נשאנו, ממש על זרועותינו, לאורך כל הדרך, את אבינו, שאפסו כוחותיו.

הז'נדרמריה הגרמנית מרדזימין יצאה לקראתנו עם מכונות יריה, ופתחה עלינו באש שזרעה מות על כל צעד ושעל.

כל בני משפחתנו הצליחו להגיע שלמים לרדזימין. שם דחסו אותנו לתוך קרונות משא של הרכבת הקטנה (קולייקא) שהסיעה אותנו לגיטו ורשה.

מכל האוכלוסיה היהודית שגורשה מטלושטש לא הגיעו אפילו המחצית לגיטו ורשה.

בגיטו ורשה היינו כולנו ביחד: אבי, אמי, אחותי, אחי ואני. בימים הראשונים גרנו בדירה ברחוב מוראנובסקי, אולם כשהתחילו הגרמנים לחסל את גיטו ורשה, עברנו לרחוב זמנהוף מס. 22, ושם מצאנו מחבוא במרתף שהיה מסווה כראוי. במחבוא זה סבלנו נוסף לאימת המוות גם יסורי רעב. כל־פעם שמענו את קולותיהם של אנשי גיסטפו שעברו ממש ליד דלת המרתף שלנו כדי להוציא מפעם לפעם מהבנין הזה יהודים מוסתרים, שהובילום לאומשלג פלאץ, למחנה ההשמדה טרבלינקה — לתאי הגזים.

ראינו את עצמנו נתונים במצב חסר מוצא. ידענו שאם לא נעזוב את המקום הזה בהקדם, הרי נגזר דיננו ליפול לידי המרצחים הנאצים. למרות זאת לא רצו הורי לזוז מהמרתף, בנימוק שאין שום סכוי להצלה, והם העדיפו לשבת במרתף באפס מעשה ולחכות למות האכזרי שבמוקדם או במאוחר לא יפסח גם על פתחם. אחרי התייעצות משפחתית סוכם, שבינתיים עלי לנסות ולמצוא דרך לצאת מהגיטו, ואחר־כך לחפש דרכים להוצאת יתר בני המשפחה לצד הארי. הייתי בחור בלונדיני עם קלסתר פנים ארי והשפה הפולנית היתה שגורה בפי. כל זה עזר לי לבצע את המשימה שהוטלה עלי.

באחד הימים נכנסה עגלה לחצר הבית ברחוב זמנהוף 22, כדי להוציא

את האשפה מהמזבלה. לבעל העגלה היה רשיון לצאת מחוץ לגיטו, בשביל שני אנשים. התחלתי לפתותו שיקח אותי אתו והוא נעתר להפצרותי.

ברחוב לשנה נפרדתי מהעגלה. באותו הרגע, נטפל אלי מלשין (שמלצוב־ניק) ולקח אותי אל אחד השערים של הבתים הקרובים ואיים עלי שימסור אותי לידי הגיסטפו. אחרי שמסרתי לו את שעון הזהב שעל זרועי הניחני להמשיך בדרכי. בדרך זו הצלחתי לצאת לצד הארי.

כעבור זמן הצליחו גם אמי ואחותי לעזוב את שטח הגיטו הוורשאי. באותה התקופה הקימו הגרמנים בקולוניה סוסנובקה, שליד וולומין, גיטו בשביל יהודי וולומין והסביבה. אמי ואחותי החליטו משום־כך לשים פעמיהן לסוסנובקה, כדי להצטרף שם אל קרוביהן המרובים, הן מצד אבא והן מצד אמא, שרוכזו בגיטו סוסנובקה. אחר־כך הגעתי לשם גם אני. ישבתי שם זמן מסויים, אולם כשנפוצו שמועות שהגרמנים עומדים לחסל בימים הקרובים גם את גיטו סוסנובקה החלטנו, אחותי ואני, שיש לברוח מהגיטו בהקדם האפשרי. אמנו לא רצתה בשום אופן לזוז משם. „מה שיהיה גורל כל היהודים כאן יהיה גם גורלי, לי אין שום סכוי להשאר בחיים" — היתה תשובתה. בינתיים לקחתי את אמא והעברתי אותה לבית איכר פולני מוכר (מחוץ לגיטו) והלה הבטיח להחזיק אותה זמן מה ולדאוג למחסורה.

אחותי ואני עלינו לרכבת הנוסעת למלקין. בדרך נטפל הכרטיסן לאחותי בטענה שהיא יהודיה. בעיני הכרטיסן עשיתי רושם של גוי, „ארי" בכל מאת האחוזים, והצלחתי, בשפתי הפולנית השוטפת לשכנע אותו שהוא טועה במקרה זה. כך המשכנו דרכנו ברכבת לביאליסטוק.

ירדנו בכפר רצ'יבורי. שם התוודעתי למוכתר (סולטיס) הכפר. ספרתי לו שאני וורשאי, עובד ברכבת כנהג קטר ומעונין להסתדר בעבודה בכפר זה. את אחותי שברחה מורשה, מאחר ושם עורכים מזמן לזמן סריקות אחרי בני הנוער, והנתפסים נשלחים לעבודה לגרמניה, הצגתי כ„סורגת" לפי מקצועה.

ידיעת מקצוע זה על־ידי אחותי קסמה לסולטיס ולבני משפחתו והם הסכימו ברצון לאכסן אותה בביתם, בתנאי שהיא תכין דברי סריגה לפי צרכי בני משפחתם.

אחותי נשארה באכסניה זו, ה„פולניה טהורה" עד לשחרורנו על־ידי

הרוסים. אני, לעומת זאת, עסקתי, בתקופה זו, במסחר של בשר, בשותפות עם גויים. לא אחת היו חיי תלויים מנגד; נסעתי לעיתים תכופות לרגלי עסקי הבשר מרצ׳יבורי לורשה דרך טלושטש, ששם הכירו אותי כל הגויים ורק בנס יצאתי בשלום מהסכנות המרובות. באותה התקופה בקרתי מזמן לזמן אצל אמי בסוסנובקה והשארתי לה כסף למצרכים שונים.

כעבור זמן סרב האכר הפולני להחזיק יותר את אמי, והחזירה לסוסנובקה — אל הגיטו. למחרתו הקיפו הגרמנים את שטח הגיטו וערכו שם טבח רב. באותו היום נרצחו למעלה מאלפיים נפש. בין הנרצחים היתה גם אמי היקרה רבקה (רגינה), הי״ד.

פעם, בהיותי בשפטובקה ליד צ׳יז׳ב, עצרה אותי הז׳נדרמריה הגרמנית. תפסו אותי עם מטען של בשר מוברח ועמדו לשלוח אותי למחנה ריכוז. אחותי כמעט יצאה מדעתה ברגע שנודע לה על מעצרי. אולם ביום השלישי למאסרי הצלחתי לברוח מבית-הכלא ועל-ידי כך נצלתי ממות בטוח.

בשנת 1944 שוחררנו אחותי ואני מסבלותינו על-ידי הצבא הסובייטי. השחרור מצא את שנינו בכפר רצ׳יבורי ליד לאפי, בסביבת ביאליסטוק.

תורגם מפולנית ע״י חנוך פרל

אשר סיימאן (שומאנאווסקי)

מלחמה איבערלעבונגען

אין חודש מערץ 1940 בין איך פון ביאַליסטאָק צוריקגעפאָרן קיין טלושטש. דאָס געטאָ אין טלושטש האָט זיך אָנגעהויבן אין חודש אַפּריל 1940. דאָרט האָב איך מיט מיין מוטער עה"ש געוווינט צוזאַמען מיט דער פאַמיליע פון ר׳ לייבל לערנער הי"ד. די פאַמיליע לערנער איז באַשטאַנען פון פאָטער און מוטער, זייער זון שמחה מיט זיין פרוי חינקע (זשולטי), זייער טאָכטער רחל און איידעם מאָטיס (מתתיהו), ווי אויך די טעכטער העניע און כומע.

אין חודש מאַי 1942 איז פאָרגעקומען די איבערזידלונג פון טלושטשער געטאָ קיין וואַרשע. זייער אַ סך טלושטשער יידן זענען אין דעם טאָג פון דער ליקווידאַציע געוואָרן דערשאָסן דורך די נאַציס און זייערע מיטהעלפער. צווישן די קרבנות זענען געווען: לייבל לערנער (באַקאַנט אונטערן נאָמען לייבל פאַפּלינער), יצחק (איטשע) ראַדזימינסקי, וועלוול ראַדזימינסקי, לוסטיקס אַ טאָכטער און נאָך פיל אַנדערע. מ׳האָט אונדז געטריבן ווי די בהמות פון טלושטש קיין ראַדזימין און פון דאָרט קיין וואַרשע. אויפן וועג זענען יעדע פאָר מינוט געפאַלן שאָסן און די צאָל קרבנות האָבן געהאַלטן אין איין וואַקסן. ווען מיר זענען אָנגעקומען אין וואַרשעווער געטאָ, האָט פון אונדז געפעלט כמעט אַ העלפט.

אין וואַרשע, אויף דער אַגראַדאָווע גאַס נומער 27, איז געווען אַ קיך פון דער יידישער קהילה פאַר די פרישע פליטים. ביי דער דאָזיקער קיך פלעגן זיך טרעפן די אַנטרונענע פון טלושטש. נישט ווייט פון אונדז, אויף דער מוראַנאָווסקע, האָט געוווינט די פאַמיליע פון ר׳ מענדל

פערל ז"ל. די טעכטער פון ר' מענדל פערל פלעגן אָפט מאַכן באַזוכן ביי די לערנערס. איך האָב דאָרט פיל מאָל געטראָפן זיין טאָכטער פאַליע מיט איר מאַן (משה ראַכמאַן) און טאָכטער גליקע. פאַליעס מאַן האָט מען באַלד געכאַפּט און אַוועקגעשיקט קיין טרעבלינקע. די טעכטער זענען פאַרבליבן אין געטאָ ביז זי איז געוואָרן „יודענריין" — ד. ה. ביז אַפּריל 1943.

מיך, צוזאַמען מיט מיין מוטער, האָט מען דעם 13־טן מאַי 1943 אַרויסגענומען פון אַ בונקער אויף גענשע גאַס. מיר זענען געווען איבער צוויי הונדערט מענטשן אין דעם בונקער, צווישן זיי אויך די לערנערס. אונדז אַלע האָט מען דאַן אַוועקגעשיקט קיין טרעבלינקע. בעת דער סעלעקציע האָט מען מיך אַרויסגענומען פון אונדזער גרופּע און געשיקט אויף אַרבעט, און די איבעריקע אין די גאַז־קאַמערן.

איך האָב שפּעטער דורכגעמאַכט אַ סך עטאַפּן, פאַרזוכט דעם טעם פון פיל טויט־לאַגערן, געווען אין טשענסטאָכאָוו, סקאַרזשיסק, בוכענוואַלד, פלאָסענבערג און צום סוף אין מאַוטהאַוזען, וווּ איך בין באַפרייט געוואָרן דורך דער אַמעריקאַנער אַרמיי. נאָך דער באַפרייונג (אין יולי 1945) בין איך געפאָרן קיין טלושטש, זיך צו דערוויסן וועגן מיין משפחה.ליידער האָב איך קיינעם נישט געפונען. זייענדיק אין טלושטש האָב איך דאָרט געטראָפן לייבטשע פערל (איינעם פון די צוויי לעבנגעבליבענע זין פון דער גרויסער און פאָפּולערער משפחה), וועלכער איז אויך דאַן געקומען קיין טלושטש מיטן זעלבן צוועק און פון דאָרט צוריק אויך מיט דער זעלבער אַנטוישונג ווי איך.

ישראל עמיאַט — (ראטשעסטער)

אַ נס

און איך זאָג אייך, אַז עס זענען פאַראַן ניסים אויף דער וועלט! עס געשעען זאַכן, וועלכע מיר קענען בשום אופן מיטן מענטשלעכן שכל נישט באַנעמען און מיר מוזן אַנקומען צו עפּעס אַזעלכעס, וואָס מיר פאַרשטייען נישט מיט אונדזער לאָגיק, צו יענעם חסד, וואָס באַגלייט אונדז דעם גאַנצן וועג פון אונדזער לעבן, פון אונדזער געבוירן ביז דער מינוט ווען מיר הויכן אויס אונדזער לעצטן אָטעם.

איך האַלט זיך פאַר אַ נאַרמאַלן מענטש, עס הייסט: אַ מענטש, וואָס קען נאָך קאָנטראָלירן וואָר פון חלום, פוןווירקלעכקייט ביז פאַנטאַזיע, און דאָך, איך וויל אויך דאָ דערציילן אַ פאַקט, וואָס איז מיט מיר געשען אין סאָוויעטישן לאַגער, וואָס אַנדערש ווי מיט אַ נס קען מען דאָס נישט באַצייכענען: אַלע אומשטענדן אין דער דערציילונג זענען אַזוי ווייט פון צופעליקייטן, אַז וויפל כ׳האָב וועגן דעם געטראַכט, בין איך געקומען צום זעלבן אויספיר: **ס׳איז אַ נס!** אַן אויסטערלישע דערשיינונג, וועלכע איך קען נישט דערקלערן און מוז מיטזאָגן מיט די ווערטער פון האַמלעט צו האָראַציאָ: אַז עס זענען פאַראַן דערשיינונגען, אויף וועלכע אונדזערע וויסנשאַפטלער קענען קיין ענטפער נישט געבן.

...מיר זענען נישט לאַנג צוריקגעקומען פון דער נאַכט־אַרבעט. דער פרימאָרגנדיקער הימל איז געווען ברודיק און קויטיק, ווי אַ גאַנצער לאַגער מיט אַרעסטאַנטן וואָלטן איבער אים אַדורך מיט בלאָטיקע שטיוול. מיר זענען געווען געפרוירן און טויט־מיד פון דער אַרבעט גאַנצע צען שעה ביי דער בריק, והעלכן מיר בויען איבער אַ קליין טייכל. דאַכט זיך, אַז דאָס טייכל איז אַזוי שמאָל, אַז מען קען עס פאַר אַ צען מינוט איבער־

שווימען, און דאָך וועט דער בריק אודאי זיך ציען אַ פיר הונדערט מעטער, און געפלאָנט איז אַ שטאָלענער בריק מיט הויכע ווענט. ס'איז מזרח־סיבירער ווינטער. דער פראָסט דערגייט טיילמאָל צו 50 גראַד צעלזיוס. דאָס גאַנצע ביסל שמאַטעס און וואַטאָווע קורטקעס און בושלאַטן אויף אונדזער לייב וואַרעמען נישט. די שטאָלענע שטאַבעס זענען אַזוי שניידיק־קאַלט, אַז זיי בריען דורך די הענטשקעס און פאַרגליווערן די פינגער. די שייטערהויפנס, ביי וועלכע מיר מעגן זיך וואַרעמען יעדע האַלבע שעה, ראַטעווען בלויז אונדזערע לעבנס, אָבער זיי שלעפערן אונדז אַזוי איין, אַז נישט איינער פאַלט נעבן זיי אום און ס'איז אים שווער זיך אויפצו־הייבן. דאָס פרימאָרגנדיקע ביסל שפייז, וואָס מיר באַקומען, שלינגען מיר שנעל אַריין, כדי וואָס פריער צו קענען גיין זיך אָפּרוען. פיר אַ זייגער וועלן מיר באַקומען דעם מיטיק און אָוונט־ברויט צוזאַמען און זיך פאַמעלעך גרייטן צו דער פאַרשאָלטענער שעה 7 אָוונט, ווען מען וועט אונדז ווידער פירן צו דער אַרבעט.

איך ווייס נישט פאַרוואָס, נאָר דאָס מאָל האָט זיך מיר געגלוסט איינ־מאָל פאַר אַלעמאָל זיך גוט אויסוואַרעמען, אויסוואַרעמען אין אַ ווייכן, וואַרעמען געלעגער.

אין לאַגער הערשט מער ווי אומעטום דאָס געזעץ, ווער עס איז שטאַרקער, דער זיגט, ווער עס איז שטאַרק האַלט אויס, און ווער עס האָט „עלנבויגנס" פאַרכאַפּט אַ גוטן מאַטראַץ, אַ ווייכע, וואַרעמע קאָלדרע. ער דרייט שוין אַזוי אויס, אַז ער באַקומט וואַטע אויף אָנצושטאָפּן זיין ציכל, ער זאָל האָבן אַ ווייכן קישן. מיין שכן — אַ קרימינעלער פאַרברעכער, האָט דאָס אַלץ געהאַט, און איך בין די גאַנצע צייט געלעגן אויף אַ האַרטן, קאַלטן געלעגער. דאָס ביסל היי אין מיין מאַטראַץ איז שוין לאַנג געווען צעריבן און איך האָב אויף מיינעביינער שטענדיק געפילט די האַרטע ברעטער פון מיין נאַרע. מיין קאָלדרע איז אויך נישט געווען פון ערשטן קלאַס, און כאָטש איך פלעג דערויף אַרויפלייגן מיין בושלאַט — האָט עס מיר אַלץ נישט געוואַרעמט, ווייל אין אונדזער באַראַק איז אין גרויסע פרעסט אויך נישט געווען צו וואַרעם. מיין נאַרע איז גראַד געווען נעבן פענצטער און די גאַנצע וואַנט איז געווען פאַרגלאָזט מיט פראָסט.

איך האָב נישט איינמאָל געבעטן ביי מיין שכן, ער זאָל מיר דער־לויבן אויף דער צייט, ווען ער גייט מיט זיין בריגאַדע צו דער אַרבעט, איבערשלאָפן אַמאָל ביי אים אויף זיין נאַרע. עס האָט מיר שטענדיק געלאָקט זיין טאָפּלטער מאַטראַץ, און דער עיקר זיין וואַטעווע קאָלדרע, וואָס ווי אַזוי ער האָט זי געפּאַקט אין אונדזער לאַגער, האָב איך נישט געקענט פאַרשטיין. כ'האָב שטענדיק געקוקט אויף אָט דער קאָלדרע מיט אַ מאָדנער קנאה; מיר האָט זיך געדאַכט, אַז דאָס איז דער גרעסטער רייכטום, וואָס אַ מענטש קען זיך נאָר פאָרשטעלן אויף דער וועלט; אַז אין דרימל אונטער אַזאַ קאָלדרע מוז מען אוודאי פאַרגעסן אין אַלע נויטן, ס'איז ווייך און וואַרעם. כ'האָב געװוּנען אַזוי גוט פאַרשטיין פאַרוואָס פייגעלעך צעזינגען זיך אויף די ביימער ווען ס'איז וואַרעם און ווערן אַזוי טרויעריק ווען קאַלטע ווינטן בלאָזן. אַז מען רעדט וועגן אַ לעבן אויף דער וועלט, רעדט מען אייגנטלעך וועגן וואַרעמקייט, ווייל קעלט איז דאָס זעלבע וואָס טויט. מיט איין וואָרט: איך האָב אַלץ געטאָן זיך אַמאָל, כאָטש איינמאָל אין אַ יובל זיך אויסוואַרעמען.

איך האָב אָנגעזאַמלט עטלעכע „פּייקעס״ ברויט און עס געגעבן מיין שכן פאַר דעם פאַרגעניגן מיר צו לאָזן זיך אויסוואַרעמען ביי אים אויף זיין געלעגער. איך האָב אים צוגעזאָגט אפילו אָפּצוגעבן דאָס זונטיקדיקע ווייסע בולקעלע, אמת, ס'איז אַזוי קליין, אַז עס קלעקט קוים אויף איין צאָן, אָבער טאָקע ווייל עס איז אַזוי קליין און מיר זעען עס אַזוי זעלטן, רייצט עס אונדז נאָך מער.

הכלל, מיין שכן, דער קרימינאַל, האָט זיך געלאָזט צורעדן און מיר דערלויבט דעם גאַנצן טאָג ביז סאַמע פאַרנאַכט אַריינקריכן צו אים אויפן געלעגער.

גראָד איז מיט אים דעם טאָג געשען אַ מאָדנע זאַך: ער האָט נישט באַדאַרפט גיין אויף דער אַרבעט, ווייל ער האָט גראָד באַקומען אַ באַ־פרייאונג פון דאָקטאָר אויף אַ טאָג, אָבער עס איז אַרויס אַ קלאַנג, אַז דעם טאָג וועט מען ברענגען אַ געהילפס־בריגאַדע פון פרויען אויף דער אַרבעט פון אַ נאָענטן לאַגער, און פאַר אַרבעטן מיט פרויען צוזאַמען איז מיין יונגער שכן געװוען גרייט אָװעקצוגעבן עפּעס נאָך מער ווי אַ באַ־

פרייאונג פונעם דאָקטאָר. אמת טאַקע, אַז די פרויען אַרבעטן אַ ביסל ווייטער און זענען אַרומגערינגלט ווי מיר מיט אַ קאָנוואָי, אָבער מען שרייט אַריבער איינער צום צווייטן און עס טוט זיך אַ ביסל, ס'איז לעבעדיק.

די טאָג־בריגאַדע איז אַוועק צו דער אַרבעט און אין לאַגער ווערט טויט ווי ביינאַכט. דער אַלטער דניעוואַלני אין באַראַק רוימט אַ ביסל צו און קריכט אַוועק, ווי זיין שטייגער, צו זיין גוטן פריינד, דעם כינעזער ביים טיי־קעסל, דאָרט בראָט ער זיינע קאַרטאָפל, באַשיט זיי מיט זאַלץ און פאַרטרינקט מיט קיפּיאַטאָק, אַ צוגאָב צו דעם זויערן ביסל קאַפּוסטאַ, וואָס מען גיט אין קיך אינדערפרי.

אין באַראַק איז שטיל, מען הערט בלויז דאָס טיפע שנאָרכן פון די פאַרמאַטערטע לאַגערניקעס, וועלכע האָבן אָפּגעהאָרעוועט אַ נאַכט ביים בריק. איך ליג אין מיין שכנס וואָרעמען געלעגער, אַליין און מיך ציט צו שלאָף, אָבער איך וויל דעם פאַרגעניגן אָנפילן וואַכערהייט. ס'איז מיר ווייך און וואַרעם, עס דאַכט זיך מיר, ווי מ'וואָלט מיר צוגעלייגט עפּעס אַ וווּנדער־פּלאַסטער אויף מיינע צעבראָכענע, אויסגעפרוירענע גלידער. מיר דאַכט זיך, אַז איך ליג אַזוי אין מיין בעט אונטער אַ פּערענע און פון טיש הערט זיך דעם טאַטנס מעביר־סדרה זיין שבת, און פון אויוון הערט זיך דאָס טרויעריקע סיקען פונעם טשייניק. איך דרימל איין און איך פיל נישט, ווי מיין קאָפּ האָט זיך אַראָפּגעלאָזט פון קישן טיפער, טיפער אין דער קאָלדרע אַריין.

מיטאָמאָל האָט אַ שוידערלעכער קלאַפּ מיך אויפגעוועקט. ווען איך האָב מיך אויפגעכאַפּט, האָב איך נאָר געזען, אַז דער קישן איז צעריסן אויף שטיק־שטיקלעך, און שטיקער וואַטע מיט פעדערן זענען צעשפּריצט איבערן גאַנצן דיל.

מיין גאַנצע בריגאַדע האָט זיך אויפגעכאַפּט פונעם טראַסק און אינ־סטינקטיוו געוזמען זוכן דעם סוף פון זייער חלום, וואָס איז איבערגעריסן געוואָרן אינמיטן...

אַז מען איז געוואָרן וואַך, האָט מען גענומען אַראָפּקריכן פון די נאַרעס און פעסטגעשטעלט דאָס, וואָס איז אונדז אין לאַגער געווען אַזוי קלאָר:

— ס'איז נקמה! — דאָס האָט אַ קרימינאַלניק, וואָס האָט געוווּסט,

אַז מיין שכן דאַרף היינט נישט אַרבעטן, זיך נוקם געווען אין אים פאַר עפּעס און אים געוואָלט דערלאַנגען מיט האַמער איבערן קאָפּ. ער האָט טאַקע צעשמעטערט אויף; פיצלעך דעם קישן, און ווען מיין קאָפּ וואָלט זיך גראָד ביים אַנטשלאָפן ווערן נישט אַראָפּגערוקט איינגנורנדיק זיך אין דער קאָלדרע, וואָלט איך שוין נישט געלעבט.

מאָרדן אין לאַגער צווישן די קרימינעלע איז נישט געווען קיין זעל־טענע דערשיינונג. די באַנדיטן און גנבים האָבן זיך געהרגעט צווישן זיך, אַמאָל איבער אַ בלויזער באַליידיקונג, אַמאָל צוליב עפּעס אַ טונקל גע־שעפטל, אַמאָל צוליב אַ פאַרדאַכט, אַז איינער האָט „געסליחנהט" (דער־ציילט). מיין שכן האָט זיך מסתמא אויך צעקריגט מיט עמעצן פון די גנבים און מ'האָט דאָ „אויסגעפירט" אַ טויט־אורטייל.

איך בין געווען אַזוי איבעררױשט פון דער געשעעניש, אַז כ'בין שוין אַ גאַנצן טאָג נישט געשלאָפן. נישט באַשערט געווען מיר כאָטש אויף אַ פאָר שעה זיך אויסוואָרעמען. איך בין געזעסן אויף אַ שטול נעבן אויוון און קוים געכאַפּט אַ קליינעם דרימל. דער דניעוואַלני האָט שטיל אויפגערוימט דעם צעפּלינדערטן קישן און נישט געוואָגט צו רעדן אַ וואָרט. אין לאַגער טאָר מען וועגן אַזעלכע זאַכן נישט רעדן. מען ווישט אָפּ די ליפּן און שאַ. נאַטשאַלסטווא טאָר וועגן דעם נישט וויסן.

אין עטלעכע שעה אַרום איז עפּעס אַ פאַרשוין אַריין מיט אַ נייאינקן קישן און זיך פאַר מיר אַנטשולדיקט, אַז נישט מיר האָט ער געמיינט. דאָס גיט ער מיר אָפּ דעם שאָדן. אַזוי ווי ביי די לייט איז אַ געזעץ, אַז מער ווי איין מאָל פירט מען נישט אויס קיין אורטייל, און אויב עס געלינגט נישט דאָס ערשטע מאָל, חזרט מען מער נישט איבער — בין איך שוין געווען זיכער, אַז מיין שכן מעג די נאַכט שוין שלאָפן רואיק.

— — — — — — — — — — — — — — —

מיין שכן האָט דערפאַר אונטערגעצונדן אַ גאַנצן באַראַק מיט גנבים, אַז מען האָט קוים פאַרלאָשן די שרפיה, און כאָטש קיינער האָט קיין פּיפּס נישט געטאָן, איז ער בלויז פאַרן פאַרדאַכט אָפּגעזעסן 20 טעג אין „בור" (אַזאַ קאַרצער ווו מען דערלויבט מיטצונעמען דאָס בעטגעוואַנד און מען

ווערט געשפייזט ווי אַלע אַרעסטאַנטן), אָבער נישט דאָס איז וויכטיק. איך האָב דאָ נאָר דערציילט אַ געשעעניש, וואָס אַנדערש, ווי מיט אַ נס קען מען דאָס נישט דערקלערן. ווער האָט עס מיין קאָפּ איינגעגנורעט אַראָפּ אין קישן, גראָד דעמאָלט, ווען אַ האַמער איז איבער אים געפאַלן?

עס איז נישט דער איינציקער ווונדער, וואָס געשעעט מיט אַן אומדזעריקן מענטש, ווען ער פאַלט אַריין אין אַ לאַגער. אויב ער גייט נאָר אַרויס אַ לעבעדיקער, אָבער דער דערציילטער פאַקט איז אויך דיינו.

(פון בוך: „אין מיטעלע יאָרן")

חנה פערעל־פרעסבערג — בני־ברק

מיין ערשטע באקאנטשאפט מיט טלושטש



דאָס ערשטע מאָל האָב איך געהערט דער־מאָנען דעם נאָמען טלושטש אין אָנהייב יאָר 1942, זייענדיק אין רוסלאַנד, אין מיטל־אַזיע, אין סאַמע ברען פון דעם קריג.

ווען די דייטשן זענען דעם 22טן יולי 1941 אָנגעפאַלן אויף סאָוויעט־רוסלאַנד, האָב איך מיט מיין ברודער יענקל פּרעס־בערג (היינט אין ניו־יאָרק) זיך געפונען אין סיביר ביי זשיראַנסק, נאָוואָסיבירסקער אָבלאַסט, וווהין מיר זענען געוואָרן פאַר־שיקט דורך די סאָוויעטן אין יאָר 1940. ערשט שפּעטער, ווען גענעראַל שיקאָרסקי, דער שעף פון דער פוילישער רעגירונג אונטעווענס (מיטן זיץ אין לאָנדאָן), האָט געשלאָסן דעם באַקאַנטן אָפּמאַך מיט סטאַלינען, זענען מיר, שוין אַלס פרייע בירגער, געוואָרן פון סיביר איבערגעשיקט קיין מיטל־אַזיע, אין דער אוזבעקיסטאַנער רעפּובליק.

מיר זענען אָנהויב 1942 אָנגעקומען אין קאָלכאָז „קעטמאָן" מאַנ־קענטער ראַיאָן, טשימקענטער אָבלאַסט (קרייז).

אין דעם קאָלכאָז זענען מיר געווען בלויז צוויי יידישע פאַמיליעס. מיר האָבן זיך דעריבער געפילט שטאַרק פאַראייניזאַמט און געשטערעבט

אַריבער אויף אַ צווייטן פּלאַץ, ווו עס לעבט אַ גרעסערער יידישער קיבוץ. דערוויסנדיק זיך, אַז אין מאַנקענט געפינען זיך פיל יידישע פּליטים פון פּוילן און פון די צענטראַלע רוסישע געביטן, האָבן מיר באַשלאָסן זיך אַריבערצוטראָגן קיין מאַנקענט.

איך האָב באַקומען אַרבעט אין אַ פאַבריק („פּימאַקאַטני צעך") אין מאַנקענט, ווו עס זענען געוואָרן פּראָדוצירט פילצענע וואָילאַנקעס פאַר דער סאָוויעטישער אַרמיי.

אין דער דאָזיקער אונטערנעמונג האָבן געאַרבעט בערך אַ 20 אַר־בעטער, דער גרעסטער טייל יידישע.

אין טעכנאָלאָגישער הינזיכט איז די פאַבריק געשטאַנען אויף אַ זייער נידעריקן ניוואָ, גלייך ווי אין תרח״ס צייטן.

פון צווישן די אַרבעטער האָט געצויגן מיין אויפמערקזאַמקייט אַ בלאָנדער יונגערמאַן, וועלכער האָט דאָרט געאַרבעט אַלס אינסטרוקטאָר, דאָס איז געווען אַ פּוילישער בחור, וועלכער האָט געשטאַמט פון טלושטש — מיין איצטיקער מאַן חנוך פּערל.

איצט, ווען די לעבנגעבליבענע לאַנדסלייט פון טלושטש, האָבן זוכה געווען אויפצושטעלן אַ דענקמאָל פאַר זייער פאַרשניטענער קהילה אין פאָרם פון אַ ספר־זכרון — זאָל מיר, וועמענס גורל איז טיף געבונדן מיטן שיקזאַל פון דער שארית הפליטה פון דעם טלושטשער יידישן קיבוץ, דער־לויבט זיין, אויך אָנצוצינדן אַ נר־תמיד פאַר די הייליקע נשמות פון מיין אומפאַרגעסלעכער משפחה, מיין טייערן זעליקן פאָטער און טראַגיש אומ־געקומענע ליבע מוטער און ברידער.

מיין פאָטער שמואל פּרעסבערג ז״ל, דער זון פון יצחק און חנה, האָט חתונה געהאַט מיט לאה געלער, די טאָכטער פון יעקב און איטע און גע־וווינט אין קרעשאָוו, אַ שטעטלביים טייך סאַן, נעבן לעזשאַנסק (די שטאָט פון רבי אלימלך).

מיין מוטער האָט געבוירן 4 זין און איין טאָכטער.

מיין עלטסטער ברודער יענקל, זיין פרוי לינע בערגמאַן. און זון איציק געפינען זיך איצט אין ניו־יאָרק און גרייטן זיך עולה צו זיין קיין ישראל.

מיין פאַטער שמואל פּרעסבערג ז"ל איז געשטאָרבן אין בליענדן על-טער, אין יאָר 1929, אין קרעשאָוו, תנצב"ה. מיין מוטער לאה עה"ש און מיינע ברידער: משה מיט זיין פרוי, מרדכי־ יוסף און וועלוול זענען אומגעקומען מיט אַ מאַרטירער־טויט דורך די נאַצישע באַנדיטן און זייערע מיטהעלפער, ימח שמם וזכרם, אין יאָר 1942 אין קרעשאָוו.

השם ינקום דמם!

גבית עדות

מפי מרים־גיטל קרסון מארה״ב (בתו של ר׳ פיני רדזימינסקי הי״ד)

בזמן בקורה בישראל, בחודש ינואר 1969

א) הגיטו היהודי בטלושטש הקיף את השטח דלהלן: חלק מרחוב קופרניקא, החל מהשטח של בית הכנסת (אחרי בית החומה של קלר שהיה מחוץ לגיטו). והשטח של רחוב שינקיביץ עד בית המרקחת.

ב) אברהם מאיר זילברברג ומאיר רדזימינסקי ז״ל (המכונה מאיר טילר) נפטרו בגיטו טלושטש לפני חיסולו, והיהודים בטלושטש קנאו בהם, באמרם, שזכות גדולה יש להם לנפטרים על שזכו לבוא לקבר ישראל. (הנפטרים בגיטו נקברו בבית הקברות בעיר רדיזמין לפי אישור מיוחד מטעם שלטונות הכיבוש הנאצי, לצאת מחוץ לגיטו למטרה זאת).

ג) מנדל ז׳לוטי נפטר בגיטו ממחלת טיפות אבעבועות. הוא היה מהפעילים ב„לינת־הצדק״ (אירגון למתן עזרה ראשונה לחולים בגיטו) — עבר קורס מיוחד לסניטציה ועזרה ראשונה.

ד) בנימין־יעקב לוסטיג הי״ד — נטרפה עליו דעתו מרוב צרותיו, בתו נחה היפהפיה, נורתה לעיניו על־ידי נאצי — מפקד המשטרה בטלושטש. היא היתה מאורסת לראובן לרנר, בנו של חיים לרנר הי״ד, שהצליח להמלט מצפרני הנאצים בזמן חיסול הגיטו. ראובן ברח ליערות והצטרף לפרטיזנים. הוא נשבע להתנקם במרצחה של נחה ארוסתו. פעם התכונן לרצחו אולם נסיונו נכשל והוא נתפס לפני שהצליח להוציא לפועל את נקמתו.

ה) בזמן חיסול הגיטו הוציאו קודם כל את אנשי היודנרט ורצחום,

ביניהם היו מאיר טאוב — ראש היודנרט ואהרקה גולדווסר — סגן ראש היודנרט.

את הנשארים הובילו לגיטו ורשה דרך רדזימין. את הנשים הזקנות והילדים העלו לתוך עגלות ואת הגברים והנשים הצעירות הכריחו להתקדם בריצה אחרי העגלות. בנחשלים הכו הנאצים והרגום במקום. כל הדרך טלושטש־רדזימין היתה זרועה חללים. שלוליות דם הקדושים זרמו כמים. גם אחרי מותם התעללו בהם חיות טרף בדמות בני אדם. אלה שנפצעו נורו אחר־כך למות.

קויפמן זילברברג, בנו של ר׳ יעקב זילברברג ז״ל, נפצע בגבו. אלו שהלכו מאחוריו זרקו עליו בגד, כדי לכסות על מקום הפצע השותת דם, ועל־ידי כך הצליחו להצילו ממוות בטוח.

ו) גוטמן פופובסקי הי״ד היה ראש היודנרט הראשון בטלושטש. השלטונות לא היו שבעים רצון ממנו, מאחר והוא לא מילא אחרי הוראותיהם בדיוק כפי שנצטווה. הוא נעצר על־ידי הגיסטפו באופן פתאומי. הוצא ממטתו באחד הלילות ועקבותיו לא נודעו. כעבור שבועיים קבלה אשתו שקית קטנה עם אפרו, בצרוף הודעה קצרה:

„אייער מאן איזט פערשטארבען״ („בעלך מת״).

(גבה את העדות חנוך פרל).

לאה סטוליק־גרינהוז — בני־ברק

חויותי מימי מלחמת העולם השניה

כשפרצה מלחמת העולם השניה גרנו, אני ובני ביתי, בעיר ווישקוב על נהר בוג, לא רחוק ממקום מגורי הורי בטלושטש. משפחתי מנתה אז ארבע נפשות: אני, בעלי חיים ושתי בנותי הפעוטות גילה ומלכה.

בשמיני בספטמבר 1939 (יום זה היה ערב שבת) הופגזה עירנו באש חזקה ע"י חיל התותחנים הגרמני. פגז אחד נפל על ביתנו שהוקף בין־רגע לשונות אש גדולות. בתוך המהומה שקמה בין דיירי הבית הספקנו לתפוס רק את הפעוטות ולברוח אל מחוץ לעיר בעירום ובחוסר־כל.

שם מצאנו מחסה בתוך מרתף בבית עזוב. במרתף זה עבר עלינו ליל שבת. היה זה ליל שבת הראשון בחיינו ללא שולחן שבת, ללא נרות, ללא יין לקדוש וללא מאכלי שבת. במקום יין שתינו כוסות של דמעות שזלגו מעינינו ללא הפוגות, על השוד והשבר שבא כחתף עלינו ועל עמנו כולו. במקום זמירות שבת, שהיינו רגילים לשיר בסעודת ליל שבת: „צור משלו אכלנו... שבענו והותרנו..." — הפעם לא הותרנו, כי לא אכלנו, לעומת זאת שבענו מרורים...

בקושי הצלחנו ליישן את הילדות על קיבות ריקות. למחרת לפנות בוקר הופיע פתאום ליד בית מחבואנו אכר רכוב על סוס, וייעצנו לעזוב את המרתף, מאחר ובמקרה של הפצצה אנו עלולים להקבר שם חיים...

מלבדנו היו במרתף הזה עוד כמה משפחות. לשמע דברי האכר, לקחנו את ילדותינו ועזבנו את המרתף. אלינו נצטרפו עוד שתי משפחות מבין השוכנים במרתף. בלכתנו בדרך נתקלנו בבית אחד שבתוכו היו הרבה יהודים מפליטי ווישקוב. ברצוננו היה להצטרף אליהם. ברם היהודים הללו

יעצונו להמשיך דרכנו ולחפש מקום מחסה אחר, כי בביתם כבר גדולה הצפיפות ואין שם מקום בשביל משפחות נוספות.

באין ברירה המשכנו ללכת. במרחק מה משם מצאנו בית עזוב והחלטנו להכנס. שם מצאנו „מטמון" — תפוחי אדמה למכביר, קצת סוכר וסולת. הודות למטמון הזה יכולנו להשאר שם כמה ימים מבלי צורך לדאוג דאגה מיוחדת לצרכי מזון. הסולת והסוכר היו קודש בשביל הילדות והמבוגרים הסתפקו בתפוחי אדמה בלבד.

בבית הזה התארחנו ימים מספר. כעבור יומיים נודע לנו שהיהודים שנשארו במרתף נרצחו כולם. אותו הגורל האיום קרה גם ליהודים שהיו בבית השני, כולם נורו ע"י הצבא הגרמני ימ"ש. (בין הנרצחים היו תושבי ווישקוב: מוטיל ניימרק, לייבל רוזנבוים, שלום ספקטור ועוד הרבה).

אנו נתנו שבח והודיה לה' על שהאיר רעיון במוחותינו לעזוב את שני מקומות התופת האלו וע"י כך נצלנו כולנו ממות בטוח. שפתותינו רחשו צקון לחש: מודים אנחנו לך, ה' אלוקינו על הנסים ועל הנפלאות שעשית לאבותינו ולנו... אנא ה', שמור את צעדינו והצילנו מכל מכשול ופגע עד יעבור זעם...

ביום השלישי הגיעו חיילים גרמניים למקומנו. נקל להבין איזו בהלה קמה בתוכנו. היינו בטוחים שהפעם נחתך כבר גזר־דיננו והם יחסלו אותנו, כפי שחסלו את היהודים בשני המקומות שעליהם ספרתי. אולם למרבה הפלא, נגש אחד החיילים לילדותינו, שבכו מפחד, ונתן להן פרוסות לחם. החיילים צוו עלינו לעזוב תיכף את הבית וללכת אל הרוסים המלוכלכים („צו די שמוציקע רוסן" כלשונם).

מחוסר ברירה שמנו שוב פעמינו לדרך והלכנו, בגשם ובבוץ, בין שדות ויערות עד שהגענו, עייפים ויגעים, לעיירה דניר, שהיתה בשטח הכבוש הסובייטי. משם המשכנו דרכנו, והגענו, אחרי טלטולים מרובים לעיר צ'כנובצה ליד ביאליסטוק.

בצ'כנובצה ישבנו זמן ממושך. באותו הזמן הגיעו אלינו אחותי גיטל ביחד עם בן דודנו זאב (וולוויל) זילברברג, ומה גדלה שמחתם כשמצאו אותנו בין החיים. אחרי שישבו אצלנו זמן מה, חזרו אחותי ובן דודי בחזרה לטלושטש ואנחנו המשכנו לשבת בצ'כנובצה עד שפתאום באחד הלילות

(גם זה היה בליל שבת), בחודש יולי 1940 נאסרו כל הפליטים בעלי אזרחות פולנית, שהצהירו בזמנו שבדעתם לחזור לפולין, וביניהם היינו גם אנחנו.

אחרי טלטולים קשים וסבל רב הגענו למחנה עבודה במקום נדח בחבל ארכנגלסק (ארכאנגעלסקער אבלאסט) שבצפון רוסיה, לא רחוק מהים הלבן, הגובל עם ים הקרח הצפוני, בין הנהרות פצ׳ורה מצד מזרח ודוינה מצד מערב (מאחורי נהר פצ׳ורה מתרוממים הרי אורל הידועים).

היום ניתן לומר בוודאות, שהודות לזה שנשלחנו אז לארץ גזירה מרוחקת מהישובים המרכזיים שברוסיה — אני יכולה עכשיו להעלות על הנייר זכרונות מהימים „הנוראים" הללו. מי יודע, אם היה לנו שריד, אם לא ה„אסון" הזה שנשלחנו, נגד רצוננו, למקומות המרוחקים האלה.

עוד ביום הראשון, אחרי הגיענו למחנה, הוזמנו כל המשפחות, שבאו למחנה ביחד אתנו, אל המסעדה (סטולובה), כדי לקבל את מנת המרק והלחם. אנחנו היינו המשפחה היחידה עם ילדים קטנים. לאושרנו ולתמהוננו נגשה אלינו הטבחית הראשית של המסעדה, שטוב לב ניבט מעיניה הטובות וקוי פניה העדינים ורמזה לנו להסב במסעדה ליד שולחן נפרד. היא הגישה לנו אחר־כך ארוחה מיוחדת. לא מהסטנדרט. אחר גמר הארוחה נתנה לנו בקבוקי חלב בשביל הבנות. עד היום לא ברור לנו אם הטבחית הזאת היתה רוסיה מבטן, או מזרע היהודים מוצאה. יחסה הטוב לילדינו, עורר בנו תמיד את המחשבה, שלב יהודי חם פועם בקרבה. האשה העדינה הזאת דאגה לנו ולילדינו במשך כל זמן שרותה שם כטבחית ראשית. כל יום היא נתנה לי לחם לבן ובקבוק חלב בשביל הילדות.

✶

כעבור שלושה חדשים נשלחה הטבחית הזו לעבוד בנקודה אחרת. כמובן שעובדה זו גרמה לנו צער רב ודאגה רבה לתזונת הילדים להבא. אולם אז קרה לנו ממש נס מן השמים, שבעלי חיים נתקבל לעבודה במאפיה בתור נחתום ראשי. במשך כל זמן עבודתו במאפיה שרר שובע בביתנו. לא רק בני משפחתי אכלו לחם לשובע, אלא עזרנו גם למשפחות אחרות, להן פרסנו מלחמנו.

אולם שלותנו לא ארכה זמן רב. אחת הנשים מצאה פעם חתיכת זכוכית בככר לחם והגישה תלונה למשטרה נגד בעלי האחראי לאפית הלחם וטיבו. המשטרה הגישה על סמך זה תלונה משפטית נגד בעלי, שכונה פושע וסבוטז׳ניק, החותר תחת השלטון הסובייטי. נקל להבין עד כמה היה גדול פחדנו שלא יצא גזר דין מאסר נגד ראש משפחתנו.

לאושרנו יצא פסק דין, לפיו נקנס בעלי להפסיד 25% ממשכורתו החודשית, במשך תקופה של ששה חדשים לטובת קופת המדינה הסובייטית. עם הודע לנו פסק הדין הזה נשמנו לרווחה והודינו שוב לה׳ על חסדיו המרובים.

בתקופה זו עדיין היה לנו קשר עם בית הורינו בטלושטש. לנו לא היה אז עדיין מושג נכון על מצב היהודים בפולין תחת שלטון הנאצים. אני מצדי כתבתי להורי מכתבים לעתים תכופות, בהם תארתי בקוים שחורים את סבלי וסבל בני משפחתי בארץ גזירה זו המרוחקת מרחק רב מבית אבותי. זכורתני איך שפעם קבלתי מכתב־תשובה מאבא ז״ל, שבו הוא רומז לנו שאלו שהצליחו לברוח לרוסיה הם נמצאים בגן־עדן בהשוואה למצבם של אלו שנשארו בפולין, הכלואים בגיטאות סגורים ומסוגרים תחת משמר של אנשי גסטפו ו־ס.ס.

במחנה עבודה במחוז ארכנגלסק אנו ישבנו עד חודש יולי 1961 זאת אומרת, עד שפרצה המלחמה בין גרמניה ורוסיה הסובייטית. אז שוחררו כל האזרחים הפולנים ממקומות שילוחיהם או כילאם, לפי ההסכם הידוע בין שיקורסקי וסטלין.

אנו הגענו אז לאוזבקיסטן (באסיה התיכונה). שם סדרו אותנו בעבודה בקולחוז ע״ש לנין. מקום העבודה היה ידוע בשם זאווד־פונק. שם רכזו את מטעני צמר־גפן (חלאָפּאָק) שהובאו במכונות משא גדולות ישר מהשדות. שם נערמו ערמות גבוהות של אותו המטען שהגיעו לכמה קומות בגבהן. מטעמי בטחון נאסרו לנשים עובדות להביא למקומות העבודה ילדים קטנים. מאחר ואני לא שוחררתי מחובת העבודה לא היתה לי ברירה אלא לקחת אתי את הילדים למקום עבודתי. מנהל העבודה שהיה יהודי, התיר לי, באופן יוצא מן הכלל, לקחת את ילדי אתי למקום העבודה. הילדות היו רגילות, בשעת עבודתי, לשחק את משחקיהן בין הערימות הגדולות.

פעם אחת קרה מקרה מוזר בעיני. התכוננתי באחד הבקרים ללכת כרגיל לעבודה ביחד עם הילדות. יצאתי מהבית ושמתי לדרך פעמי, כשבימיני ובשמאלי אני אוחזת בכפות ידיהן של בנותי. הלכנו והלכנו כשפנינו מועדות ללכת למקום עבודתי. אחרי הליכה של זמן מה, השתוממתי לראות שאנו עומדים שוב ליד ביתנו ממש. החלטתי משום־כך להישאר באותו היום בבית ולא לצאת בכלל לעבודה. כעבור שעות מספר נודע לי על האסון שקרה במקום עבודתי: ערמה גדולה שלידה עבדו הנשים, התמוטטה וכסתה תחתיה את הנשים העובדות. אחרי עמל רב חולצו (או נחלצו) הנשים מתוך ה„מפולת", ורובם נלקחו לבית החולים.

הנס הגלוי הזה שנעשה לי ולילדי, נחרת עמוק בזכרוני, כאילו אתמול קרה הדבר. ראיתי בעליל שיד ההשגחה העליונה שומרת עלי ועל בני ביתי, להחיותנו עד היום הזה.

אני מרוממת ומשבחת את ה׳ על שזיכנו להגיע אל המנוחה ואל הנחלה — למדינת ישראל המשוחררת והעצמאית, שזו היתה משאת נפשי ונפש כל בני בית אבי ז"ל, שחנך את בניו ובנותיו על שלוש אהבות: אהבת ציון, אהבת ישראל, ואהבת מסורת אבות. לבי, לבי כואב על שהוא עצמו לא זכה לרגע הנכסף הזה, של תקומת ישראל — חלום חייו.

תורגם מיידיש ע"י חנוך פרל



דער אייביגער וואַנדערער

הנודד הנצחי

דמויות
געשטאלטן

ר׳ מענדל פערעל הי״ד

ר׳ מענדל פערעל ז״ל, אָדער ווי מ׳פלעגט אים רופן — ר׳ מענדל וואַרשעווער (אין יאָר 1910 זיך איבערגעצויגן פון וואַרשע קיין טלושטש) איז געווען אַ שטאַרק פּאָפּולערע פּערזענלעכקייט, נישט בלויז אין זיין ווינאַרט און סביבה. אַליין האָט ער געשטאַמט פון גרויסן יחוס; פון פאָטערס צד (ר׳ יחיאל משה ז״ל) איז ער געווען אַן אייניקל פון ר׳ יואל



וווּרקער ז״ל, וועלכער איז געווען אַ באַרימטע פּערזענלעכקייט אין דער גערער חסידישער וועלט, (אַ שווערסטערזון און תלמיד פון **חדושי־הרים** — דעם גרינדער פון דער גערער דינאַסטיע).

ווי עס גיבן איבער פיל גערער חסידים, פלעגט דער פריערדיקער גערער רבי ר׳ אברהם מרדכי אלתר זצ״ל, (נסתליק געוואָרן אין ארץ־

ישראל אין דער צייט פון דער מלחמת העצמאות, 1948) — שיקן, דורך זיין שמש, קוויטלעך אויף דעם קבר פון ר׳ יואל וווּרקער ז״ל.

ר׳ מענדל פערעל ז״ל איז געבוירן געוואָרן בערך אין יאָר 1873 אין שטעטל ריטשעוואָל (הינטער גער), וואָס איז אויך באַקאַנט צוליב די דאָרטיקע אַמאָליקע גרויסע רבנים, ווי ר׳ יענקעלע ראַדזימינער און ר׳ שמעלקע פון ניקלעשבורג.

ר׳ מענדל פערעל ז״ל איז געווען שטאַרק באַליבט און געאַכטעט אין זיין שטעטל, נישט בלויז ביי יידן, נאָר אויך ביי דער קריסטלעכער באַפעלקערונג. ער האָט זיך אויסגעצייכנט מיט זעלטענע אייגנשאַפטן: אַ שטרענגער אָרטאָדאָקס און דערביי אַן אמת׳ער אַריסטאָקראַט, סיי אין זיין קליידונג און סיי אין זיין האַלטונג. דער אָרטיקער רב ר׳ יעקב יוסף בריקמאַן ז״ל האָט אויף אים אַמאָל געגעבן אַ טרעפלעכע באַצייכענונג „דער חסידישער אַריסטאָקראַט״.

אַלס סוחר און בוי־אונטערנעמער האָט ער, אַדאַנק זיין ערלעכקייט און סאָלידער אויפפירונג פון די אים אָנפאַרטרויטע בוי־אַרבעטן, באַקומען גרויס צוטרוי.

עס איז באַוווּסט, אַז אויך אין די לעצטע יאָרן פאַר דער לעצטער וועלט־מלחמה, ווען עס האָט שוין אין פוילן שטאַרק זיך געלאָזט פילן דער אָפיציעלער אַנטיסעמיטישער קורס און בויקאָט קעגן יידן, פלעגן נאָך דאַן די מוניציפאַלע און מלוכה־מוסדות, ווי: מאַגיסטראַט און סטאַ־ראָסטווע, אים אָנפאַרטרויען בוי־אויספירונגען פון עפנטלעכע אַנשטאַלטן, טראָץ דעם, וואָס ער האָט קעגן זיך געהאַט ריין פוילישע קאָנקורענטן.

צווישן זיינע קליענטן האָבן זיך געפונען גרויסע מלוכה־מענער, פאַר וועלכע ער פלעגט בויען זומער־רעזידענצן הינטער וואַרשע, צווישן זיי — דער געוועזענער האַנדלס־מיניסטער ראָזשאַנאָווסקי, דער יוסטיץ־מיניס־טער כ־כאַלאָווסקי א.ד.ג.

ער איז אויך געווען שטאַרק באַפריינדעט מיט דעם באַרימטן פוילישן סאָציאַליסטישן קעמפער און סיים־דעפוטאַט זיגמונט זאַרעמבאַ. די דאָזיקע באַקאַנטשאַפט מיט פיל פערזענלעכקייטן פון דער פוילישער הערשנדיקער

עליטע פלעגט ער אָפּט אויסנוצן, כדי צו טון יידן טובות אין לעבנסוויכטיקע ענינים.


עס איז אין טלושטש געווען באַוווּסט, אַז אַדאַנק זיין פּערזענלעכער אינטערווענץ ביי דעם יוסטיץ־מיניסטער מיכאַלאָווסקי, איז אָפּגעראַטעוועט געוואָרן פון אומבאַדינגטן 3 חדשימדיקן אַרעסט (אָן אַפּעלאַציע־רעכט) די טאָכטער פון ר׳ שמחה פרידמאַן ז״ל האַרט פאַר איר חתונה, צוליב עובר זיין אויף די פאַרשריפטן, וועלכע האָבן געהאַט אַ שייכות צו דער קאָנצעסיע פון פאַרקויף פון שטאַרקע געטראַנקען.

ר׳ מענדל פערעל ז״ל איז געווען שטאַרק אַקטיוו און אומעטום פאַר־טרעטן אַלס געזעלשאַפטלעכער עסקן. ער איז געווען אַ לאַנגיעריקער פּרעזעס פון דער יידישער קהילה אין טלושטש, ווי אויך אַ ריי יאָרן ראַטמאַן אין דער שטאָט־פאַרוואַלטונג. באַזונדערס האָט ער זיך אויס־געצייכנט מיט זיין נדבנות, שפּענדנדיק מיט אַ ברייטער האַנט לטובת יעדער געזעלשאַפטלעכער אַקציע. און הגם אַלס אָרטאָדאָקס איז ער געווען פּאַרטייאיש נאָענטער צו דער „אגודת־ישראל״ פלעגט ער אויך זיך נישט אָפּזאָגן פון שפּענדונגען לטובת ציוניסטישע קרנות — וואָס איז דעמאָלט נישט געווען אין איינקלאַנג מיט דעם אָפיציעלן קורס פון „אגודת־ישראל״.

אין דער צייט פון דער ערשטער וועלט־מלחמה (אין יאָר 1914) איז אין טלושטש געשטאַנען אַ לאַנגע צייט אַ רוסישער מיליטערישער גאַר־ניזאָן. צווישן זיי איז געווען אַ גרופּע יידישע זעלנער, וועלכע האָבן נישט געוואָלט עסן פון דעם אַלגעמיינעם (טריפה׳נעם) קעסל. ר׳ מענדל פערעל ז״ל אָרגאַניזירט באַלד פאַר זיי ביי זיך אין הויז אַ כשרע קיך, און האָט אַ לאַנגע צייט, אויף זיינע אייגענע פּלייצעס, אויסגעטראָגן דעם שווערן עול פון קאָכן טאָג־טעגלעך כשרע מיטאָגן פאַר אַ גרופּע פון 10—12 יידישע זעלנער. אין דער דאָזיקער מסירת־נפשדיקער אַרבעט איז אים בייהילפיק געווען זיין פרוי עטקע ז״ל (די טאָכטער פון ר׳ משה אבפייער ז״ל — באַקאַנטער גרויסער וואַלד־סוחר און עקספּלאָאַטאַטאָר פון די ביאַלאָוויעזשער וועלדער). זי האָט זיך אויסגעצייכנט מיט איר צדקות און וואַרעם יידיש האַרץ און האָט מיט ליבע זיך איבערגעגעבן דער

דאַזיקער הייליקער אויפגאַבע. זי איז געשטאָרבן אין געטאָ טלושטש אין יאָר 1941 י״ז כסלו תש״אַ.

ר׳ מענדל פערעל ז״ל איז געווען באַשאַנקען מיט אַ זעלטענעם עסטעטישן חוש. זיין הויז (אַ רחבותדדיקע דירה פון 6 גרויסע און הערלעך אויסגעשטאַטע צימערן) האָט געשמט אַלס מוסטער פון אָרדענונג אפילו ביי דער קריסטלעכער באַפעלקערונג, אַזוי אַז די ערגסטע אַנטיסעמיטן פון שטעטל פלעגן עפנטלעך זיך נישט שעמען צו דערקלערן, אַז פאַר אַזאַ טיפ ייד, ווי דער פאַן פערעל האָבן זיי דעם גרעסטן רעספעקט.



על מרפסת ביתו של ר׳ מנדיל פרל ז״ל ביניהן : פוליה, רייזיל, בריינדיל, גליקה ופסה
אויף דער טעראסע פון ר׳ מענדל פערעלס הויז, צווישן דער גרופע
זיינע טאכטער : פאליע, רייזיל, בראניע, גליקע און פעסע

ער איז אויך פון דער נאַטור געווען געבענטשט מיט אַ גרויסער מאָס פון הומאָר. אין זיין געזעלשאַפט האָט מען קיינמאָל נישט געקענט זיין טרויעריק. ער פלעגט שטענדיק שיטן מיט גלייכווערטלעך ווי פון אַרבל אַרויס און שטענדיק אַרויסגערופן אַ שמייכל ביי זיינע צושויער.

די משפחה פערעל איז געווען איינע פון די גרעסטע יידישע פאַמיליעס אין ראַדזימינער קרייז. ר׳ מענדל פערעל האָט געהאַט דריי זין און אַכט טעכטער, און זיי געגעבן אַ שטרענג רעליגיעזע דערציונג. ער איז — ווי דערמאָנט — זיינע אַלע יאָרן געווען אַ סימפּאַטיקער פון „אגודת־ישראל״.

זיין טאָכטער רייזעלע איז געווען שטאַרק אַקטיוו אין דער בית־יעקב באַוועגונג און האָט אין טלושטש געשאַפן אַ קרייז פון עלטערע בית־יעקב מיידלעך און האָט אָנגעפירט מיט דער קולטורעלער און געזעלשאַפט־לעכער טעטיקייט פון דאָזיקן קרייז. זי איז געווען אַ מיידל מיט אַ



ליד ביתם של משפחת פרל: מסיבת הנשואין של חיה שפרן מסרוצק
ביים הויז פון דער פאַמיליע פערעל: די חתונה פון חיה שאפראן פון סעראצק

פולסירנדיקן טעמפּעראַמענט און מיט פיל ענערגיע אָנגעפירט מיט אַ יוגנט־אָרגאַניזאַציע. זי איז אויך געווען געבענטשט מיט אַ דראַמאַטישן טאַלאַנט און געשאַפן און אָנגעפירט מיט אַן אַמאַטאָרן־דראַמקרייז, וואָס פלעגט אָפט מיט גרויס דערפאָלג אָרגאַניזירן פאָרשטעלונגען, וועלכע זענען

באַזוכט געוואָרן דורך דער יוגנט, און אפילו דורך עלטערע בעלי־בתים פון „אגודת־ישראל״.

ר׳ מענדל פּערעל און זיין משפחה זענען פון דער ליקווידאַציע פון טלושטשער געטאָ נישט געטראָפן געוואָרן, ער און זיינע טעכטער זענען אַנגעקומען לעבעדיקערהייט אין וואַרשעווער געטאָ, וווהין די רעשט לעבן געבליבענע זענען דורך די נאַצישע טויטן־טרופּן געפירט געוואָרן צופוס פון טלושטש ביז ראַדזימין און פון דאָרט מיט דער קאַלייקאָ ביז וואַרשע.

זיין פאַמיליע איז דאַן באַשטאַנען פון 5 נאָך נישט פאַרהייראַטע טעכטער: פעסאָ, רייזל, גליקא, שבע און איטאָ, ווי אויך זיין עלטסטע טאָכטער מרים זשולטי צוזאַמען מיט איר מאַן משה און דריי קינדער: יענטעלע, יענקעלע און אברהמעלע.

אין וואַרשעווער געטאָ זענען זיי געווען אַלע צוזאַמען אויף איין קוואַטיר.

די ערשטע צייטן פלעגט ר׳ מענדל פּערעל אין וואַרשעווער געטאָ פירן אין קליינעם מאַסשטאַב אַ האַנדל מיט ברען־האָלץ, צושטעלנדיק די דאָזיקע סחורה אין די בעקערייען פון געטאָ און דערפון דערנערט זיין משפחה.

שפּעטער איז די איינציקע שפּייזערין געווען זיין טאָכטער רייזעלע, אַ בלאָנדינקע מיט אַן אַרישן אויסזען. זי פלעגט זיך איינשטעלן און פאָרן מיט דער באַן און געפירט אַ שטיקל האַנדל און געבראַכט אין געטאָ אַריין אַ ביסל פּראָדוקטן.

ווען רייזעלע איז געכאַפּט געוואָרן דורך דער געטאָ־פּאָליציי בעת אַן אַקציע און מ׳האָט זי אָפּגעשיקט מיטן טראַנספּאָרט, האָט מרים מיט איר מאַן משה זשולטי גענומען זייערע דריי קליינע קינדער און זיך פרייוויליק צוגעשטעלט צום טראַנספּאָרט, ווייל מיטן פאַרכאַפּן זייער איינציקע שפּייזערין זענען זיי מיט זייערע קינדער געוואָרן פאַרמשפּט צו שטאַרבן מיט אַ הונגער־טויט. זיי האָבן נאָך דאַן געגלויבט, אַז זיי ווערן טראַנספּאָרטירט אין אַן אַרבעטס־לאַגער.

אויסער זיי האָט ר׳ מענדל פּערל געהאַט נאָך דריי אויסגעגעבענע קינדער, וועלכע זענען אויך אומגעקומען דורך די נאַצישע רוצחים ימ״ש.

פנחס (פיטשע) פערל, געוווינט אין ווארשע, געהאַט דאָרט אַ סקלאַד פון ברעטער. זיין פרוי גליקעלע איז געשטארבן אין געטאָ טלושטש. ער מיט צוויי קינדער (דער עלטסטער אברהמאַלע) זענען אומגעקומען אין געטאָ ווארשע. הי״ד.

בריינדל און איר מאַן שלמה גאַזשיטשאַנסקי, געשטאַמט פון קאַזשעניץ און זייער טעכטערל יענטעלע זענען אין דער צייט פון קריג אַוועק פון טלושטש קיין ראַדאָם און דאָרט אומגעקומען. הי״ד.

פערל — לאה (פאַליע) און איר מאַן משה ראַכמאַן האָבן חתונה געהאַט אין דער צייט פון קריג און געוווינט אין ווארשע און דאָרט געפונען זייער טראַגישן סוף. הי״ד.

ר׳ מענדל פערעל ז״ל איז שפּעטער געבליבן אַן איינזאַמער און עלנטער פון זיין גרויסער און פאַרצווייגטער משפּחה. ער האָט זיך אַ געווויסע צייט אויסבאַהאַלטן ביי זיין שוועסטער יוכבד זילבערמאַן, וועלכע האָט געוווינט אויף נאַלעווקי־גאַס און דאָרט געהאַט אַ גוט מאַס־קירטן בונקער.

אויך זיין שוועסטער יוכבד האָט דאַן שוין געהאַט פאַרלוירן איר מאַן און קליינע קינדער.

ביז אין אַ געוויסן טאָג (כ׳ אלול 1942) האָט ר׳ מענדל פערעל זיך אָנגעטאָן אין אַ שיינעם העלן אָנצוג, גענומען טלית און תפילין און זיך אַליין צוגעשטעלט אויף דעם אומשלאַג־פּלאַץ, פון וואַנען ער איז געוואָרן טראַנספּאָרטירט אין איינעם פון די טויטן־לאַגערס. הי״ד.

יהי זכר כולם ברוך הנצח!

* *
*

זיין שוועסטער יוכבד זילבערמאַן איז אויך שפּעטער געוואָרן געכאַפּט אין איר בונקער און אויך געוואָרן טראַנספּאָרטירט אין די טויטן־לאַגערס. בעת דער באַפרייונג איז זי געווען איינע פון די לעבנגעבליבענע אין דעם פאַרניכטונגס־לאַגער אין בערגען־בעלזען און האָט איבערגעגעבן די

אַלע פּרטים וועגן דעם גורל פון איר ברודער און די איבערלעבענישן פון זיין פאַמיליע אין וואַרשעווער געטאָ.

פון זיינע אַלע קינדער האָבן זיך אָפּגעראַטעוועט בלויז צוויי זין. דער עלטסטער זון חנוך (העגעך, וווינט אין ישראל) איז באַצייטנס אַנטלאָפן אויף דער סאָוויעטישער זייט (ענדע נאָוועמבער 1939) און שפּעטער איז ער דורך די סאָוויעטן פאַראורטיילט געוואָרן אויף 5 יאָר אַרבעטס־לאַגער אַלס סאָציאַל־געפערלעכער עלעמענט פאַר דער סאָוויעטישער געזעלשאַפט. ער איז געוואָרן פאַרשיקט אויפן וויטן צפון אין קאָמי עס עס ער (ס. ס. ר.) ביז עס איז געקומען די באַפרייונג, ווען גענעראַל שיקאָרסקי, דער שעף פון דער פוילישער רעגירונג אונטערוועגס מיט איר זיץ־אָרט אין לאָנדאָן, האָט געמאַכט דעם באַקאַנטן הסכם מיט סטאַלינען, וועגן באַפרייען אַלע פוילישע בירגער, נאָכדעם ווי היטלער איז אָנגעפאַלן אויף רוסלאַנד (22.6.1941)

דער יינגסטער זון לייבציע (אריה) איז אַנטלאָפן אין וואַלד און זיך אָנגעשלאָסן אין פאַרטיזאַנער־גרופּע (צוזאַמען מיט זיין פרוי בראָניע און 4־יעריקן זון חיים) און דערלעבט די באַפרייונג מיט זיין פאַמיליע.

בן מנחם

חנוך פערעל — בני־ברק

על אבא וביתו

קוים לדמותו של אבי ר׳ מנחם מנדיל פרל ז״ל

בשנת 1910 חיסל אבי ר׳ מנדיל פרל ז״ל את עסקיו בוורשה ועבר לגור, עם בן, ביתוי לעיירה טלושטש, הרחוקה מבירת פולניה מרחק של חצי שעה נסיעה ברכבת מהירה (מרחק של 35 ק״מ).

בוורשה החזיק אבא בחנות של כלי חרסינה וזכוכית ברחוב ג׳לנה מס׳ 5, על־יד בית הכנסת „מוריה" של ר׳ יצחק ניסנבוים ז״ל, מנהיגם של הציונים הדתיים בפולניה.

לאבא לא שיחק מזלו בעסק זה והחליט משום־כך למכרו. בטלושטש גר אז ידידו ומכירו ר׳ פנחס היימן ז״ל, שניהל שם עסק של קרשים ועצי בנין אחרים והוא המריץ באבא להצטרף אליו כשותף לעסק זה.

המסחר של עצי בנין קסם לאבי וקבל משום כך ברצון את הצעתו של ידידו מר היימן. בינתיים היגר ר׳ פנחס היימן עם משפחתו לארצות הברית ואבי נשאר הבעל היחידי של העסק.

לאבא ז״ל יצאו מוניטין בעיר טלושטש ובסביבה כסוחר נאמן ואיש־הגון. כולם, כיהודים כגויים, התייחסו אליו בכבוד ויקר.

אבי אבי — הסבא ר׳ יחיאל־משה ז״ל, שהיה בנו של ר׳ יואל פרל ז״ל, הידוע בכינויו ר׳ יואל הוורקאי (ר׳ יואל וורקער), נשא לאשה את דבורה בת ר׳ אייזיק אקרמן ז״ל, מחשובי בעלי הבתים בעיירה ריצ׳יוול הסמוכה לעיר גור־המטרופולין של השושלת הגוראית.

הסבתא דבורה היתה בגיל שלוש־עשרה כשנישאה ובגיל ארבע־עשרה ילדה לבעלה יחיאל־משה את בנה הבכור שנקרא שמו בישראל מנחם־מנדיל.

הסבא של אבא, ר׳ יואל וורקר, היה אישיות ידועה ומכובדת בקרב חסידי גור. הוא היה תלמידו ובן אחותו של „חדושי־הר״ים״ — מחוללה של השושלת הגוראית. ר׳ יואל היה התוקע בבית מדרשו של ה„שפת־אמת״ בגור, ולכשנסתלק הספידו ה„שפת־אמת״. ר׳ יואל הובא למנוחות בבית־הקברות שבגור.

זכורני שאבא ז״ל היה מספר לנו — לבניו, על אמא של ר׳ יואל, (אחותו של מחבר „חדושי־הרים״ ז״ל), שהיתה למדנית גדולה והיתה הולכת יום־יום לעזרת נשים של בית־מדרשו של חדושי הרי״ם, כדי לשמוע מפיו את השיעור בגמרא ותוספות שהגיד בפני תלמידיו. פעם אחת קראה לבנה, יואל, ואמרה לו: — תגיד לאיצ׳ה־מאיר (השם הפרטי של בעל חדושי הרי״ם ז״ל) שהיום הוא נתן הסבר בלתי נכון בתוספות (געזאגט א פאלשן פשט אין תוספות).

אבי, ר׳ מנדיל פרל ז״ל היה אישיות אהודה ומכובדת מאד בעיירה, לא רק אצל היהודים, אלא גם בקרב התושבים הפולנים. הוא הצטיין בתכונות נדירות: הוא היה אורתודוקס קיצוני ואריסטוקרט מודרני גם יחד, הן בתלבושתו ההדורה והן בנימוסיו עם הבריות. הרב המקומי ר׳ יעקב־יוסף בריקמן ז״ל נתן פעם הגדרה קולעת לאישיותו: „האריסטוקרט החסידי״, (דער „חסידישער אריסטאקראט״). בתור סוחר וקבלן בנין הוא נהנה מאימון רחב, הן מצד לקוחותיו הפרטיים והן מצד השלטונות המוניציפאליים והממשלתיים, הודות להתנהגותו הישרנית ובצוע תקין של עבודות בנין שנמסרו לו בקבלנות. ידוע שגם בשנים האחרונות, לפני מלחמת־העולם השניה, כשכבר היה מורגש ברחוב היחס האנטי־שמי הרשמי והחרם נגד הסוחרים היהודיים — גם אז נמסרו לאבא ז״ל, ע״י מוסדות הרשות המקומית ושלטון המחוז, עבודות בנין שונות, למרות העובדה שאלו שהתחרו אתו במכרזים, היו פולנים מבטן ומלידה.

בין לקוחותיו של אבא היו שרים ורבי המדינה, שלהם הוא בנה מגורי קיץ בסביבות וורשה. על לקוחותיו נמנו: שר המסחר והתעשיה רוז׳נובסקי, שר המשפטים מיכלובסקי, שלישו של נשיא המדינה קובלסקי וכו׳.

אבא ז״ל קיים יחסי ידידות עם הלוחם הסוציאליסטי הפולני זיגמונט זרמבה ואת הקשרים האלו עם העילית המושלת הוא ניצל, לא פעם, לטובת

יהודים בזמן שהיו זקוקים להשתדלות אצל רבי המדינה. היה ידוע בטלושטש המקרה, שהודות להשתדלותו של אבא ז"ל אצל שר המשפטים מיכלובסקי, (בזמן שלטונו של פילסודסקי כראש־ממשלה), נצלה בתו של ר' שמחה פרידמן ז"ל, (חנה רעיתו של מרדכי לרנר הי"ד), זמן קצר לפני נשואיה, ממאסר החלטי (ללא זכות הגשת ערעור) לשלושה חדשים, לפי פסק־דין של בית המשפט (בגלל עבירה על ההוראות שהיו קשורות עם זכיון למימכר יינות ומשקאות חריפים).

אבא ז"ל היה מן הפעילים הבולטים בעיירה והיה מייצג את האוכלוסיה היהודית בכל המוסדות שבעיירה, המוניציפליים והקהילתיים. תקופה ממושכת כיהן בתפקיד יושב־ראש של הקהילה היהודית, כמו־כן היה שנים רבות חבר במועצה המקומית. במיוחד הצטיין בנדבנותו; נתן ביד רחבה לטובת כל מיני מפעלים ציבוריים וחברתיים שבעיירה, ולמרות שמבחינת השקפותיו המפלגתיות היה קרוב יותר לאגודת ישראל, תרם בכל זאת גם לטובת הקרנות הציוניות — הקרן הקיימת וקרן היסוד, דבר שהיה אז בניגוד למצע הרשמי של אגודת־ישראל בפולין.

בשנת 1914, בזמן מלחמת־העולם הראשונה, התמקם בעיירה טלושטש גדוד של הצבא הרוסי, שמנה גם הרבה יהודים וביניהם היתה קבוצה של 8 — 10 חיילים שהקפידו על כשרות ולא רצו משום־כך ליהנות מהמטבח הכללי של הגדוד. כשהדבר נודע לאבא, הוא אירגן תכף בביתו מטבח כשר בשביל אותם החיילים שלא רצו לגאל את נפשם בבשר פגולים. זמן ממושך הוא נשא על שכמו את העול הכבד הזה של הכנת ארוחות בשר יום־יום בביתו בשביל החיילים. לפי השתדלותם של ראשי הקהל במפקדה הצבאית של הגדוד, הסכים מפקד הגדוד להצעה, שהחיילים היהודיים הדתיים יקבלו תמורת ארוחותיהם בשר חי מאיטליז כשר שבעיירה.

את הבצוע של עבודת הקודש הנ"ל יש לזקוף, בחלקו הגדול, לזכות אמי הצדקנית אטקה עה"ש, שהיתה לעזר לאבא והתמסרה בלב ונפש למילוי משימה קדושה זו.

אבא ז"ל היה מחונן בחוש אסתטי נדיר. ביתו (דירה בת 6 חדרים מרווחים ומרוהטים בהדר), היה ידוע כסמל ומופת של סדר ונקיון אפילו בקרב האוכלוסיה הגויית שרחשה לאבא את הכבוד הראוי. אפילו אלו מבין

האנטי־שמיים הגרועים שבעיירה לא התביישו להודות שליהודי מטיפוסו של פן פרל (אדון פרל) הם מתייחסים בכל הכבוד.

אבא ז״ל הצטיין בחוש הומור. תמיד היה שופע בדיחות או אמרות שנונות, שיצרו מצב רוח טוב ובדיחות הדעת בין הנמצאים בחברתו.

משפחת פרל נחשבה לאחת המשפחות הגדולות ביותר בכל מחוז רדזימין. על בני ביתו נמנו שלושה בנים ושמונה בנות, שחונכו כולם ברוח של אהבה לעם, למסורה ולמכורה.

אמנו עה״ש ילדה חמשה־עשר ילדים שמהם נפטרו ארבעה בגיל רך. היא היתה מספרת לילדיה שלמחרת נשואיה נכנסה לביתה אשה זקנה פולניה, המחזרת על הפתחים ומגידה עתידות לפי שרטוטי כפות הידיים. אחרי עיון קל בכף ידה של אמא היא ענתה:

— בעלך מנדל וילדים תלדי מנדל (מנדל, בפולנית, פירושו חמישה־עשר)...

אחותי מרים היתה הבת הבכירה. היא נשאה לרעי משה בן יעקב ז׳ולטי ז״ל וילדה לו בת ושני בנים: ינטה׳לה, יעקוב׳לה ואברהמ׳לה שהצטיינו כולם ביפיים ובחכמתם. אחי פנחס (פינצ׳י) נשא לאשה את גליקה׳לה לבית אפלבוים מורשה ושם התפרנס מעסקי קרשים וחמרי־בנין אחרים. לו נולדו שני ילדים, (אברהמ׳לה היה שם בנו הבכור).

בימי השואה עברה גליקה׳לה לבדה לטלושטש לרגלי מחלתה, לעומת זה בני משפחתה נשארו בגיטו ורשה. גליקה׳לה נפטרה בגיטו טלושטש. אחותי בריינדל, ביחוד עם בעלה שלמה גוז׳יצ׳נסקי ובתם ינטה׳לה בת השנתיים, עזבו בזמן המלחמה את טלושטש ועברו לעיר רדום ושם נספו, הי״ד.

אחותי פוליה (פריל־לאה), נשאה בזמן המלחמה עם משה רוכמן מוורשה. הם נשארו בגיטו וורשה ושמה נספו, הי״ד.

יתר אחיותי הבלתי נשואות: פסיה, רייזל, גליקה, שבע ואיטה׳לה נשארו בגיטו טלושטש ביחד עם הוריהן.

ביום י״ז כסליו תש״א — 1941 נפטרה אמנו אטקה בגיטו טלושטש, והובאה לקבר ישראל בבית הקברות בעיר רדזימין, ת.נ.צ.ב.ה.

אחותי רייזה׳לה היתה מן הפעילות בתנועת „בית־יעקב״ בעיירה.

היא יצרה בטלושטש חוג של „בנות־יעקב״, שעליו נמנו הבנות הצעירות מטובי הבתים שבעיירה. החוג הזה פיתח עבודה חברתית ותרבותית. רייזה׳לה היתה בחורה כשרונית, בעלת אופי תוסס, עם חוש ארגוני וכושר דרמטי. היא יצרה על־יד „בנות־יעקב״ חוג דרמטי של חובבים, (יותר נכון „חובבות״), ואירגנה בהצלחה הצגות שבוקרו אפילו על־ידי בעלי הבתים הקשישים מחוגי אגודת־ישראל.

בזמן חיסול הגיטו היהודי בטלושטש (ביום י״א סיון תש״ב — 27.5.42), היתה משפחת פרל בין המשפחות המעטות שהצליחו להגיע שלמים בגופם עד לתוך הגיטו היהודי בורשה, לשם גורשו היהודים המעטים שנשארו בחיים עם חיסול הגיטו בטלושטש. הדרך מטלושטש עד רדזימין היתה זרועה הרוגים שנורו ע״י אנשי ה־ס. ס. ופלוגות המות הנאציות, ועד שהגיעו לגיטו ורשה לא נותרה אפילו מחציתם.

על משפחת אבי שהגיעו לגיטו ורשה נמנו חמש בנותיו הרווקות: פסיה, רויזה׳לה, גליקה, שבע ואיטה׳לה וגם בתו הבכירה מרים ביחד עם בעלה משה ז׳ולטי ושלושת ילדיהם: ינטה׳לה, יעקובה׳לה ואברהמ׳לה. בגיטו ורשה גרו כולם ביחד.

בזמן הראשון היה אבא ז״ל עוסק בגיטו ורשה במסחר של עצים, (עצים להסקה), בקנה מידה קטן. את העצים סיפק למאפיות שבתוך הגיטו, ובזה מצא את פרנסתו. אולם אחר־כך כשהתרבו הסריקות ברחובות, וההליכה ברחובות הפכה למסוכנת, נאלץ אבא ז״ל להפסיק את עיסוקו זה. המפרנסת היחידה היתה אז אחותי רויזה׳לה שהיתה בהירת שיער (בלונדינית), ובמראה היתה דומה לנערה ממוצא ארי. רויזה׳לה הסתכנה והיתה נוסעת ברכבות מורשה לערי־השדה, עם קופת־הרוכלים שתמורתה קבלה מצרכי מזון.

לאחר שרויזה׳לה נחטפה ע״י משטרת הגיטו ברחובות ורשה, באחת שלושת ילדיהם והתייצבו מרצונם בפני חוטפיהם, כדי להשלח עם הטרנספורט למחנה עבודה, הואיל ואחרי מעצרה של רויזה׳לה שהיתה המפרנסת היחידה של כל בני המשפחה, ראו את עצמם וילדיהם כנידונים למות ברעב. הם עדיין האמינו אז שהמשלוחים נועדו למחנות עבודה.

אבא ז״ל נשאר אחר־כך בודד וגלמוד מכל משפחתו הענפה. ולא יכול

להחזיק יותר מעמד בתנאיו החדשים של בדידות ודכאון-נפשי. זמן מסויים הוא הסתתר בתוך בונקר אצל אחותו יוכבד זילברשטיין ברחוב נלבקי.

באותה התקופה היתה גם אחותו יוכבד בודדה וגלמודה אחרי שכבר שכלה את בעלה וילדיה.

ביום אחד, זה היה בבוקרו של יום כ׳ אלול תש״ב — 1942, התלבש אבא בחליפה נאה ובהירה, לקח את התיק עם טליתו ותפיליו והתייצב מרצונו באומשלג-פלץ, משם נשלח לאחד ממחנות-המות. ה.י.ד.

יהי זכר כולם ברוך לנצח!

*

את הפרטים המתייחסים לגורלם של אבא ובני משפחתו מסרה לי הדודה יוכבד זילברמן מניצולי מחנה השמדה ברגן-בלזן. מכל בני משפחת ר׳ מנדל פרל ז״ל נשארו בחיים רק שני בניו חנוך ואריה, הראשון הצליח בעוד מועד לברוח לרוסיה הסובייטית והשני ברח ליערות והצטרף לקבוצת פרטיזנים, (היום שניהם בישראל).

חיים סטאלאק — בני־ברק

דער לעצטער ראש הקהל פון שטעטל



ר׳ יעקב יוסף גרינהויז ז״ל האָט געהערט צו די פּאָפּולערע בעלי־בתים פון שטעטל. ער איז געווען אַ שיינער יודע־ספר. גע־לערנט אין דער יוגנט אין פּוילישע ישיבות און גלייכצייטיק זיך פאַראינטערעסירט מיט דער נייער העברעישער ליטעראַטור, איז געווען אַ שטענדיקער לייענער פון די העב־רעישע צייטשריפטן.

אין זיין פּריוואַטער ביבליאָטעק האָט מען געקענט געפינען, א חוץ ש״ס און פּוס־קים, אויך פיל ספרי מדע ומחקר, בעיקר וואָס האָבן געהאַט אַ שייכות צו חכמת־ישראל (יודאַאיקאַ). נעבן „ספר הכוזרי״ און „חובת הלבבות״, האָט זיך אויך געפונען דער „ דור דור ודורשיו״ פון א. ה. ווייס און דעם „על פּרשת דרכים״ פון אחד העם. טראָצדעם, וואָס ער איז געווען שטאַרק פאַרנומען אין דאגות פרנסה, פירנדיק אַ בעקעריי און אַ שפּייז־קראָם, האָט ער געפו־נען צייט אויף אַריינצוקוקן אין אַ ספר און זיך פאַרנעמען אויך מיט גע־זעלשאַפטלעכע ענינים.

אין די לעצטע יאָרן פאַר דעם קריג, איז ער געווען פּרעזעס פון דער יידישער קהילה אין טלושטש, ווי אויך ראַטמאַן אין גמינע־ראַט, ווו ער האָט מיט גרויס טאַלאַנט און מסירת־נפש פאַרטיידיקט די אינטערעסן פון

דער יידישער באַפעלקערונג אין טלושטש. גאַנץ אָפט איז אויסגעקומען אַפצושטויסן די אַנטיסעמיטישע אַטאַקעס פון די פוילישע, ראַטמענער, וועלכע האָבן ביי יעדער געלעגנהייט געשטאָכן די יידישע פאַרשטייער מיט דעם פּאָפּולערן זידל־וואָרט: „יידישע פאַרמיטלעריי". עס האָט געהייסן, אַז די יידישע פאַרמיטלונג, צווישן פויער און קאָנסומענט, איז גורם צו אַ גרויסער פאַרטייערונג פון דער דאָרפישער פּראָדוקציע. אין אַלע אומ־גליקן האָבן זיי געזען די שולד ביי די יידישע פאַרמיטלער. ברעכט אויס אַ שטרייק אין פאַבריק, וועלכער טראָגט אַן עקאָנאָמישן כאַראַקטער, זענען שולדיק אין דעם די יידישע פאַרמיטלער, וואָס צוליב זיי מוז דער אַרבעטער צאָלן טייער פאַר דער דאָרפישער פּראָדוקציע און דעריבער מוז ער פאָדערן לויען־העכערונג...

אַמאָל איז ער צוריקגעגאַנגען פון אַ זיצונג פון גמינע־ראַט אַ שטאַרק דענערווירטער און אויפגעברויזטער. ער האָט דערציילט, אַז אויף דער דאָזיקער זיצונג פון ראַט איז געקומען צו אַ שטאַרקן אַנטיסעמיטישן אויסברוך מצד אייניקע פוילישע ראַטמענער, סיי פון רעכטס און סיי פון לינקס.

— „איר יידן" — האָט זיך צעשריגן אַן אַנטיסעמיטישער ראַטמאַן — „האָט אַ גרויסן טאַלאַנט בלויז צו איין איינציקער מלאכה — „פאַרמיטלע־ריי". אייער רעליגיע איז דער גאָלדענער קאַלב. אַז איר דערזעט אַ ביקס פון דערווייטנס, ציטערט איר אויף ווי אַ שעפּסעלע פאַר דעם וואָלף, און שרייט „אוי וויי"! מיט אַזעלכע גבורים ווילן אייערע ציוניסטן שאַפן אַ יידישע מדינה און באַפרייען פּאַלעסטינאַ?, כאַ, כאַ, כאַ! — האָט זיך דער אַנטיסעמיט סאַרקאַסטיש צעלאַכט, און די איבריקע האָבן אויף זייערע בענק צוגעבאַסעוועט: „בראַוואָ! בראַוואָ!

נאָר ר׳ יעקב יוסף גרינהויז ז"ל, האָט אויפן אָרט זיי געגעבן אַ ווירדיקן און שטאָלצן ענטפער, פאַרמאַכנדיק אויף אַ לאַנגער צייט די אַנטיסעמיטישע מיילער פון די פוילישע ראַטמענער. עס איז דעריבער כדאי צו איבערגעבן דעם גאַנצן פאַרלויף:

„מיינע הערן" — האָט געזאָגט ר׳ יעקב יוסף אין זיין ענטפער — „אויב מיר זענען אין מסחר (איר רופט עס „פאַרמיטלעריי") פאַרטרעטן

אין אַ גרעסערער נאָרמע, ווי עס קומט אונדז לויט דער צאָל־פּאָרהעלטע־ניש צו דער אַלגעמיינער באַפעלקערונג אין פּוילן, איז עס נישט אונדזער שולד. עס איז נישט די שולד פון אונדז יידן, דאָס, וואָס עס פאַרגרעסערט זיך די צאָל פון יידישע קראָמען. עס איז די שולד פון די הערשנדיקע פּאַק־טאָרן, וועלכע פירן שוין לאַנגע יאָרן אַ דיסקרימינאַציע־פּאָליטיק קעגן דער יידישער באַפעלקערונג, אַרויסשטויסנדיק זי פון אַלע אַנדערע ווירט־שאַפטס־צווייגן. אין די פאַבריקן, אפילו אין די יעניקע, וועלכע געהערן צו יידישע פאַבריקאַנטן, ווערן קיין יידישע אַרבעטער נישט צוגעלאָזן; פון די אוניווערסיטעטן וואַרפט מען אונדזערע זין און טעכטער לגמרי אַרויס. לעצטנס זענען מיר געקומען צו אַ „נומערוס נולוס״, נישט בלויז אויף דעם מעדיצינישן פאַקולטעט, נאָר אויך אין אַלע אַנדערע פאַקולטעטן, צוליב דעם זאָאָלאָגישן אַנטיסעמיטיזם וואָס הערשט אין די אוניווערסיטעטן אין גאַנצן לאַנד״.

„אפשר קענט איר מיר זאָגן מיינע הערן״ — ווענדעט ער זיך מיט סאַרקאַזם צו די פּוילישע ראַטמענער — „וויפיל זענען דאָ יידישע טראַם־וויי־שאָפערן אָדער בילעטן־פאַרקויפער אין די טראַמווייען? אָדער וויפיל באַשעפטיקט די פּוילישע רעגירונג באַן־אַרבעטער און אַנגעשטעלטע אין דער באַן־אַדמיניסטראַציע?״

„איינס קען איך אייך פאַרזיכערן, מיינע הערן״ — זעצט ער ווייטער פאָר זיין ענטפער — אויב איר וואָלט אונדז יידן צוגעלאָזט צו די אַלע דערמאָנטע אַרבעטס־געביטן, וואָלטן מיר דאָס אַלעס געפירט מיט נישט קיין קלענערן טאַלאַנט ווי מיר פירן די פאַרמיטלעריי״...

„וואָס שייך די רעליגיע״ — דערקלערט ער ווייטער — „האָבן מיר יידן זיך געוויס נישט מיט וואָס צו שעמען, ווייל די ערשטע, וועלכע האָבן געגעבן דער וועלט דעם ריינעם מאָנאָטעאיזם (גלויבן אין אחדות הבורא) זענען דאָס געווען נישט קיין אַנדערע, נאָר מיר יידן. „עשרת הדברות״ האָבן פּראָקלאַמירט די ערשטע, נישט קיין אַנדערע, נאָר די אַלטע העב־רעער, די אורעלטערן פון די היינטיקע יידן״.

„די ערשטע האָבן מיר געטראָגן דעם פאַקעל פון גלויבן אין אַן איינ־

איינציקן בורא און דאָס דאָזיקע ליכט פאַרשפּרייט אין דער פינצטערער וועלט פון געצנדינערייִ און פאַרשקלאַפונג".

„איר דאַרפט נישט פאַרגעסן, מיינע הערן, אַז אייער בן אלוהים יעזוס קריסטוס, האָט אויך געשטאַמט פון יידן. זיין מוטער איז דאָך אַן שום צווייפל געווען אַ יידישקע. און צי ווייסט איר דען נישט, אַז צווישן די 12 אַפּאָסטאָלן פון קריסטוסן זענען גאַנצע צען פון זיי געווען יידן? זיי זענען ביי אייך קדושים, צו זיי שעפּטשעט איר אייערע תפילות און זינגט הייליקע געזאַנגען. און ווען עס צעשפּילן זיך די אָרגלען, און עס צעקלינגען זיך די גלאָקן אין אייערע קלויסטערס, זינגט דעמאָלט דער קלויסטער־כאָר די פּסאַלמען פון דוד מלך ישראל — דעם אומשטערבלעכן יידישן קעניג!? אויב איר זאָלט וועלן זיין קאָנסעקוועגט, וואָלט איר זיך געדאַרפט אָפּזאָגן פון דער דאָזיקער יידישער ירושה"...

„און צום שלוס, מיינע הערן, וועגן דער יידישער פּחדנות וואָלט איך אייך געראַטן צו לייענען דאָס בוך פון אייער ניעמאַיעווסקין „די קאַמפן פון די יידן קעגן די רוימער" (ניעמאַיעווסקי איז געווען דער רעדאַקטאָר פון דער זיינערצייט באַרימטער אַנטיסעמיטישער טאָג־צייטונג „דוואַגראָשוואָקאַ". איידער ער איז געקומען צום אַנטיסעמיטיזם האָט ער איבערגעזעצט אויף פּויליש דאָס מאָנומענטאַלע ווערק פון יוזעפוס פלאַוויוס „מלחמות היהודים", וווּ עס ווערט הערלעך באַשריבן דער העראָאיזם פון די יידישע קעמפער, וועלכע האָבן, ווי די לייבן, געקעמפט קעגן דער מעכטיקער רוימישער אימפּעריע), איבערלעזנדיק דאָס דאָזיקע בוך וועט איר שוין אַנדערש דענקען וועגן די יידישע „טכוזשעס".

„וואָס עס איז געווען אַמאָל, קען אויך זיין היינט. ווען מיר וועלן זיין פרייע בירגער אין אַ פרייער אייגענער מדינה, וועט דער גייסט פון גבורה צוריק באַהויכן אונדזערע קעמפער און באַווייזן די זעלבע גבורות פּונקט ווי אַמאָל".

*

דער איינדרוק פון דעם דאָזיקן שטאָלצן ענטפער איז געווען אַ געוואַלדיקער. אייניקע פון די קריסטלעכע ראַטמענער האָבן אים געדריקט די האַנט מיט אַ אַנערקענונג פאַר זיין מוטיקן אויפטריט.

מי יגלה עפר מעיניך ר׳ יעקב יוסף — ווער וואָלט געקענט דיר אויפ־עפענען דיינע אויגן, דו זאָלסט קענען זען די גרויסע גבורות פון אונדזערע יידישע חיילים פון צבא הגנה לישראל (צה״ל).

ווי גרויס וואָלט געווען דיין שמחה, אַז מיר האָבן דערלעבט און עס איז מקוים געוואָרן דיינער און אונדזער אַלעמענס טרוים וועגן אַן אייגענער, פרייער יידישער מדינה, מיט אַ רומפולער יידישער אַרמיי, מיט אמתע יידישע גבורים — צו להכעיס אַלע יידישע שונאים!

✶

עס האָט דיך געטראָפן דער זעלבער גרויזאַמער גורל, וואָס עס האָט געטראָפן כמעט אַלע יידישע איינוווינער פון אונדזער שטעטעלע טלושטש, אנשים, נשים וטף. זיי אַלע האָט פאַרשניטן די מערדערישע שווערד פון די נאַצישע רוצחים ביי דער היימישער מיטהילף פון די פוילישע אַנטיסע־מיטן — באַנדיטן.

ה׳ ינקום דמם ויהי זכרם ברוך!

חנוך פערעל — בני־ברק

היימישע געשטאלטן

ר׳ אהרן גאָלדוואַסער ז״ל

ר׳ אהרון (ארקע) גאָלדוואַסער ז״ל האָט געשטאַמט פון אָסטראָוו־מאַזאָוויעצק און געווען דער זון פון ר׳ מרדכי גאָלדוואַסער, וועלכער איז געווען אַ באַקאַנטע פערזענלעכקייט אין אָסטראָוו. אַ ייד אַ למדן מופלג, ממש לא פסק פומיה מגירסא און דערצו אַ חכם, צו וועמען מ׳פלעגט קומען זיך שואל עצה זיין אין קאָמפּליצירטע ענינים.

ר׳ אהרון גאָלדוואַסער איז געווען אַ ייד אַ גרויסער תלמיד חכם, ממש אַ בקי אין ש״ס. ער איז אויך געווען אַ פיינער העברעער. זיין פּריוואַטע ביבליאָטעק איז געווען רייך, נישט בלויז מיט ספרים פון דער תלמודיסטי־שער און רבנישער ליטעראַטור, נאָר אויך מיט אַ שפע ביכער פון דער תקופת ההשכלה, ווי אויך פון דער נייער מאָדערנער העברעישער ליטעראַטור.

ר׳ אהרון גאָלדוואַסער האָט חתונה געהאַט בערך אין יאָר 1902 מיט דער טאָכטער פון דעם רייכן סוחר און תושב פון שטעטל, ר׳ מאיר שאַפּראַן ז״ל, און זייט דעמאָלט געוווינט אין טלושטש. ער האָט אָנגע־פירט לאַנגע יאָרן מיט אַ גרויס שפּייז־געשעפט און אַ בעקריי, ווי אויך מיט אַ פאַבריק פון קאָלטע געטראַנקען און אָנגעהערט צו די אָנגעזעענסטע בעלי־בתים. אין דער צייט פון דעם ערשטן וועלט־קריג איז ער געווען אַ צושטעלער פון אַפּראָוויזאַציע פאַרן רוסישן מיליטער, וואָס האָט אַ לאַנגע

צייט סטאַציאָנירט אין טלושטש און אין סביבה. אין זיין הויז האָט זיך אויך געפונען דאָס גערער שטיבל, וואָס ער האָט געגרינדעט.

ר׳ ארקע גאָלדוואַסער איז געווען אַ ייד אַ תקיף און לאַנגע יאָרן דער דעצידירנדיקער פאַקטאָר ביי אַלגעמיינע ענינים, וואָס האָבן געהאַט אַ שייכות מיטן יידישן ציבור אין טלושטש.

ביים אויפנעמען דעם ערשטן שוחט אין שטעטל (ר׳ איטשע־מאיר שוחט) און דעם ערשטן רב (דעם זון פון דעם איישישאָקער ליטווישן רב), האָט ר׳ ארקע גאָלדוואַסער געשפילט די ערשטע פידל און זיין שטעלונג אין די דאָזיקע פּראָבלעמען איז געווען דעצידירנדיק.

ערשט שפּעטער, ווען עס איז אַנטשטאַנען אין שטעטל אַ גרויסע מחלוקת אַרום דעם כסא הרבנות, און עס האָט זיך געשאַפן אַ גרויסע קעגנערשאַפט, בפּרט פון די חסידישע קרייזן, קעגן דעם איישישאָקער רב — אַ ליטוואַק און אַ טיפּישער מתנגד — און אַ סך פון זיינע ליטווישע מתנגדישע זיטן און מנהגים האָבן אַרויסגערופן אַ ווידערווילן ביי די חסידישע בעלי־בתים, ספּעציעל ביי די גערער חסידים, האָט דאָס שפּעטער גורם געווען צו דער אויפגעצוווּנגענער רעזיגנאַציע פון דעם איישישאָקער רב פון כסא הרבנות אין שטעטל, און דאָס צוריקציען זיך פון אַרקען פון דער קהילישער טעטיקייט.

ר׳ ארקע גאָלדוואַסער האָט געפירט אַ שטרענג אָרטאָדאָקסישע שטוב. ער איז געווען אַ ייד אַ קנאי און אין פּראָבלעמען פון דת איז ער קיינמאָל נישט איינגעגאַנגען אויף וויתורים. ער האָט געהאַט 3 זין און 3 טעכטער. זיין עלטסטע טאָכטער, מירל, האָט חתונה געהאַט (בערך 7 יאָר פאַר דעם קריג) מיט זיינס אַ שוועסטערן־זון, ישראל גאָלדוואַסער (יאַנאָווסקי), — דער שפּעטערדיקער באַקאַנטער יידישער שרייבער און דיכטער ישראל עמיאָט.

די צווייטע טאָכטער דבורה האָט האַרט פאַר קריגס־אויסברוך חתונה געהאַט מיט אַ שטאַרק פרומען יונגנמאַן. זיי איז געלונגען באַצייטנס צו אַנטלויפן אויף דער סאָוויעטישער זייט און אַנגעקומען קיין ביאַליסטאָק, ווו כ׳האָב זיך מיט זיי אייניקע מאָל געטראָפן, בעת זייער לעצטן באַזוך ביי מיר (אין דער ערשטער העלפט 1940) האָבן זיי מיר דערקלערט,

אַז זיי גרייטן זיך צו פאָרן קיין ווילנע, פון וואַנעט ס׳איז פאַראַן אַ מעג־לעכקייט צו פאָרן קיין אַמעריקע דורך יאַפּאַן.

ווי כ׳האָב זיך שפּעטער דערוווּסט, זענען זיי אָנגעקומען קיין ווילנע און דאָרט אומגעקומען.

די עלטסטע צוויי זין פון ר׳ ארקע גאָלדוואַסער — מנחם און יצחק מיט זייערע פאַמיליעס, ווי אויך די יינגסטע טאָכטער בלימע — זענען אַלע אומגעקומען. הי״ד.

ויהי זכרם ברוך.

*

אברהם ראַדזימינסקי ז״ל

ר׳ אברהם ראַדזימינסקי האָט געשטאַמט פון דעם שכנותדיקן שטעטל וואָלאַמין. ער איז געווען דער זון פון דעם באַקאַנטן סוחר פון שפּייז־פּראָדוקטן אין וואָלאַמין ר׳ מרדכי הירש ראַדזימינסקי ז״ל. זיין פרוי רבקה איז געווען די טאָכטער פון ר׳ יוסף צוקער, אויך אַ תושב פון וואָלאַמין.

אין טלושטש האָט ר׳ אברהם ראַדזימינסקי אָנגעפירט אַ לאַנגע צייט מיט אַ געשעפט פון אייזן־ און קיך־געשיר. ער איז אויך געווען שטאַרק טעטיק אויפן געזעלשאַפטלעכן געביט. (פּרעזעס פון דער קאָאָפּעראַטי־ווער באַנק אין טלושטש זינט דער צייט פון איר גרינדונג (1926) ביז צו דער ליקווידאַציע — (1933). ער האָט געהאַט אַ שם פון אַן אָנשטענדיקן מענטש און סוחר. לאַנגע יאָרן איז ער געווען גבאי אין דער שטאָטישער שול און געווען אַן עוסק בצרכי צבור באמונה.

ער האָט געהאַט 3 זין: יהודה (לייבל), משה און אייזיק, און איין טאָכטער האַלינע (הינדע). זיי אַלע זענען געווען טעטיקע מיטגלידער אין ציוניסטישע יוגנט־אָרגאַניזאַציעס אין טלושטש.

זיין עלטערער זון יהודה האָט אַ צייט פאַר דעם קריג (בערך אין יאָר 1933) עולה געווען קיין ישראל, ווו ער האָט געאַרבעט אַ געוויסע צייט ביי כבישים ווי אויך אין פרדסים — ביז ער האָט ענדלעך באַקומען אַרבעט אַלס פקיד (באַאַמטער) אין קופּת־חולים פון דער אַלגעמיינער הסתדרות העובדים.

יהודה ראַדזימינסקי (געביטן אויף: דרומי) איז אויך געווען אין די לעצטע יאָרן פון זיין לעבן שטאַרק טעטיק אין דער מפלגת פועלי ארץ ישראל (מפא״י) און פלעגט כמעט יעדן טאָג, נאָך זיין טעגלעכער אַרבעט אין קופּת־חולים זיין טעטיק אויך אין דער פּאַרטיי.

איינמאָל האָט ער באַקומען אַ שווערן האַרץ־אַטאַק און געוואָרן אָפּ־געפירט אין ביילינסאָן־שפּיטאָל, ווו מ'האָט אים באַהאַנדלט און האָט שוין געזאָלט גיין אַ היים, האָט ער באַקומען דעם צווייטן אַטאַק און באַלד געשטאָרבן.

אין נאָוועמבער 1939 איז ר׳ אברהם ראַדזימינסקי אַנטלאָפן פון פּוילן אויף דער סאָוויעטישער זייט, דאָקעגן זיין פאַמיליע איז פאַרבליבן אין פּוילן.

ר׳ אברהם ראַדזימינסקי האָט זיך צוריקגעקערט קיין פּוילן אָנהויב 1940 און שפּעטער דאָרט אומגעקומען אויף קידוש השם דורך די נאַצישע מערדער און זייערע פּוילישע מיטהעלפער. דעם זעלבן גרויזאַמען גורל האָט אויך געטראָפן זיין פרוי רעגינאַ הי״ד.

יהי זכרם ברוך!

*

זיין טאָכטער הינדע און יינגסטער זון משה האָבן זיך אָפּגעראַטעוועט פון די נעגל פון דער נאַצישער בעסטיע און דורכגעלעבט די דאָזיקע גרוי־ליקע תקופה אויף אַרישע פּאַפּירן ווייט פון זייער היימישער סביבה.


הינדע מיט איר פאַמיליע געפינען זיך היינט אין אַמעריקע.

ר׳ שמחה בונם פרידמאַן הי״ד.

ר׳ שמחה פרידמאַן ז״ל איז געווען פון די אָנגעזעענע עלטסטע בעלי־בתים פון שטעטל — איבער 40 יאָר צייט.

ער איז אויך געווען אַמאָל באַקאַנט מיטן נאָמען שמחה׳לע קוואַשניק, צוליב דעם, וואָס ער פלעגט אין די ערשטע יאָרן, ביז נאָך דעם ערשטן וועלט־קריג, אָנפירן מיט אַ פאַבריק פון קאַלטע געטראַנקען, באַקאַנט אונטערן נאָמען „שמחה פרידמאַנס — קוואַס־פאַבריק״.

(צוליב זיין אַ ביסל נידעריקן וווּקס, פלעגט מען אים, אין די יינגסטע יאָרן רופן שמחה׳לע).



ר׳ שמחה פרידמן וחיה ברכה אשתו
ר׳ שמחה פרידמאַן און זיין פרוי חיה ברכה

ר׳ שמחה פרידמאַן ז״ל פלעגט זיין פראָדוקציע פונאַנדערשיקן איבער די אַרומיקע דערפער, און זיינע משקאות האָבן געהאַט אַ שם אין דער גאַנצער סביבה. אַז עס האָט זיך געמאַכט אַן „אָדפּוסט״ אין אַ דאָרף פלעגט ר׳ שמחה מאָביליזירן אַלע בעלי־עגלות פון שטעטל סיי יידישע און סיי

קריסטלעכע, כדי צו קאָנען איבערפירן אין דעם דאָרף די גאַנצע, אין משך פון וואָכן צוגעגרייטע, פּראָדוקציע פון משקאות.

איייניקע יאָר נאָך דעם ערשטן וועלט־קריג האָט ער אויפגעגעבן די קוואָס־פאַבריק, וואָס איז איבערגעגאַנגען אין רשות פון ר׳ אהרקע גאָלד־וואַסער, וועלכער האָט מיט דער דאָזיקער פאַבריק אָנגעפירט פיל יאָרן, ביז דער לעצטער צייט.

נאָכן אויפגעבן די פאַבריק האָט ר׳ שמחה פרידמאַן ז״ל באַקומען אַ קאָנצעסיע צו עפענען אַ געשעפט פון וויין־ און שטאַרקע משקאות, אַדאַנק דעם, וואָס דאָס איז געווען דאָס איינציקע געשעפט פון שטאַרקע געטראַנקען אין שטעטל, האָט דאָס געשעפט שטאַרק פּראָספּערירט.

ר׳ שמחה פרידמאַן ז״ל איז געווען אַ מענטש מיט אַ וואַרעם יידיש האַרץ און מיט אַן אָפענער האַנט. ווער עס האָט זיך גענויטיקט אין אַ גמי־לות־חסד, האָט געטראָפן ביי ר׳ שמחה פרידמאַן אַן אָפענע טיר.

מען פלעגט אים אָפט זען, מיטן טלית־זאַק אונטערן אָרעם, גיין אין בית־המדרש אַריין דאַווענען בהשכמה. זיין שיין געפלעגטע און זאָרגפעליק צוגעקעמטע זילבער־באָרד, און זיין שטענדיקער שמייכל, האָט אייך גע־קענט אַריינפירן אין אַ טעות וועגן זיין עלטער, און אים האַלטן פאַר אַ יונגנמאַנטשיק אין די מיטעלע יאָרן, ווען ווען דער האָר זענען, אויסנאַמסווייזע, פריצייטיק גרוי געוואָרן.

די לעצטע צוויי יאָר לעבן אין געטאָ־באַדינגונגען, אין אייביקער שרעק פאַר דעם מאָרגנדיקן טאָג, האָט אים שנעל צעבראָכן. ער איז אַרומגעגאַנ־גען ווי אַ שאָטן, זיינע בליקן האָט ער אָפטער געווענדעט צום הימל, אַרויס־געלאָזט אַ קרעכץ, באַגלייט מיט טרערן, גלייך ווי ער וואָלט געוואָלט פרעגן אַ קושיא דעם רבונו של עולם: „פאַר וואָס קומט אונדז אַזאַ שווערע שטראָף ? !״.

ווען עס איז אָנגעקומען דער גורלדיקער טאָג פון דער ליקווידאַציע פון דעם געטאָ אין טלושטש (בערך 10 — 12 טעג אין חודש סיון תש״ב — 1942) , האָבן די נאַציסטן באַנדיטן מיט זייערע מיטהעלפער אַרויסגעטריבן פון זייערע הייזער אַלע יידן פון שטעטל, אַלע אָן אויסנאַם: אַלט און יונג, פרויען און קינדער, און זיי געטריבן אויף איין זאַמל־פּונקט. ביי דער

דאַזיקער אַקציע זענען געפאַלן פיל שאָסן און גורם געווען נישט ווייניק קרבנות.

די איבעריקע לעבנגעבליבענע האָט מען פון דעם זאַמל־פונקט גע־טריבן צופוס אויף זאַמדיקע וועגן קיין ראַדזימין. די הינטערשטעליקע זענען דורך די נאַצישע הענקער אויפן אָרט דערשאָסן געוואָרן.

אויף אַזאַ טראַגישן אופן זענען אומגעקומען פיל בעלי־בתים פון שטעטל, איבערהויפּט אַלטע און שוואַכע, וועמען עס האָט שוין נישט געקלעקט קיין כוחות מיטצוהאַלטן דעם דאַזיקן לעצטן מאַרש. צווישן די אויפן וועג דערשאָסענע, האָט זיך אויך געפונען ר׳ שמחה פרידמאַן.

די דערשאָסענע יידן אויף די וועגן זענען באַלד צונויפגענומען געוואָרן אויף פויערישע וועגענער, וואָס זענען פון פריער צו דעם צוועק געוואָרן מאָביליזירט דורך די נאַצישע טויטן־טרופּעס, און זענען געוואָרן באַגראָבן אין איין ברודער־קבר אין שטעטל.

עטלעכע צענדליק פון די דאָזיקע קדושים זענען געוואָרן באַגראָבן אין גאָרטן, וואָס געהערט צו אַ פּאָלאַק, מיטן נאָמען קורצוואַלד און צווישן זיי אויך שמחה פרידמאַן הי״ד.

דער איינציקער פון די געפאַלענע קדושים, וועלכער האָט זוכה געווען צו קומען צו קבר־ישראל, איז געווען שמחה פרידמאַן הי״ד, אַדאַנק די גרויסע באַמיונגען פון זיין זון אלתר בן־ציון פרידמאַן. (ער האָט עמיגרירט אַ צייט פאַר דעם קריג קיין בראַזיל און לעצטנס זיך באַזעצט אין ישראל). ער האָט נישט גערוט ביז ער האָט באַקומען די דערלויבעניש דורך דער געהעריקער פוילישער אינסטאַנץ, אים צו עקסהומירן און קובר זיין אויפן גענשער בית־עלם אין וואַרשע.

די קבורה איז פאָרגעקומען דעם 11־טן נאָוועמבער 1947.

אין דער עקסהומאַציע פון דעם קערפּער פון דעם ברודער־קבר אין טלושטש האָט זיך באַטייליקט ר׳ שמחה פרידמאַנס אייניקל דוד (דוד׳ל) זאַוולאַדאָווער, וועלכער האָט געדאַרפט אידענטיפיצירן דעם טויטן קערפּער פון זיידן שמחה בונים פרידמאַן ז״ל, הי״ד.

יהי זכרו ברוך!

Starostwo Powiatowe Radzymińskie
Lekarz Powiatowy
L.Z - 15/47.

Radzymin, dn. 11 listopada 1947

Z E Z W O L E N I E

na przewiezienie zwłok.

Na podstawie ustawy z dnia 17 marca 1932 r. o chowaniu zmarłych i stwierdzeniu przyczyny zgonu /Dz.U.R.P.Nr.35 poz.359/ zezwala się Ob Zawłodawerowi Dawidowi zam. w Wrocławiu ul.Traugutta Nr.99 na przeniesienie zwłok.- B.p. F R Y D M A N A Synchy lat 67.

samochodem z Tłuszcza do Warszawy, gdzie bez otwierania i naruszenia pieczęci winny być pochowane na cmentarzu wyzn. mojżeszowego w Warszawie .

Zwłoki dozoruje Zawłodawer Dawid, który za okazaniem niniejszego zezwolenia Władze Bezpieczeństwa winny użyczyć pomocy urzędowej.-

Opłatę administracyjną zł.100/sto/ i opłatę za przewóz zwłok zł.80.- pobrano.-

Za Starostę
/ Dr.Wł.Zasławski/
Lekarz Powiatowy.

Stwierdzam, że zwłoki zostały opakowane zgodnie z niniejszym zezwoleniem

/J. Midecki/
Powiatowy Kontroler Sanitarny.

Pochowanie zwłok odbyło się na cmentarzu .wyzn.mojżeszowego.
w Warszawie.w obecności przedstawiciela ....

ZARZĄD
Żydowskiej Kongregacji Wyznaniowej
w WARSZAWIE
ul. Targowa 64. m. 20

Telefon: __________

שלטון הקהלה הקדושה
בורשה-פרגה
רחוב טרגובה 64 מ' 20

טלפון נר. ______

L.1307/W

Warszawa, dn. 11 listopada 1947

Do
Ob. Ziemka
w/m

ZEZWOLENIE

Niniejszym zezwala sie na pochowanie zwłok bł.p. Frydmana Symchy na cmentarzu przy ul.Okopowej .

Sekretarz
Heller
/Heller E./

Prezes
/Degenszajn Paweł./

✡

ר׳ יצחק מאיר לערנער ז״ל

(איטשע מאיר שוחט)

דער ערשטער שוחט אין שטעטל טלושטש איז געווען ר׳ יצחק מאיר לערנער ז״ל. ער איז געווען דער איידעם פון דעם טאָמאַשאָווער שטעטישן שוחט, ביי וועמען ער האָט געלערנט דאָס שחיטה־פאַך.

ר׳ איטשע מאיר איז געווען אַ גרויסער למדן, אַ געוואַלטיקער בקיא אין ש״ס און פוסקים. ער האָט באַזיצט אַ פענאָמענאַלן זכרון און געקענט ציטירן בעל־פה, וואָרט ביי וואָרט, גאַנצע שטעלן פון ש״ס בבלי און ירושלמי. ווען מען האָט אים אָנגערופן אַ מאמר חז״ל, האָט ער אויפן אָרט געזאָגט אין וועלכער מסכתא, פרק און זייט עס געפינט זיך דער דאָזיקער מאַמר חז״ל. ממש אַ לעבעדיקע תלמודישע ענציקלאָפּעדיע. זיין גרויסע בקיאות אין דער פאַרצווייגטער רבנישער ליטעראַטור האָט אַרויסגערופן גרויס באַוווּנדערונג ביי באַרימטע לומדים אין פוילן.

ר׳ יצחק מאיר לערנער האָט געהערט צו די חשובע גערער חסידים. ביים אויפנעמען דעם ערשטן שוחט אין שטעטל, איז זיין קאַנדידאַטור געוואָרן געשטיצט דורך די גערער חסידים, און לויט שמועות אויך דורך דעם גערער הויף, מ׳האָט אים גערופן אין שטעטל „דער אָפּענער מוח״. נאָר זיין שוחטות־קאַריערע אין שטעטל האָט נישט אויסגעהאַלטן לאַנגע יאָרן. זיין זע־קראַפט איז אָפּגעשוואַכט געוואָרן און דעריבער האָט ער געמוזט רעזיגנירן פון זיין שטעלע.

נאָך אים איז געוואָרן אויפגענומען אין שטעטל אַלס שוחט ר׳ יצחק אלי פעלנער ז״ל, אַ זון פון דעם לאָמזשער שוחט, ר׳ יוסף פעלנער ז״ל (חבר פון ספר „אגלי־טל״ — אויף דרוש און חידושים אין ש״ס). אין קעגנזאַץ צו זיין פאַרגענגער, האָט ער געשטאַמט פון אַ מתנגדישער שטוב; און אויפן געביט פון לומדות און בקיאות, איז געווען אַ גרויסער דיסטאַנץ צווישן זיי ביידע.

ר׳ יצחק אלי פעלנער ז״ל איז געווען דער איינציקער ייד אין שטעטל, וועלכער האָט געדאַוונט אין אַ טלית מיט תכלת, ווי עס איז געווען אָנגענומען ביי די ראַדזינער חסידים, הגם ער איז ווי שוין דערמאַנט, געווען אַ מתנגד. נאָכן פאַרלירן זיין שוחטים־שטעלע פלעגט זיך ר׳ איטשע מאיר ז״ל פאַרנעמען צוביסלעך מיט מסחר. ער פלעגט פירן, ביי זיך אין שטוב, אַ האַנדל מיט מאַנופאַקטור (שניט־סחורה). דערמיט פלעגן זיך ס׳רוב פאַרנעמען זיין פרוי און קינדער. ער פלעגט זיך אויך פאַרנעמען מיט קאָלעקטאַריי, ד. ה. מיט פאַרקויפן לאָטעריע־צעטלען צווישן די טלושטשער איינוואוינער.

ר׳ יצחק מאיר האָט געהאַט איין טאָכטער (ביילע) און 4 זין. זיין טאָכטער ביילע האָט חתונה געהאַט מיט הערש דוד מיינאַמער פון יאַדאָוו, אַ יונגערמאַן, אַ שיינער בן תורה, וועלכער האָט געפירט אַ האַנדל מיט מאַנופאַקטור. ער, צוזאַמען מיט זיין פאַמיליע: פרוי, 2 זין און 2 טעכטער זענען אומגעקומען מיט אַ גרויזאַמען טויט ערב יום־כיפור 1942 — בעת דער ליקווידאַציע פון געטאָ אין יאַדאָוו. פון זיין פאַמיליע איז געבליבן לעבן בלויז זייער לעצטער זון משה און זייער טאָכטער אסתר־ליבע, וועלכע זענען באַצייטנס אַוועק אויף דער סאָוויעטישער זייט און געפינען זיך היינט אין ישראל.

פון זיינע 4 זין איז דער עלטסטער, ברוך־משה, געווען שוין אַן „אויפ־געקלערטער", אַ מיטגליד אין פּראָפעסיאָנעלן פאַראיין אין וואַרשע. אַ צייט פאַר דעם קריג איז ער פאַרשוווּנדן און ביז היינט איז נישט באַ־וווּסט וועגן זיין גורל. זיין צווייטער זון, אפרים, איז געווען אַ רעליגיעזער יונגערמאַן, געפירט אַ סאָליד שטיל פאַמיליע־לעבן און זיך דערנערט פון קליינהאַנדל, אַלס צושטעלער פון טאַבאַק־אויסאַרבעטונגען אין די יידישע געשעפטן אין שטעטל. דער דריטער זון, חיים לערנער, איז געווען אַ טעַ־טיקער ציוניסט אין שטעטל, האָט חתונה געהאַט מיט דער „שיינער יענטע" (דער טאָכטער פון דעם טלושטשער חזן, שמואל יאַנקל בערגמאַן ז״ל) און געפירט דאָרט אַ קיאָסק און שפּייז־קראָם. פון זיין פאַמיליע האָט זיך אָפּגעַ־ראַטעוועט איין זון לייבל (לעאָן) לערנער, וועלכער געפינט זיך אין ירושלים. דער פערטער און יינגסטער זון, מרדכי לערנער, האָט חתונה געהאַט מיט

אַ טאָכטער פון שמחה פרידמאַן ז״ל (חנה) און געפירט לאַנגע יאָרן אַ רעסטאָראַן. איינציקע יאָר פאַר דעם לעצטן וועלט־קריג האָט ער ליקווי־דירט זיין געשעפט און צוזאַמען מיט זיין פאַמיליע אָפּגעפאָרן קיין ישראל — דערנאָך צוריקגעקומען אין שטעטל און דאָרט ווידער געעפנט זיין רעסטאָראַן און שפּעטער אומגעקומען מיט זיין פאַמיליע דורך די נאַצי־מערדער.

יהי זכר כולם ברוך!

✶

ר׳ לייבל וואָלאָך ז״ל

ר׳ לייבל וואָלאָך האָט געשטאַמט פון דעליוּע, לעבן ווענגראָוו, און נאָך זיין חתונה זיך באַזעצט אין טלושטש. ער איז געווען אַ ייד, אַ בן־תורה, געלערנט אין דער יוגנט אין פוילישע און ליטווישע ישיבות און זיך אויסגעצייכנט מיט אַ מגידישן טאַלאַנט. ער פלעגט פון צייט צו צייט זיין אַ דורש אין בית־המדרש פון טלושטש בעניני אגדה אָדער פרשת השבוע. דער אופן פון זיינע דרשות איז געווען אַ פאָלקסטימלעכער, באַ־נוצנדיק זיך מיט משלים פון קעלמער און דובנער מגידים, וועלכע האָבן שטאַרק אויסגענומען ביי די צוהערער פון „עמך״ — די איבערוויגנדע מערהייט פון די מתפללים אין בית המדרש.

ר׳ לייבל וואָלאָך האָט לאַנגע יאָרן אָנגעפירט אין טלושטש מיט אַ בעקעריי און אַ געווּעלב, ווו ער האָט פאַרקויפט זיין פּראָדוקציע. ער האָט אַלע יאָרן שווער געהאָרעוועט, כדי מפרנס צו זיין די משפחה, וועלכע איז באַשטאַנען פון זיין פרוי, 3 זין: יוסף, אלתר און מרדכי, און 6 טעכטער: חייטשע, גאָלדע, מירל, שיינדל, רייזל און ברכה.

איינציקע יאָר, פאַר און נאָך דעם ערשטן וועלט־קריג, האָט ר׳ לייבל וואָלאָך ז״ל, אַלס צוגאָב צו זיין בעקעריי, אויך אָנגעפירט מיט אַ „חדר״,

ווּ עס האָבן געלערנט צוויי כיתות תלמידים: איינע פאַר ייִנגערע תלמי־דים — חומש און רש״י, און אַ צווייטע — פאַר שוין אַ ביסל עלטערע תלמידים — גמרא ייִנגלעך.

ר׳ לייבל וואַלאַך האָט פאַרמאָגט אַ פּעדאַגאָגישן כשרון און דעם כח מסביר צו זיין פאַר זיינע יונגע גמרא־תלמידים די שווערסטע סוגיות. ער איז אָבער געווען אַ ייִד אַ קפּדן מיט אַ שטאַרק אימפּולסיווע נאַטור. זיינע תלמידים האָבן געציטערט אימת־מוות פאַר זיינס אַ שלעכטן בליק. ווען עס איז געקומען די צייט פון גיין אַ היים, נאָכן ענדיקן דעם לערן־טאָג, האָבן זיך זיינע תלמידים געפילט ווי באַפרייטע פייגל. ער איז אויך געווען אַ ייִד אַ מנגן און ער האָט ליב געהאַט צו זיין אַ יורד לפני התיבה, ד. ה. דאַווענען פאַרן עמוד, אָדער פשוטער: „ליב געהאַט דאָס ברעטל״. ער האָט געהאַט אַ שטאַרקע און לירישע שטימע, און גאַנץ אָפט אַרויסגערופן טרערן ביי זיינע מיטדאַווענער.

איך דערמאָן זיך אין איינעם פון די לעצטע שבתים אין אונדזער שטעטל טלושטש, פאַר דעם אויסברוך פון דעם לעצטן וועלט־קריג. עס האָט זיך שוין דאַן געלאָזט מערקן אַ שטימונג פון ערב־מלחמה. דאָס בית־המדרש אין שטעטל איז געווען פול מיט מתפללים. דער טרויער איז געלעגן ביי יעדן איינעם אויף זיין פּנים, וואָס האָט אויסגעדריקט פּחד פאַר די אָנקו־מענדיקע טעג. ביים מוסף זאָגט ער מיט אַ טרויעריקן ניגון „אב הרחמים שוכן במרומים...״ און ווען ער דערמאָנט ווייטער די ווערטער „קהילות הקודש שמסרו נפשם על קדוש השם״ שטיקן אים שוין די טרערן. קומענדיק צום פּסוק „ונקיתי דמם לא נקיתי...״ קען ער זיך שוין נישט באַהערשן און ברעכט אויס אין אַ שטאַרק געוויין, ווי ער וואָלט דערפילט אינסטינק־טיוו, אַז עס דערנענטערט זיך דער גרויסער חורבן פאַר דעם ייִדישן קיבוץ אין פּוילן. עס איז אַנטשטאַנען אַ יום־כפור שטימונג אין בית־המדרש, און פון אַלע זייטן האָט זיך געהערט אַ געוויין.

אין יענע צייטן, ווען ר׳ לייבל וואַלאַך ז״ל פלעגט נאָך אָנפירן מיטן חדר, פלעגט ער אָפט באַקומען שטאַרקע בלוטונגען פון דער נאָז. נאָכדעם ווי די דאָקטוירים האָבן נישט געהאָלפן, איז ער געפאָרן צו זיין רבין (דאָכט

זיך צום אַלעקסאַנדערן רבין). דער רבי האָט אים געגעבן אַ סגולה, וואָס האָט מאָמענטאַל געווירקט צו פאַרהאַלטן די בלוטונג.

דער טראַגישער גורל האָט אויך זיין פאַמיליע נישט אויסגעמיטן. צווישן די לעבנגעבליבענע פון זיין גאַנצער משפחה געפינט זיך זיין



משפחת וולך שנספתה הי״ד
די אומגעקומענע משפחה וואלאך הי״ד

איינציקער זון, אלתר וואַלאַך, וועלכער האָט נאָך אַ צייט פאַר דעם קריגס־אויסברוך עולה געווען קיין ארץ־ישראל, נאָכדעם ווי ער האָט דורכגעמאַכט אַ חלוצישע הכשרה. די איבעריקע משפחה־מיטגלידער זענען אַלע אומגע־

קומען על קדוש השם, בעת דער ליקווידאַציע פון טלושטשער געטאָ, ענדע מאַי 1942.

הי״ד. ויהי זכרם ברוך!

*

ר׳ שלמה זאַלצמאַן ז״ל

ר׳ שלמה זאַלצמאַן ז״ל איז געווען באַקאַנט אין שטעטל טלושטש אונטערן נאָמען ר׳ שלמה גלעזער. לאַנגע יאָרן איז ער געווען דער איינציקער גלעזער אין טלושטש און אין דער סביבה. ער איז געווען דער עלטסטער זון פון ר׳ מענדל פאַרבער ז״ל — פון די ערשטע יידישע מתיישבים פונעם שטעטל. אויסערלעך איז ר׳ שלמה זאַלצמאַן געווען אַ ייד אַ בעל-צורה: הויך, ברייט-ביייניק, מיט אַ געדיכטער פּאַטריאַרכאַלישער באָרד, וואָס האָט טיף באַדעקט כמעט זיין גאַנץ געזיכט, נאָר זיין גאַנג איז געווען אַ ביסל אַ וואַקלדיקער, צוליב זיינע „פּלאַטפיס״. צוליב דעם איז ער נאָך ביי דער צאַרישער מאַכט געוואָרן באַפרייט פון מיליטער-דינסט.

נאָך מיט אַ סך יאָרן פאַר דעם צווייטן וועלט-קריג האָט ר׳ שלמה זאַלצמאַן אויפגעגעבן זיין „גלעזער-פאַך״ און געוואָרן אַ תבואה-סוחר, ווי אויך אַ סעדער-הענדלער.

ר׳ שלמה זאַלצמאַן איז געווען אַ ייד אַ „פּאָליטיקער״. ער האָט געלייענט די גאַנצע יידישע נאַציאָנאַל-ציוניסטישע פּרעסע, און באַזונדערס הנאה געהאַט פון איטשעלעס (ב. יאושזאָנס) בריוועלעך אין „מאָמענט״.

ר׳ שלמה זאַלצמאַן איז אויך געווען אַ ייד אַ משכיל, פלעגט נאָכזוכן די העברעישע צייטשריפטן און צווישן אַנדערן אויך לייענען די „הצפירה״ א.א. העברעישע צייטונגען. ער איז אַלע זיינע יאָרן געווען אַ סימפּאַטיקער פון רעליגיעזן ציוניזם און אין דעם גייסט זענען געוואָרן דערצויגן זיינע אַלע זין און טעכטער.

זיין עלטסטער זון לייבל איז געווען שטאַרק אַקטיוו אין דער ציוניס־טישער אָרגאַניזאַציע ביי אונדז אין שטעטל און זיין חלום איז געווען עולה צו זיין קיין ארץ־ישראל.

ר׳ שלמה זאַלצמאַן האָט געוווינט אין שכנות מיט דעם טלושטשער רב הרב בריקמאַן ז״ל, ביי וועמען ער איז געווען אַ בן־בית. הרב בריק־מאַן ז״ל פלעגט שטאַרק ליב האָבן צו שמועסן מיט ר׳ שלמהן אויף פּאָלי־טישע און געזעלשאַפטלעכע טעמעס.

פון זיינע קינדער איז געבליבן לעבן בלויז איין טאָכטער — טובה, וועלכע האָט אייניקע יאָרן פאַרן אויסברוך פון צווייטן וועלט־קריג עולה געווען קיין ארץ־ישראל, צוזאַמען מיט יונה ראַדזימינסקי, דעם זון פון מאיר טילער ז״ל און מיט אים חתונה געהאַט. שפּעטער איז ביי זיי געבוירן געוואָרן אַ זון.

בעת דעם יידיש־אַראַבישן קריג, אין יאָר 1948, איז יונה ראַדזימינסקי געווען אַ חבר אין דער „הגנה" און ווי באַקאַנט געפאַלן פון אַ פיינטלעכער קויל. הוא מת מות גבורים בנפלו חלל על מזבח שחרור העם והמולדת. כבוד לשמו ולזכרו.

שלמה זאַלצמאַן, צוזאַמען מיט זיין פרוי און איבעריקע קינדער, זענען דערמאָרדעט געוואָרן דורך די נאַצי־מערדער.

יהי זכרם ברוך!

★

ר׳ אלתר שוואַרצבערג ז״ל (אלתר בעדער)

ר׳ אלתר שוואַרצבערג איז געווען באַקאַנט אין שטעטל מיטן נאָמען אלתר בעדער. מען האָט געקענט טרעפן אַ סך אַלטע איינוווינער פון שטעטל, וועלכע האָבן נישט געוווסט אפילו זיין ריכטיקן פאַמיליע־נאָמען. בלויז געציילטע מענטשן פון שטעטל האָבן געוווסט זיין ריכטיקן נאָמען —

צווישן זיי: דער רב און דער שמש, דער ראש הקהל און להבדיל — דער גוישער בריוו־טרעגער.

אויב איך געדענק נאָך היינט זיין פאַמיליע־נאָמען איז עס דערפאַר, ווייל מיין פאָטער ר׳ מענדל פערל ז״ל איז געווען לאַנגע יאָרן ראש־הקהל אין טלושטש, און אויך אין זכות פון דעם וואָס איך בין געווען אַ תלמיד ביים רב פון שטעטל.

אַז עס האָט זיך וועגן פון דער פרעמד געפרעגט ביי איינעם פון שטעטל אויף אלתר שוואַרצבערג, האָט יענער אַרויסגעשטעלט אויף אים אַ פּאָר שטוינענדיקע אויגן און געהויבן מיט די פּלייצעס, גלייך ווי מען וואָלט דערמיט געוואָלט זאָגן, אַז אַ יידישער תושב מיט אַזאַ פאַמיליע־נאָמען געפינט זיך דאָ בכלל נישט. נאָר ערשט דאַן ווען דער פרעגער האָט שפּעטער צוגעגעבן, אַז ער איז דער בעדער פון שטאָט, האָט דער געפרעגטער אויסגערופן: אָט, אַזוי זאָגט, „אלתר בעדער״.

ר׳ אלתר בעדער איז געווען אַ דאַר יידל, קליין געוויקסיק און מיט אַ שיטער „קאָזע־בערדל״. ער איז געווען אַליידנשאַפטלעכער רויכערער און פלעגט זיינע ציגאַרעטן אַליין פאַבריצירן, און שטענדיק געטראָגן אין טאַש אַ זעקעלע מיט רויכער־טאַבאַק און אַ „בריוועלע״ ביבאַלע־פּאַפּיר. עס איז געווען ממש אַן אַקראָבאַטיש שטיקל אַרבעט, ווי אַזוי ער האָט אויסגענוצט ביזן סוף זיין טאַבאַק און צינד־העלצלעך. נאָר פון דער דאָזיקער עקאָנאָמיע האָט ער קיין גרויס עשירות נישט געמאַכט, און אַלע יאָרן געווען אַן אָרעמאַן אין זיבן פאַלעס.

אַ חוץ בעדעריי פלעגט אלתר אויך פירן ביי זיך אין שטוב אַ מלמדות פון דרדקי יינגלעך. זיין דירה איז באַשטאַנען פון בלויז איין איינציקן, נישט קיין גרויסן צימער, מיט אַ פּיצל שמאָל קיך־צימערל, וואָס איז למעשה געווען אַ שמאָלער און קליינער קאָרידאָרטשיק, פון ווו עס איז אויך געווען אַן אַריינגאַנג אין דער באָד אַריין. דאָ האָט זיך אויך געפונען דער באָק־אויוון, ווו מ׳פלעגט לאַנגע יאָרן באַקן מצות אויף פסח פאַר מהדרין מן המהדרין.

אין די יאָרן פון פאַר, און נאָך דעם ערשטן וועלט־קריג, האָבן אַלע יידן אין שטעטל געהערט צו דער קאַטעגאָריע מהדרין און יעדער האָט

געבאַקן מצות ביי אלתר בעדער. דער מצות־סעזאָן פלעגט זיך אָנהויבן תיכף נאָך פורים. מ׳האָט געמוזט מיט אַ וואָך פריער באַשטעלן ביי אים אַ ריי.

מיט יאָרן שפּעטער, ווען כ׳בין שוין געווען אַ בחור נאָך בר־מצוה, און כ׳האָב שוין דאַן געלערנט אַ שיעור ביים טלושטשער מרא־דאתרא, הרב ר׳ יוסף בריקמאַן ז״ל, פלעגט מיך דער רב אָפט מיטנעמען, בעת זיינע באַזוכן אין ר׳ אלתרס מצה־בעקעריי, פלעג איך נאָך דאַן האָבן, ווי אין די קינדער־יאָרן, אַ שוואַכקייט צו העלפן מצה־רעדלען.

אַ חוץ די אויבנדערמאָנטע מלאכות, האָט ר׳ אלתר בעדער געהאַט נאָך אַ פאַך — „אַ געהיים פאַך״. אַ חוץ זיינע פאַמיליע־מיטגלידער, בין איך אפשר געווען דער וועלכער האָט געוווּסט פון דער דאָזיקער געהיימער מלאכה. דאָס איז געווען אין די ערשטע יאָרן נאָך דעם ערשטן וועלט־קריג. דער רב האָט געדאַרפט גיין אין באָד, כדי אונטערזוכן די מקווה טהרה. ער האָט מיך מיטגענומען אויף זיין באַזוך. (איך בין נאָך דעמאָלט געווען זיין תלמיד). קומענדיק אין באָד אַריין האָבן מיר דאָרט קיינעם נישט געטראָפן, נישט דעם בעדער און נישט זיין ווייב, די בעדערקע, באַקאַנט אויך מיטן נאָמען זלאָטע די בעדערקע.

אין דעם פעדערהייזל פון זיין הייזקע איז געשטאַנען אַ לייטער, וואָס האָט געפירט ארויף צום בוידעם. דער רב ז״ל הייסט מיר אַרויפגיין אויפן לייטער זוכן דעם בעדער. געהערט און געטון. אויף דעם בוידעם טרעף איך אונדזער ר׳ אלתרן, זיצנדיק איינגעבויגן ביי אַ ברענענדיקן קליינעם אויוון פון רויטע ציגל, און פון אַ קליינעם קראַן, דין ווי אַ שטרוי, האָבן געקאַפּעט טראָפּנס אין אַ גלעזערנעם סלאַי, פון וועלכן ס׳האָט זיך געפילט אַ ריח פון... בראָנפן.

ר׳ אלתר, ביי דער עפענונג פון בוידעם, האָט זיך אַנטשולדיקט פאַרן רב, דערקלערנדיק אַז ער טאָר איצט נישט, אפילו אויף איין רגע, פאַרלאָזן דעם בוידעם...

דאַן האָט זיך דער רב, בכבודו ובעצמו, מטריח געווען און אַרויף אויף דעם בוידעם, און אויסגעהערט ווי פון איינפּאַכן קאָרן ווערט געצאַפּט

ריינער און דיסטילירטער ספירט... און דערביי פאַר אונדז אָנגעגאָסן, צום פאַרזוכן, קליינע גלעזלעך מיט דער דאָזיקער וואַרעמער משקה, אמתע 96% ספירט. ער האָט אַלע זיינע יאָרן געלעבט אין דחקות, אָבער קיינמאָל נישט פאַרלוירן זיין הומאָר.

ר׳ אלתר האָט אויך דורכגעמאַכט מיליטער־דינסט ביים רוסישן צאַר. בעת דעם ערשטן וועלט־קריג איז ער געווען מאָביליזירט אלס רעזערוויסט און אָנטיילגענומען אין שלאַכטן אויף פאַרשידענע פראָנטן מיט געווער אין דער האַנט. איך געדענק אים פון יענער צייט, ווען ער איז איינמאָל געקומען שבת אין שול אַריין אין זיינע סאָלדאַטסקע מלבושים, מיט דער ביקס אויף זיין אַרעם. ער האָט די ביקס אַוועקגעשטעלט אין פאָליש און דאָרט זיך געשטעלט דאַווענען. ער האָט דאַן דערציילט, אַז ער קומט נאָר וואָס אַן פון זיין פולק, פון וואַנען ער האָט באַקומען אַן „אורלאָפּ״ בלויז אויף אַטאָג־צוויי. עס האָבן זיך אַרום אים גרופּירט נייגעריקע, און אויך איך בתוכם. ר׳ אלתר האָט אונדז דערציילט „סודות פון חדר״, פאַרשידענע מעשהלעך פון די פראָנטן, אין וועלכע ער האָט זיך באַטייליקט. אַליין האָט ער קיינמאָל נישט געשאָסן אויף מענטשן, סיידן אַ שאָס אין די וואָלקנס אַריין... מורא האָבנדיק חלילה נישט טרעפן אַן אייגענעם ברודער — אַ יידישן סאָלדאַט פון דעם קעגנערישן צד.

אלתר שוואַרצבערג האָט געהאַט איין זון און צוויי טעכטער. זיין זון סענדער האָט חתונה געהאַט מיט אַ שוועסער פון אלעזר (לאַזער) גראָסמאַן. אויך זיינע צוויי טעכטער האָבן חתונה געהאַט אייניקע יאָר פאַר דעם קריגס־אויסברוך און זיי אַלע זענען אומגעקומען מיט אַ מאַרטירער־טויט דורך די נאַציס.

כבוד לשמם ולזכרם!

✡

די ראַדזימינסקים פון טלושטש

דער פאַמיליע־נאָמען ראַדזימינסקי איז געווען שטאַרק פּאָפּולער אין ראַדזימינער פּאָוויאַט. עס האָבן זיך געפונען אין ראַדזימינער קרייז צענד־ליקער פון די עלטסטע און פאַרצווייגטסטע מיט דעם דאָזיקן נאָמען משפחות. בלויז אין שטעטל טלושטש אַליין האָבן געוווינט מער ווי אַ צענדליק משפחות מיט דעם דאָזיקן פאַמיליע־נאָמען:

ר׳ מאיר ראַדזימינסקי ז״ל, באַקאַנט מיטן נאָמען מאיר טילער, אויפן נאָמען פון דאָרף טילע, פון וואַנען ער איז געקומען קיין טלושטש. אין טלושטש האָט ער געפירט אַ האַנדל מיט תבואה און אויך געהאַט אַ שפּייז־קראָם. זיין יינגסטער זון יונה ראַדזימינסקי האָט אַ צייט לאַנג פאַר דעם קריג עולה געווען קיין ארץ־ישראל, דורכמאַכנדיק פריער אַ הכשרה אין אַ חלוצישן קבוץ. ער האָט חתונה געהאַט מיט טובה זאַלצ־מאַן, די טאָכטער פון שלמה זאַלצמאַן ז״ל (באַקאַנט מיטן נאָמען שלמה גלעזער) וועלכע האָט אויך אין דער זעלבער צייט עולה געווען קיין ישראל.

יונה ראַדזימינסקי האָט אין ישראל זיך אָנגעשלאָסן אין דער „הגנה" און ווען עס איז אין יאָר 1947 אויסגעבראָכן די אַראַביש־יידישע מלחמה (מלחמת העצמאות) איז ער געוואָרן מאָביליזירט דורך דער „הגנה" און באַלד אין די ערשטע טעג פון קאַמף, שטייענדיק ביינאַכט אויף שמירה, געפאַלן פון אַ פיינטלעכער קויל.

די יינגסטע טאָכטער פון מאיר טילער ז״ל האָט חתונה געהאַט מיט גוטמאַן פּאַפּאָווסקין, דעם זון פון מנשה פּאַפּאָווסקי ז״ל, ער האָט געהערט צו די אַקטיווע חברים פון דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע אין טלושטש.

ר׳ מאיר ראַדזימינסקי איז געשטאָרבן נאָך פאַר דער ליקווידאַציע פון דעם געטאָ אין טלושטש און איז געקומען צו קבר־ישראל אויפן ראַדזימי־נער בית־הקברות, לויט אַ ספּעציעלער דערלויבעניש פון דער דייטשער מאַכט. אויך ר׳ אברהם מאיר זילבערבערג איז געשטאָרבן פאַר דער ליק־

ווידאַציע פון דעם געטאָ און איז געקומען צו קבורה אויפן ראַדזימינער בית־עולם. די לעבעדיקע טלושטשער יידן בעתן חורבן האָבן זיי דאַן מקנא געווען, זאָגנדיק אַז זיי האָבן געהאַט אַ זכיה צו קומען צו קבר־ישראל.

(לויט אַ גביית־עדות פון מרים־גיטל ראַדזימינסקי, די טאָכטער פון פיניע ראַדזימינסקי, זי איז געווען אין טלושטשער געטאָ בעת דער ליקווידאַציע, און עס איז איר געלונגען צו אַנטלויפן פון דאָרט, שפּעטער דורכגעלעבט אויף אַרישע פּאַפּירן, ביז דער באַפרייונג. היינט געפינט זי זיך אין אַמעריקע).

ר׳ פיניע ראַדזימינסקי הי״ד האָט געהאַט איין זון און פינף טעכטער און געווען אַ ייד פון עמך — זיין שטרעבן איז געווען חתונה צו מאַכן זיינע טעכטער פאַר יונגעלייט בני־תורה. זיין עלטסטע טאָכטער דינה האָט חתונה געהאַט מיט משה אַבקאָוויץ, אַ יונגערמאַן אַ בן־תורה פון אַ בכבודיקער משפחה פון לאַכאָוו, נעבן טלושטש. אין טלושטש האָט זיך משה אַבקאָוויץ פאַרנומען מיט תבואה־האַנדל און דערפון דערנערט בכבוד זיין משפחה. ווען ער האָט דערפילט, אַז עס דערנענטערט זיך די קאַ־טאַסטראָפע, האָט ער קודם־כל געזאָרגט וועגן ראַטעווען דאָס לעבן פון זיין פרוי און זייער קינד, די צוויי־יעריקע טאָכטער נחמה (האַלינקע). וועגן זיך אַליין האָט ער ווייניקער געטראַכט. ער האָט פּשוט נישט געזען קיין האָפענונג, ער זאָל זיך קענען ראַטעווען פון דעם נאַצישן מלאך־המוות, וועלכער האָט שוין אָנגעהויבן צו פאַרשפּרייטן זיינע פליגלען איבער די יידישע ישובים.

משה אבקאָוויץ ז״ל האָט דאַן פאַרשאַפט פאַר זיין פרוי דינה און זייער טעכטערל אַרישע דאָקומענטן און זיי אָוועקגעשיקט ווייט פון זייער היים.

פילליידן האָבן דורכגעמאַכט דינה מיט איר טאָכטער ביז זיי האָבן דערלעבט די באַפרייונג פון די נאַצישע מערדער. (היינט געפינט זיך דינה מיט איר טאָכטער אין ישראל).

ר׳ פיניע ראַדזימינסקי איז אומגעקומען אין טאָג פון דער ליקווי־דאַציע פון דעם טלושטשער געטאָ, פון אַ קויל בעת מ׳האָט די טלושטשער יידן געטריבן קיין ראַדזימין. הי״ד.

ר׳ אהרון יאַנקל ראַדזימינסקי ז״ל, דער זון פון ר׳ הערש מרדכי ראַדזימינסקי ז״ל, באַקאַנטער סוחר פון וואָלאַמין. זיין פרוי מלכה־גיטל האָט געשטאַמט פון עסטערדין פון דער באַקאַנטער משפחה זרענטשני. ר׳ אהרון־יאַנקל האָט געוווינט לאַנגע יאָרן אין טלושטש, ווו ער האָט געפירט אַ בעקעריי און אַ שפייז־געשעפט. ער האָט געהערט צו די אָנגעזעענסטע דאָרטיקע בעלי־בתים. זיין עלטסטע טאָכטער חוה (גערופן די שיינע חוה) האָט חתונה געהאַט מיט אַ יונגנמאַן פון יאַדאָוו — יאַנקל שידלאָווסקי, וועלכער איז געווען אַ לאַנגע צייט לייטער פון דער דאָרטיקער יידישער קאָאָפּעראַטיווער באַנק און געהערט צו די טעטיקסטע געזעל־שאַפטלעכע עסקנים פון יאַדאָוו.

אייניקע יאָר פאַר דעם קריגס־אויסברוך האָט זיך יאַנקל שידלאָווסקי איבערגעצויגן קיין וואַרשע, ווו ער האָט געהאַט אַ קראָם פון לעדער און שוסטער־צודאַטן און דערפון געפירט אַ בכבודיקע און באַשיידענע שטוב.

זיין יינגסטער זון יאָסל ראַדזימינסקי האָט חתונה געהאַט מיט אַ טאָכ־טער פון דעם באַקאַנטן סוחר און מילנער ר׳ איציל סאַיקע פון אַסטראָ־לענקאָ. ער האָט אויך געוווינט אין וואַרשע און דאָרט אָנגעפירט מיט אַן אייגענער פאַבריקאַציע פון אייזן־אויסאַרבעטונגען אין אַ קלענערן מאַס־שטאַב.

ר׳ אהרון־יאַנקל ראַדזימינסקי האָט אין יאָר 1933 דורכגעלעבט אַ שווערן עקאָנאָמישן קריזיס, וועלכער האָט אים געצוווּנגען צו ליקווי־דירן זיינע ביזנעס אין טלושטש. ער פאַרקויפט דאַן זיין הויז און געשעפט און ציט זיך איבער מיט זיין פאַמיליע קיין שטשוטשין. דאָרט נעמט ער איבער אַ מיל, צוזאַמען מיט אַ שותף. ליידער האָט אים דאָרט דאָס מזל נישט באַגליקט און ער האָט געפירט אַ שווערן גראַנגל פאַר זיין עקזיסטענץ.

פון זיינע פאַמיליע־מיטגלידער האָט זיך אָפּגעראַטעוועט זייער עלטס־

טער זון יהודה (לייבל). ער האָט אייניקע יאָר פאַר דעם קריג עולה געווען קיין ישראל און דאָרט אויפגעבויט זיין פאַמיליע־היים.

ר׳ **לייביש ראַדזימינסקי** ז״ל האָט געהערט צו די ערשטע און עלטסטע בעלי־בתים פון שטעטל. געווען אַ חסיד פון דעם לעצטן ראַדזי־מינער רבין. אין טלושטש האָט ער אָנגעפירט מיט אַ געשעפט פון אייזן און קיך־געשיר.

ער האָט געהאַט 3 זין און צוויי טעכטער. זיין עלטסטע טאָכטער האָט חתונה געהאַט מיט ר׳ מאיר טאוב ז״ל אַ לאָדזשער יונגערמאַן אַ תלמיד פון דעם ראַדזימינער רבין. ער האָט שפּעטער פאַרנומען אַן אָנגעזעענעם פּלאַץ אין דעם יידישן געזעלשאַפטלעכן לעבן אין טלושטש.

נאָך דעם טויט פון זיין שווער, בערך אין יאָר 1916/17, נעמט מאיר טאוב איבער דאָס אייזן־געשעפט פון זיין שווער און ווערט דער ראש פון פאַריתומטער פאַמיליע.

פון זיינע דריי זין איז דער מיטלסטער, וועלוול, געווען אַ בחור אַ בן תורה. ער האָט געלערנט אייניקע יאָר אין ישיבות אין וואַרשע, און שפּעטער חתונה געהאַט מיט מרים פּאסטאָלסקי, די טאָכטער פון ר׳ דוד פּאָס־טאָלסקי ז״ל.

ר׳ **איטשע ראַדזימינסקי** ז״ל, דער זון פון יאָסל ראַדזימינסקי, חתונה גע־האַט מיט דער עלטסטער טאָכטער פון ר׳ לייביש ראַדזימינסקי (געווען קינדערלאָז). ער האָט געהאַנדלט מיט פּריצים. אייניקע יאָר פאַרן לעצטן קריג איז ער געווען צוגעשמידט צום בעט צוליב אַן איינרעדעניש, אַז ער איז קראַנק. ער איז געלעגן אין בעט מיט אַ צוגעבונדענעם קאָפּ אַ פּאָר יאָר. ערשט ווען עס איז אויסגעבראָכן דער קריג און דאָס שטעטל איז געוואָרן אַרומגענומען מיט פייער־פלאַמען נאָך דער באָמבאַרדירונג באַלד אין די ערשטע טעג, איז ער געוואָרן „געזונט" און אַנטלאָפן פון דער שריפה צוזאַמען מיט אַלע איבעריקע איינוווינער.

חנוך פּערעל

משה בן־יעקב (פופובסקי) — מלבורן

בית אבא



סבי, ר׳ אברהם־מנשה פופובסקי ז״ל, היה מראשוני המתיישבים בטלושטש. מצא פרנסתו מחנות מכולת וסיגריות. בנוסף לח־נות, ניהל גם עסקים עם בעלי האחוזות שבסביבה, אצלם רכש את תבואותיהם ו־חלבם.

את החלב, במיכלי אלומיניום גדולים, היה סבא מספק יום־יום ברכבת לורשה, לחלבנים ולבעלי תעשיה של מוצרי חלב. את התבואה מכר לאופים או לטחנת קמה במקום.

ר׳ אברהם־מנשה נמנה על מעריציו של הרבי מגור והתפלל בקביעות בבית החסידים, (שטיבל), של חסידי גור, ששוכן בזמנו בביתו של ר׳ אהרון (ארקה), גולדוואסר הי״ד.

הסבתא מלכה עה״ש, היתה אשה צנועה וחסודה מהדור הישן. השביס שכיסה את קדקדה, הגזוז עד לאזניה ועיניה, לא ירד לרגע מראשה. הרבה מזמנה הקדישה לתפילות ולאמירת פרקי תהילים. עוד מהדהדים באזני הצלילים העגומים של תפילותיה מתוך „ספר־התחינות״ שדפיו הצטהבו משפע דמעותיה. או קריאתה, בלילות שבת ולמחרתו בבוקר ב„צאינה וראינה״, מפרשת השבוע בנעימה מלאה ערגון וגעגועים. במיוחד התרשמתי בהיותי נער מאמירתה את תפילת „גאָט פון אברהם, יצחק און יעקב״. לפני

צאת השבת, כשמסביבה עומדות נכדותיה ועונות אחריה את מילות התפילה, מלה במלה, בניגון מלא דביקות וכיסופין: „דער שבת קודש גייט אוועק"... הלב כואב על שבת קודש המתקרבת לקיצה, ועל הנשמה היתרה שעוד מעט תעזוב אותנו...

לסבא ולסבתא נולדו שני בנים ובת: אבי יעקב היה הבן הבכור וגוטמן — הצעיר; בתם פייגה היתה האמצעית.

סבי, ר' אברהם־מנשה פופובסקי ז"ל, היה מראשוני המתיישבים בטלושטש. מצא פרנסתו מחנות מכולת וסיגריות. בנוסף לחנות, ניהל גם עסקים עם בעלי האחוזות שבסביבה, אצלם רכש את תבואותיהם וחלבם.

את החלב, במיכלי אלומיניום גדולים, היה סבא מספק יום־יום ברכבת לורשה, לחלבנים ולבעלי תעשיה של מוצרי חלב. את התבואה מכר לאופים או לטחנת קמח במקום.

דודתי פייגה נישאה לאברך, תלמיד חכם וירא שמים, יחיאל צנטקר שמו. היא ילדה לבעלה בן ושתי בנות ונפטרה בדמי ימיה. אחת מבנותיה, ראשה־גיטל, נישאה לאחי הגדול יצחק. בשנת 1938 כשפרצה המלחמה היתה בתם הראשונה בת חדשיים. הם גרו אז בוולומין לשם עברו אחר כך גם הורי ובני משפחתם, לאחר שביתם וחנותם נהרסו עד היסוד בהפצצות של הימים הראשונים. בוולומין ישבו כולם עד לחיסול הגיטו על־ידי הנאצים.

אחרי פטירתו של סבא ז"ל, המשיך אבי לנהל את חנות המכולת ויתר עסקיו של סבא — מסחר בתבואות וחלב. בניהול החנות היתה אמי חיה־שרה עה"ש עזר כנגדו.

אבי, ר' יעקב ז"ל (נודע בכנויו ר' יענקיל מנשה'ס), אמנם לא השתייך לעתירי קרתא, אולם נחשב לאחד מחשובי בעלי־הבתים בטלושטש. הצטיין במידת הכנסת אורחים, ולא היה יכול לשבת לשולחן בשבתות וחגים כשאין אורח מסב לשולחנו.

אבי נמנה אף הוא על חסידי גור והיה רגיל, לעתים לא רחוקות, לנסוע לשבתות לגור, להסתופף בצלו של הרבי. מדי פעם היה לוקח גם אותנו, אותי ואת יצחק אחי אל הרבי, כדי שנתבשם מריח החסידות ממקור ראשון.

אבא היה בין היוזמים להקמת מבנה מיוחד לבית חסידי גור, שהוקם בחצרו של ר' ארקה גולדווסר.

אבי נמנה על חברי אגודת ישראל ותמך ביד נדיבה במפעליה, שהיו קשורים עם ארץ־ישראל: קרן הישוב וכדומה.

הוא היה מוקיר רבנן, ואדיר היה חפצו להשיא את בתו הראשונה גיטל־רחל לבן תורה. ואכן, כשהגיעה לפרקה, השיאה לאברך בן־תורה ויירא־שמים, (שמואל בורנשטיין, היה שמו), שישב אחרי נשואיו, יומם ולילה על התורה והעבודה, ולבו היה מתמוגג מנחת.

כפי שנודע לי מפי אנשי וולומין, נפטרו שניהם, אבי וגיסי, ביום אחד וזכו לבוא לקבר ישראל בבית הקברות של יהודי וולומין. ועליהם אני קורא את הפסוק: „הנאהבים והנעימים בחייהם ובמותם לא נפרדו".

אמי, חיה־שרה עה"ש, היתה, ללא הגזמה, אשה צדקנית ואשת־חיל אמיתית. כל מעיניה היו נתונים להגשת עזרה לזולת, והיתה מוכנה לקום ממיטתה, אפילו באמצע הלילה, כדי לעזור לאלו הזקוקים לעזרתה. „באמצע הלילה". לא לתפארת המליצה אמרתי, אלא בפועל ממש.

היא היתה המומחית בעיירתנו להגשת עזרה ראשונה לחולים, מעין „חובשת" בלתי מדופלמת. כשנפל מישהו למשכב במשפחה, שמצבה החמרי היה ירוד, לא היו בני המשפחה מזדרזים בשלב הראשון של המחלה להזמין רופא, אלא סרו בינתיים לתחנה של „עזרה ראשונה" — אל חיה־שרה. אמי היתה מוסרת לנזקקים את התרופות המקובלות בימים ההם: מיץ פטל (מאַלינע־סאַק), משחות שונות למריחה, כוסות רוח וכו'.

הרבה מזמנה הקדישה אמא לבית הספר לבנות „בית־יעקב", שהתפתח בעיירתנו לשם ולתפארת.

אחותי הצעירה, פייגה, היתה חברה פעילה בחוג „בנות יעקב" בטלושטש, שפעל בהדרכתה של המורה מרים־גיטל פלונצ'יאַק מווישקוב. החוג פיתח עבודה תרבותית וחנוכית בין הבנות הדתיות שבעיירה, וזכה לאהדה רבה בקרב האוכלוסיה היהודית, ולאו דוקא מבין החוגים הדתיים.

אחי הגדול, יצחק, היה תלמיד ותיק בישיבת הרבי מפיאַסצנא בורשה, ונמנה שם על פעילי צעירי אגודת־ישראל. הוא עבר אחר־כך תקופת הכשרה בקיבוץ של צעירי אגודת־ישראל בחורז'יל והתכונן לעלות ארצה; אולם לדאבונו לא הצליח לקבל את רשיון העליה, (סרטיפיקט).

אחרי שהתחתן עבר עם אשתו ראשה־גיטל לגור בוולומין, שם נולדה להם בת. כל בני משפחתנו נשארו בגיטו וולומין עד לחיסולו הסופי על־ידי הנאצים ועוזריהם. השם ינקום דמם!

✶

דודי, גוטמן פופובסקי, עבר תקופת נעורים קשה. בהיותו עול־ימים מתו עליו הוריו והוא גדל בביתנו.

הרעיון הציוני שבה את לבו בהיותו עוד בגיל צעיר ולאידיאה זו הקדיש אח״כ את כל מרצו ולהט נעוריו.

בשנים האחרונות לפני פרוץ מלחמת העולם השניה, עמד בראש ההסתדרות הציונית בעיירתנו.

עם הקמת הגיטו היהודי בטלושטש, הועמד דודי גוטמן, בתוקף מנוי מטעם שלטונות הכיבוש הנאציים, בראש היודנרט. אולם השלטונות הנאציים התאכזבו מהר מפעולות ראש היודנרט, מאחר ודודי גוטמן לא מלא אחרי הוראותיהם בדיוק כרצונם וכוונותיהם.

באמצע הלילה הוצא ממיטתו על־ידי הגיסטפו והובל למקום בלתי־ידוע. כעבור שבועיים קיבלה אשתו בדואר שקית קטנה עם אפרו, בצרוף הודעה קצרה:

„אייער מאן איזט פערשטארבען״ — „בעלך מת״.

יהי זכרו ברוך לנצח.

משה בן־יעקב — מעלבורן

ר׳ שמואל יענקיל בערגמאן ז״ל — דער שטאט־חזן

ר׳ שמואל־יענקיל בערגמאַן ז״ל איז געווען דער ערשטער אָפּיציעלער חזן אין שטעטל טלושטש. אויך זיין פאָטער ר׳ יוסף בערגמאַן איז געווען דער שטאָטישער חזן אין דער קרייז־שטאָט ראַדזימין.

ר׳ שמואל־יענקיל האָט געהאַט אַ שם פון אַ חסידישן בעל תפילה בחסד עליון, אויך אַלס בעל־דקדוק און גוטער זאָגער פון עברי. ער האָט געהאַט אַ שטאַרקע לירישע שטימע און זיינע תפילות אין די ימים־נוראים האָבן געמאַכט אויפציטערן הערצער, באַזונדערס ביים זאָגן „ונתנה תוקף״.

ר׳ שמואל־יענקיל האָט געהאַט אַ שוואַכקייט צו דעם ביטערן טראָפּן. ער איז אַלע יאָרן געווען אַ ליידנדער פון אַ כראָנישן בראָנכיט מיט אָפטע אַטאַקן פון אַ שטאַרקן הוסט. ער פלעגט זאָגן שטענדיק וועגן זיך, מיט איראָניע, בעת זיינע הוסט־אַנגריפן: „אוי, רמנא, כ׳הוס!״ (אַ ווערטער־שפּיל פון דער אַראַמעאישער תפילה אין די סליחות־טעג, וועלכע הויבט זיך אָן מיט די ווערטער „רחמנא חוס״, וואָס באַטייט: „גאָט האָב רחמנות״). ווען מ׳פלעגט אים פרעגן: — ר׳ שמואל־יענקיל, פאַרוואָס טרינקט איר בראָנפן, אין דער צייט ווען איר ליידט אויף אַזעלכע שטאַרקע הוסט־אַטאַקעס, איז דען בראָנפן אַ סגולה דערצו, אדרבא — בראָנפן פאַר־שטאַרקט דאָך נאָך דעם הוסט? אויף דער דאָזיקער פראַגע פלעגט ער געבן אַן איראָנישן ענטפער: אַז איך טרינק נישט און איך הוסט, ווייס

איך נישט פאַרוואָס איך הוסט. אָבער ווען איך טרינק יאָ און כ׳הוסט, ווייס איך לפּחות פאַרוואָס.

ער פלעגט גאַנץ אָפט טרייבן שפּאָס אויפן חשבון פון זיין דאָזיקער שוואַכקייט. עס פלעגט זאָגן:

— „איך בין מקנא דעם ציפערבלאַט פון זייגער, ווייל ער האָט שטענ־דיק פאַר זיך דאָס גלעזל...״

ר׳ שמואל־יענקיל האָט געהאַט 3 זין און 2 טעכטער. זיין עלטסטע טאכטער האָט חתונה געהאַט מיט ברוך־מרדכי בערגמאַן (זיינס אַ יינגערער ברודער). זיינע צוויי עלטערע זין האָבן געוווינט אין וואַרשע און דאָרט אָנגעפירט מיט אַ וווּרשטן־פאַבריק. די צווייטע טאָכטער יענטע (מ׳האָט זי אין שטעטל גערופן „די שיינע יענטע״) האָט חתונה געהאַט מיט חיים לערנער — דעם זון פון איטשע־מאיר שוחט. זיין יינגסטער זון הערשל אין געווען טעטיק אין דער יוגנט־אָרגאַניזאַציע פון די ציונים־רעוויזיאָ־ניסטן, און איז געווען דער מפקד פון ברית החייל ביי אונדז אין שטעטל. הערשל האָט חתונה געהאַט פאַר דעם קריגס־אויסברוך, מיט חנה שאַפּראַן (פון סעראַצק) — אַ שוועגערין פון אפרים לערנער. זיי זענען געבליבן אין טלושטשער געטאָ ביז דער ליקווידאַציע פון די דאָרטיקע יידן. הי״ד.

יצחק צהובי (ז׳ולטי) — תל־אביב

לדמותו של אליעזר גרוסמן

אליעזר גרוסמן איש טלושטש היה. סוחר בעורות ובשערות חזיר. יהודי ירא שמים, ממוצע קומה ובעל זקן קטן.

נדמה כי מעולם לא ראיתיו נח. מבוקר השכם ועד שעות הערב המאוחרות היה מתרוצץ ועוסק במלאכות שונות; אם טרוד בעבודתו ואם מחפש אחר משפחה הזקוקה לגמילות חסד או בחור הזקוק לעזרה לצורך לימודיו.

עם עלות השחר, כשהעיירה עדיין נמה את שנתה, היה ר׳ אליעזר משכים להתפלל בבית הכנסת. מיד לאחר מכן היה מנסה למצוא, ולו מתחת לאדמה, בחור הנזקק לעזרה לצורך לימודיו, שיוכל לתמוך בו ואף ללמוד אתו דף בגמרא.

עם פתיחת החנויות הגיעה שעתו של אליעזר לעסוק בעניני חולין, היינו עסקי העורות ושערות חזיר. גם לנושא זה הקדיש את מיטב זמנו ומירצו; היה מתרוצץ בין הקצבים לקנות מהם את העורות (שמא יקדימו אחד הסוחרים מורשה) ולאחר מכן עוסק שעות ארוכות בהמלחת העורות, תלייתם ליבוש או סיבוב בכפרי הסביבה לשם מסחר.

אף פעם לא אכל את ארוחותיו בעיתן, שכן תמיד נקרה בדרכו אכר נושא עורות, שלא לדבר על עונת החורף בה מרובה הציד. בעונה זו היו האכרים מביאים עורות רבים מאד ולא היה אדם טרוד מרבי אליעזר במסחר העורות.

פעמיים בשבוע היה עושה דרכו לורשה כדי לעסוק שם במסחרו, ואולם גם ברכבת לא יכול היה לשבת במנוחה אלא משתדל לתפוס מישהו אשר יאזין לפרק גמרא. זכורני נסיעה אחת ברכבת בה „תפס" אותי והשמיע לי

את תלמודו, ותוך כדי כך הוסיף בעיות מרומו של עולם. ולא דברים סתם שמעתי מפיו באותה הזדמנות, אלא דברים מענינים ומאלפים ביחס לבעיות שונות אשר עמדו אותה תקופה על הפרק בעיירתנו.

בלילות ישב האיש ליד דפי הגמרא ולמד, שכן דאג שלא לקפח את תלמודו.

חיה, אשתו של ר׳ אליעזר, היתה טובת לב וצדקת. משותקת היתה ברגלה ובידה האחת, אך למרות זאת איני זוכר כי התלוננה על גורלה — להיפך, היתה רואה אך את הטוב שבכל דבר. למרות מומה לא התעלמה ממצוות פרו ורבו ומדי שנה היתה יולדת צאצא לבעלה. היו להם חמישה ילדים, ולמרות המאמץ שבטיפול בחמישה ילדים קטנים ללא עזרה, לא נשמעה תלונה מפיה של האשה.

שומר מצוות היה רבי אליעזר גרוסמן. לכל נצרך ונזקק היה מושיט יד תומכת ועוזרת; אם בכסף, אם בתמיכה רוחנית בסעד, בעצה ובמלה טובה. תמיד מצא את אלה הזקוקים לעזרתו. מעולם לא חס על ממונו, אפילו ידע שהפרוטה תחסר אחר־כך בביתו. להיפך, דרך קבע נהג עם שובו מורשה, או לאחר עיסקה מוצלחת, להסתובב ברחובות העיירה ולהציע כסף לרוכלים ולתגרניות. ידע שיום השוק מתקרב או שהגיע מועד פרעון תשלום של פלוני, ותמיד הופיע בזמן הנכון על מנת להציע את הזהובים הדרושים. לא בחינם נקרא על ידי תושבי העיירה „אחד מל״ו הצדיקים״, שהרי אינם מרובים האנשים, ואפילו מן העשירים, המציעים גמילות חסד מרצונם החפשי. לא כל שכן, אדם שאין הפרוטה מצויה בכיסו בשפע.

אימרה היתה שגורה על פיו של רבי אליעזר: בכסף אין אפשרות לבוא לפני הקב״ה, אולם במצוות ראוי ורצוי. לכן השתדל „לאסוף״ את המצוות כדי שיוכל „להתחלק״ בהן עם אשתו כשיבוא לפני אבינו שבשמים. אין פלא שכאשר אשתו היתה שואלת בשובו מהעיר, מה בדבר כסף למכולת, היה אליעזר פושט ידיו הריקות מזהובים ומסביר לאשתו שהן מלאות מצוות ומעשים טובים.

ללבוש לא הקדיש תשומת לב מרובה, לא ללבושו ואף לא ללבושם של ילדיו. כששאלו אותו על כך, תמה תמיהה רבה: האם הבגדים נותנים דבר לבני האדם? האם הם הופכים יצור אנושי לאדם?


כדי להאיר את דמותו של אליעזר גרוסמן באור הנכון, אסיים בסיפור שבזמנו הובטח לו על ידי אמי שלא יסופר, אולם נדמה לי כי היום ראויים הדברים שיסופרו:

כשהיתה אחותי ז"ל כבת שמונה או תשע חלתה בדלקת ריאות, והרופא צווה להעבירה בדחיפות לורשה. אב לא היה לנו, ואחי הבכור היה באותה תקופה כבן חמש־עשרה. אמי התלבטה קשות למי לפנות וממי לבקש עזרה. ואולם התלבטותה לא ארכה אלא דקות ספורות, שכן על הסף הופיע אליעזר גרוסמן והודיע שהוא לוקח את הילדה לרופא. נדהמנו, שכן לא בריא היה האיש; קשה היה לו לשאת משאות כבדים ואת הילדה היה צורך לשאת על כפים. אולם לא עזרו כל הטענות והמענות — הוא לקח את הילדה לורשה לרופא והחזירה לאחר חצות הליל. אף את הוצאות הדרך לא רצה לקבל, שהרי מצווה היא, ולא עוד, אלא הוכרחנו להבטיח לו בתקיעת כף שהמעשה לא יסופר לאיש.

ובכן, כלום לא היה זה אחד מהל"ו?

מנחם בן־ציון פרידמאן (תל־אביב)

בנימין זאוולאדאווער הי״ד



בנימין זאוולאַדאָווער האָט געשטאַמט פון דער דערנעבנדיקער שטאָט יאַדאָוו. ער איז געווען אַ פיינשמעקער און אַ שטאַרקער פעדאַנט אין זיין הלבשה. שטענדיק האָט מען אים געטראָפן אָנגעטאָן אין אַ זויבערן אָנצוג מיט אַ געפרעסטן קנייטש אין די הויזן. ער איז געווען אַ יונגערמאַן אַ יודע־ספר און זיך גערעכנט אין שטעטל פאַר דעם בעסטן פּאָלאָניסט פון צווישן די יידי־שע איינוווינער. די פּאָליאַקן אין שטעטל פלעגן באַוווּנדערן זיין פליסיקן און גראַמאַ־טיקאַלישן פּויליש מיט זיין שיינעם דיאַ־לעקט.

ער האָט חתונה געהאַט מיט רבקה פרידמאַן, דער עלטסטער טאָכטער פון ר׳ שמחה פרידמאַן ז״ל. ער האָט געצויגן זיין פּרנסה פון אַ רעסטאָראַן און פאַרקויף פון קאַלטע משקאות.

פון זיינע קינדער האָט זיך אָפּגעראַטעוועט פון דער נאַצישער שחיטה בלויז זיין עלטסטער זון דודל, וועלכער איז אַריבער, אין דער לעצטער מינוט, אויף דער סאָוויעטישער זייט. נאָר שפּעטער, ווען ער איז שוין, נאָך דער מלחמה, צוריקגעקומען פון רוסלאַנד קיין פּוילן, איז ער אומ־געקומען אויף אַ זייער טראַגישן אופן דורך די פּאָליאַקן, מיט וועלכע ער

האַט צוזאַמען געאַרבעט אין דער געהיימער זיכערהייטס־פּאָליציי אין וראַצלאַוו (ברעסלאַו). איינמאָל אין אַן אָוונט אין ער געוואָרן איינגעלאַדן דורך זיינע פּוילישע חברים, זיך איבערצוזולודקעווען אויף דעם טייך „אָדער". פון דעם דאָזיקן אויספלוג אין ער שוין נישט צוריקגעקומען. צומאָרגנס האָט מען אים אַרויסגענומען אַ טויטן מיט אַדורכגעשאָסענעם קאָפּ. הי"ד.

ער איז געקומען צו קבר ישראל אויף דעם יידישן בית הקברות און ברעסלאַו. דעם 14טן יולי, 1952.

★


דודל זאַוולאָדאַווער האָט געמאַכט גרויסע באַמיונגען, צו עקסהומירן דעם קערפּער פון זיין זיידן (מיין זעליקן פאָטער) שמחה פרידמאַן הי"ד. פון אַ ברודער־קבר אין טלושטש.

זיינע באַמיונגען זענען געוואָרן געקרוינט מיט דערפאָלג, אַדאַנק זיינע באַקאַנטשאַפטן אין די רעגירונגס־אינסטאַנצן.

די עקסהומאַציע איז פאָרגעקומען דעם 11טן נאָוועמבער 1947 און אין דעם זעלבן טאָג איז ער געבראַכט געוואָרן צו קבר ישראל אויף דעם יידישן בית עלמין אין וואַרשע (אויף אָקאָפּאָווע גאַס).

אלתר בן־יהודה (וולך) — בת־ים

ר׳ ברוך מרדכי בערגמאן ז״ל
דער פרעדיקער פון סאציאליזם



אַן אינטערעסנטער טיפּ אין שטעטל איז געווען ר׳ ברוך מרדכי בערגמאַן ז״ל, דער זון פון דעם בארימטן ראדזימינער שטעטישן חזן ר׳ יוסף בערגמאַן ז״ל און איידעם פון דעם טלושטשער שטעטישן חזן ר׳ שמואל יעקב בערגמאַן ז״ל (ברוך מרדכי האָט חתונה געהאַט מיט זיין ברודערס טאָכטער).

ברוך מרדכי איז געווען פון באַרוף אַ וועבער און פלעגט יעדן טאָג פאָרן קיין וואַרשע צו זיין ארבעט. ער איז געווען באַגליקט מיט אַ צענדליק קינדער, וועלכע עס איז אים אָנ־געקומען שווער צו דערנערן און באַקליידן פון זיינע שוואַכע פאַרדינסטן. ער האָט דעריבער שטענדיק געפּרעדיקט סאָציאַליזם, וואָס דאַרף אויסגלייכן די סאָציאַלע אונטערשיידן צווישן די פאַרשידענע שיכטן פון דער באַפעלקערונג. ער פלעגט אָפט טענה׳ן, אַז נאָר דער סאָציאַליזם וועט לייזן דאָס פּראָבלעם פון נויט און נישטגלייכ־הייט, און דאַביי אויך קריטיקירן די יידישע בורזשואַזיע וואָס מאַכט אַ לעבן אויפן חשבון פון עקספּלאָאַטירן דעם אַרבעטער־קלאַס.

אויך אין די פרומע יידן פלעגט ער אָפט שיקן פייל און בויגן. נאָר

אליין פלעגט ער אפהיטן יידישקייט מיט אלע פיטשעווקעס. ער פלעגט שטענדיק קומען אין שול, נישט בלויז שבת און יום־טוב, נאר גאנץ אפט אויך אין וואכנטאג אריינפאלן צו א מנחה־מעריב. ווען עס זענען אנגע־קומען די סליחות־טעג פלעגט ער נישט דורכלאזן קיין טאג צו קומען אין שול אריין, מיטן טלית־זאק אונטערן ארעם, כדי צו דאווענען בהשכמה בצבור באלד נאך סליחות. איינמאל, נאך סליחות, ארויסגייענדיק מיט אים פון בית־המדרש אי ןשטעטל, האט ער מיט סארקאזם א זאג געטאן: „וואס קלאגן מיר אזוי יאמערלעך: „אשמנו מכל עם, בושנו מכל דור״!... זע־נען מיר יידן די ערגסטע פון צווישן די פעלקער און די זינדיקסטע פון אלע דורות? מיר האבן נישט געמארדעט, געשענדעט און גערויבט אומ־שולדיקע קינדער אין קעשענאו, נעמיראוו און אין אנדערע שטעט אין פוילן, אוקראינע אדער רוסלאנד. צדיקים זענען מיר, אין פארגלייך צו דער גויאישער בארבארישער וועלט. — נישט „אשמנו מכל עם, בושנו מכל דור״ דארפן מיר קלאגן, נאר „שפוך חמתך על הגויים״ דארפן מיר אויס־שרייען, אז די הימלען זאלן זיך אזש שפאלטן!...

ר׳ ברוך מרדכי איז אויך געווען באשאנקען מיט א שיינער טענאר־שטימע און פלעגט זיין דער הויפט־משורר פון זיין ברודער שמואל יאנקל בערגמאן ז״ל, וועלכער איז געווען לאנגע יארן שטעטישער חזן אין טלושטש. שמואל יאנקל בערגמאן האט געשמט אלס גאט־געבענטשטער חסידישער בעל־תפילה. ער האט געדאוונט מיט הארץ און צוגלייך מיט ברען. זיינע תפילות פלעגן ארויסרופן פיל טרערן ביים עולם מתפללים. בעת ער האט געזאגט דעם „ונתנה תוקף״ פלעגט מען הערן כליפן, נישט בלויז פון עזרת נשים, נאר אויך אין דער מענער־שול.

די לעצטע יארן פאר דעם צווייטן וועלט־קריג האט ר׳ מרדכי בערגמאן ליקווידירט זיין „וועבערישע פרנסה״ און געווארן א שטובן־מאלער אין שטעטל. זיין פריש פאך האט געפאדערט פון אים א מער פיזישן אנשטרענג ווי ביי וועבעריי, אבער דערפאר געמאכט א שענער לעבן. אז עס האבן זיך דערנענטערט די ימים־טובים איז ער שוין געווען באוואַרפן מיט ארבעט, אזוי אז ער פלעגט שוין מוזן צונעמען צו זיך געהילפן פון צווישן די פוילישע מאלאזשעס, און מאנכעס מאל (אין סאמע ברען פון סעזאן)

פלעגט נישט איינמאָל צוזאַמען בעת דער אַרבעט אָפּזינגען אַ „כבקרת״, אָדער אַ „הבן יקיר לי אפרים״.

די יידישע בעלי־בתים פון שטעטל האָבן אים זייער גערן געגעבן אַרבעט ביי זיין ניי פאַך, וויסנדיק, אַז דערמיט העלפן זיי אים אויסצו־האַלטן אויף אַ בכבודיקן אופן זיין גרויסע פאַמיליע — די צווייטע גרעסטע יידישע פאַמיליע נאָך די פון ר׳ מענדל וואַרשעווער׳ס (פּערעל) ז״ל (13 נפשות), וואָס האָט זיך גערעכנט אַלס די גרעסטע, נישט בלויז אין טלושטש, נאָר אויך אין גאַנצן ראַדזימינער קרייז.



ברוך מרדכי ז״ל האָט געביטן זיין באַרוף, אָבער ווייטער געבליבן געטריי זיין פּאָליטישן פּראָגראַם און ווייטער געפּרעדיקט סאָציאַליזם

פון זיין גאַנצער פאַמיליע האָט זיך אָפּגעראַטעוועט בלויז זיין עלטסטער זון שמחה און די עלטסטע פון די טעכטער — גאָלדע, וועלכע זענען באַצייטנס אַנטלאָפן אויף דער רוסישער זייט. זיי ביידע, צוזאַמען מיט זייערע משפחות, געפינען זיך היינט אין ישראל. די איבעריקע פאַמיליע־מיטגלידער זענען אַלע אומגעקומען מיט אַ קדושים־טויט דורך די נאַצישע רוצחים און זייערע מיטהעלפער בעת און נאָך דער ליקווידאַציע פון געטאָ אין טלושטש. הי״ד.

ר׳ לייבל לערנער ז״ל

ר׳ לייבל לערנער — אָדער ווי מען פלעגט אים רופן — ר׳ לייבל פּאָפּלינער, איז געווען אַ בכבודיקער תבואה־סוחר און אָנגעזעענער בעל־בית אין שטעטל טלושטש. ער האָט געשמט אַלס גרויסער מכניס־אורח. עס איז כמעט נישט אַדורך קיין שבת, אַז ר׳ לייבל לערנער זאָל נישט האָבן קיין אורח ביי זיין טיש. אויב עס האָט זיך געמאַכט אַ שבת אָן אַן אורח, האָט ער געהאַט דאָס געפיל, ווי עס פעלט אים עפּעס צו דער שלימותדיקער שבתדיקייט.


ר׳ לייבל איז געווען פּאָפּולער אין שטעטל, נישט נאָר אַלס מכניס־אורחים, נאָר אויך אַלס גומל־חסדים. ווען אַ ייד פון עמק האָט זיך גענויטיקט אין אַ גמילת־חסד, האָט ער געוווּסט, אַז ביי ר׳ לייבל פּאָפּלינער וועט ער געפינען אַן אָפענע טיר און אַן אָפענע האַנט.

ווען מען פלעגט אַריינקומען צו ר׳ לייבלען אין שטוב וועגן אַן אונטערשטיצונג פאַר אַ נויטבאַדערפטיקער פאַמיליע, פלעגט זיין פרוי שיינדל אַנטקעגן טראָגן, בכבוד גדול, איר שפּענדע. זי פלעגט די הילף־זאַמלער אויפנעמען זייער פריינטלעך, פאַרלייגנדיק דערביי עפּעס טועם צו זיין פון דעם לייכטן כבוד, וואָס עס איז שטענדיק געשטאַנען גרייט אויף דעם טיש.

ר׳ לייבל לערנער האָט געשטאַמט פון וואָלאַדאַווע, ווו ער איז פיל יאָרן געווען אַן אייגנטימער פון אַ לאַנדווירטשאַפטלעכער פאַרם. נאָכן ערשטן וועלט־קריג האָט ער זיך אַריבערגעצויגן קיין פּאָפּלין (נעבן לאָכאָוו), ווו ער האָט אָנגעפירט מיט אַן אייגענער מיל און אַנגראָ תבואה־האַנדל.

אין יאָר 1926 אין דער צייט פון דער גראַבסקי־רעגירונג, האָט ער

דורכגעמאַכט אַ שווערן עקאָנאָמישן קריזיס. דערמאָלט האָט ער ליקווידירט זיינע געשעפטן אין פּאָפּלין און זיך באַזעצט אין טלושטש, ווו ער האָט ווייטער פאַרגעזעצט זיין תבואה־מסחר, נאָר שוין אין אַ קלענערן מאָס־שטאַב, און דערפון געפירט אַ שיינע בעל־הביתישע און בכבודיקע שטוב. הגם ער איז געווען אַן עמך־טיפּ האָט זיך ביי אים געפירט אַ שטרענג יידישע שטוב, מיט אַלע פּיטשעווקעס, ווי ביי די שענסטע חסידישע




(לייביל) יהודה־ליב לרנר

בעל־בתים פון שטעטל. ר׳ לייבל פּאָפּלינער איז געווען אַ שטענדיקער מיטגליד אין דער חברה־תהלים ביים שטעטישן בית־המדרש. יעדן פאַרטאָגס פלעגט מען אים זען גיין מיטן טלית־זאַק אונטערן אָרעם, איילנדיק זיך אין בית־המדרש, כדי צו דאַווענען בהשכמה און נאָך באַווייזן אַריינצוכאַפּן אַ „יום" תהלים.

זיין פאַמיליע אין טלושטש איז באַשטאַנען פון איין זון, שמחה, און 4 טעכטער — רחל, תהילה, העניע און נחמה. זיינע טעכטער זענען געווען באַקאַנט אין שטעטל אונטערן נאָמען „די העפטשאַרקעס", צוליב דעם ווערקשטאַט פון האָפט־אַרבעט, מיט וועלכער זיי האָבן אָנגעפירט לאַנגע

יאָרן ביי זיך אין שטוב, אויספירנדיק באַשטעלונגען פאַר וואַרשעווער סוחרים און פאַבריקאַנטן פון וועש. די דאָזיקע מיטהילף צו דער פּרנסה האָט אים דערמעגלעכט צו פירן אַ בכבודיקע שטוב. זיין זון האָט אַ קורצע



הרוקמות בעבודתן (בנ׳ות ר׳ יהודה־ליב לרנר, די „העפטשארקעס״)
חינקה זשולטי, תה׳לה לרנר (בישראל), קרובה מורשה, הניה, שמחה וחומה
די העפטשארקעס פון דער משפחה לערנער ביי זייער ארבעט

צייט פאַר דעם קריג חתונה געהאַט מיט דער טאָכטער פון נחמה זשולטי (כינקע) און געפירט דעם האַנדל פון תבואה בשותפות מיט זיין פאָטער.

פון זיינע 4 טעכטער האָט זיך אַפּגעראַטעוועט בלויז איינע (תהילה), וועלכע האָט מיט אַ צייט פאַר דעם קריג עולה געווען קיין ישראל און דאָרט חתונה געהאַט מיט אריה נחמני, אַ חלוץ, וועלכער האָט געשטאַמט פון דער שכנותדיקער שטאָט ראַדזימין.

די אַלע איבעריקע משפּחה־מיטגלידער זענען אומגעקומען מיט דעם

זעלבן מאַרטירער־טויט ווי אַלע אַנדערע פון אונדזער שטעטעלע טלושטש. הי״ד.

יהי זכרם ברוך!

✶

ר׳ מאיר טאוב הי״ד

ר׳ מאיר טאוב ז״ל האָט אין יאָר 1922 חתונה געהאַט מיט דער טאָכטער פון ר׳ לייב ראַדזימינסקי ז״ל, וועלכער האָט געהערט צו די עלטסטע און ערשטע בעל־בתים אין שטעטל טלושטש.

ער אַליין האָט געשטאַמט פון לאַדזש און געווען אַ תלמיד פון דעם לעצטן ראַדזימינער רבין — און איינער פון די בעסטע תלמידים אין דער ראַדזימינער ישיבה.

ר׳ לייביש ראַדזימינסקי האָט געהערט צו די ראַדזימינער חסידים און דער ראַדזימינער רבי, בכבודו ובעצמו, האָט טאַקע רעקאָמענדירט זיין טאָכטער פאַר דעם דאָזיקן לאָדזשער ווילּלערנער מאיר טאוב, וועלכער איז אויך געווען באַהאַוונט אין די מאָדערנע יידישע פּראָבלעמען פון זיין דור. ער האָט געלייענט די נאַציאָנאַלע יידישע און העברעישע פּרעסע, און אויך געווען שטאַרק טעטיק אין דעם געזעלשאַפטלעכן לעבן ביי אונדז אין שטעטל.

פון די תנאים ביז דער חתונה זיינער, האָט געדויערט אייניקע יאָרן. עס זענען אַרומגעגאַנגען קלאַנגען, אַז דער שידוך ווערט אויפגעלייזט, צוליב די גרויסע כאַראַקטער־אונטערשיידן צווישן דעם פּאָרל.

מאיר טאָוב איז דעמאָלט געווען פון מיטעלן וווקס, מיט אַ פול רונדיק געזיכט, באַצירט מיט אַ בלאָנד, דין פאַרשוירן און פיין געפלעגט באָקן־בערדל, ברענענדיקע אויגן און ברויזנדיקן טעמפּעראַמענט. די מיידלעך פון שטעטל האָבן מקנא געווען די טאָכטער פון ר׳ לייביש ראַדזימינסקי, וועלכע באַקומט אַזאַ חתן.

ווען ער איז נאָך די תנאים געקומען צו גאַסט אין שטעטל, האָט ער באַזוכט דעם טלושטשער מרא דאתרא, הרב ר׳ יעקב בריקמאַן ז״ל,

ביי ווענען איך בין געווען, צו יענער צייט, אַ בן בית און אויך געלערנט ביי אים טעגלעך אַ שיעור קבוע אין גמרא מיט מפרשים. ס׳האָט זיך באַלד פאַרבונדן אַ שמועס וועגן לערנען. ר׳ מאיר טאַוב האָט דאַן אַרויסגעוויזן גרויסע ידיעות אין תלמוד און אויך באַהערשט די אַקראַבאַטיק פון שיטת הפלפול, אַ שיטה, וועלכע איז געווען שטאַרק באַליבט ביי הרב בריק־מאַן ז״ל — תלמיד פון אַסטראָוויצער רבין און עלוי, וועמענס פילפולים זענען געווען א שם דבר אין דער יידישער וועלט און געדינט אַלס דוגמא, ווי אַזוי עס דאַרף ווערן געבויט אַ פילפול.

ווען מאיר טאַוב האָט פאַרלאָזן די וווינונג פון הרב בריקמאַן ז״ל, האָט דער רב מיר געזאָגט, אַז ר׳ לייביש האָט באַקומען אַ חתן, אַן אמת׳ע „כלי מפואר״. פון דעמאָלט אָן האָט זיך אָנגעהויבן מיין קאָנטשאַפט מיט מאיר טאַובן, וואָס איז שפּעטער איבערגעגאַנגען צו אַן אינטימער פריינדשאַפט, וועלכע האָט אָנגעהאַלטן לאַנגע יאָרן ביז דער לעצטער מינוט פון אונדזער צעשיידונג, ביים אַריינמאַרש פון נאַצי־דייטשן מיליטער אין שטעטל.

★

באַלד נאָך דער חתונה האָט מאיר טאַוב ז״ל זיך געעפנט אַ געשעפט פון אייזן־גאַלאַנטעריע און שפּעטער אויך באַקומען פאַרטרעטונגען פון צענטראַפוגעס פון דער באַרימטער שוועדישער פירמע „אַלפאַ״, אויך אַגראַר־מאַשינען אויף דער טלושטשער סביבה און ער איז געוואָרן אַ שיינער בעל־פרנסה. שפּעטער איז ער אויך שטאַרק טעטיק אויף דעם געזעלשאַפטלעכן געביט, אָרגאַניזירט אין שטעטל דעם יידישן סוחרים־פאַראיין, וועלכער דעלעגירט אים אַלס שטענדיקן מיטגליד אין דער מלוכה׳שער שאַצונג־קאָמיסיע ביי דעם קרייז שטייער־אַמט, ווו ער פאַר־טיידיקט מיט מסירות נפש די אינטערעסן פון די יידישע סוחרים און בעלי־מלאכות.

ווען עס איז אַנטשטאַנען דאָס געטאָ אין טלושטש, איז מאיר טאַוב געוואָרן נאָמינירט אַלס עלטסטער פון „יודענראַט״, און ר׳ ארקע גאָלד־וואַסער — אַלס זיין פאַרטרעטער.

בעת דער ליקווידאַציע פון געטאָ אין טלושטש, האָט מאיר טאַוב נאָך געפרוווט אָפּצושלאָגן דעם גזר דין, פאַרלייגנדיק איינעם פון די אָנפירנדיקע זשאַנדאַרמען אַ גרויסע געלט-סומע און צירונג. דער זשאַנדאַרם האָט טאַקע דאָס אַלץ גענומען, און גלייכצייטיק אים געגעבן אַ קויל אין קאָפּ. הי״ד ער איז געווען דער ערשטער קרבן בעת דער געטאָ-ליקווידאַציע.

✶

די פרטים וועגן אומקום פון מאיר טאַוב, האָט מיר איבערגעגעבן די טאָכטער פון פיניע ראַדזימינסקי, דינה, וועלכע האָט זיך געראַטעוועט, אַנטלויפנדיק מיט אַרישע פּאַפּירן אויף דער אַרישער זייט און זיך אויסבאַהאַלטן אויף פאַרשידענע פלעצער ווייט פון טלושטש. ווען זי איז נאָך דער באַפרייונג צוריקגעקומען קיין טלושטש, האָבן איר קריסטן וועגן דעם דערציילט.

מאיר טאַובס עלטסטער זון (אַ בחור פון 17—18 יאָר) איז נאָך געלונגען צו אַנטלויפן פון דער שחיטה בעת דער ליקווידאַציע פון געטאָ. אין אַ צייט אַרום האָט ער זיך באַוויזן אין טלושטש, ווּהין ער איז געקומען אויפצומאָנען עפּעס פון די חובות פון זיין פאָטער ביי די הוטינקעס, כדי זיך צו קענען דערנערן ביי זיינע קאָנספּיראַציע-באַדינגונגען. נאָר די קאַטאָליקן האָבן אים פאַרהאַלטן און איבערגעגעבן די דייטשן, וועלכע האָבן אים אויפן אָרט דערשאָסן. הי״ד.

זיינס אַ צווייטער זון איז בעת דער נאַצי-אָקופּאַציע געווען שטאַרק טעטיק אין דער יידישער אונטערגרונד-באַוועגונג אין וואַרשע. אַ געוויסע צייט איז ער געווען אויף דער אַרישער זייט און געהאַט גרויסע פאַרדינסטן ביים איינקויפן געווער פאַר דעם יידישן אונטערגרונט. ער האָט געהאַט אויך אַ קאָנטאַקט מיטן פּאָליציי-שעף פון טלושטש, וועלכער האָט אים שטאַרק מיטגעהאָלפן ביי דער דעראַבערונג פון געווער פאַרן „זשאָב״ (דער יידישער אונטערגרונט). ער האָט געהאַט אַ שם פון אַ מוטיקן קעמפער. הי״ד.

חנוך פּערעל

תהילה נחמני (לבית לרנר)

משפחת לרנר

לקורות אבי יהודה־לייב לרנר ז״ל ומשפחתו לפני בואם לגור בטלושטש



מוצא משפחתי מן הכפר זמלודיץ׳ שליד ולודאבה. אבי, יהודה ליב לרנר, התחתן עם אמי שיינדל (יפה) לבית פטרושקה, ובא להתגורר בבית הוריה. לסבי אליהו פטרושקה היתה חווה גדולה בכפר זמלודיץ׳, שאותה ירש מהוריו והי־תה בידי המשפחה דורות רבים. בשנים הראשונות היה אבא סמוך על שולחן חותנו, אך משסבי הזדקן מסר את ניהול החווה לידי אבא.

בכפר זמלודיץ׳ היו רק 5 משפחות יהודיות ומשפחת הורי אמא היתה מן הותיקות שבהן. בחווה רחבת הידים גידלו תבואה ומיני פירות וירקות וכן היו להם פרות, סוסים ועופות. סבי, ואחר כך אבא, העסיק מספר עובדים גויים.

במשך ארבעים שנה התגוררו הורי בחוותם בזמלודיץ׳. היה זה בית מכניס אורחים מאין כמוהו. כל עניי הסביבה ידעו שלשבת מזומנת להם סעודה כיד המלך בבית הורי. היהודים שחיזרו עם מרכולתם בכפרים שמסביב וכן בעלי מקצוע, כמו הסנדלר, החיט, הספר ואחרים, נהגו לסעוד על שולחננו מדי שבת בשבתו. מספר האורחים עלה על עשרה ואם

לא הגיע מספר האורחים למנין, היתה אמא צופה אל הדרך ומתלוננת שחסר לה אורח.

בערב כל חג היה אבא מעמיס עגלה מלאה כל טוב מפרי שדהו וגנו ומביא לולודאבה, כדי לחלק לעניי העיר: קמח למצות לפני פסח,




משפ. יהודה־ליב לרנר אשתו יפה (ש״ינד״ל) ובנותיהם:

הניה, חיה אלבירט מבריסק, תה״לה, (בישראל), חומה, לאה ואלי בנה ובתה של חיה — הנכדים

תרנגולות ותרנגולי הודו לראש השנה ויום הכיפורים — כל חג ופרי
וירק העונה.

במשך ארבעים שנה התגוררו הורי בחווה בזמלודיץ׳ ושם נולדו עשרת ילדיהם. שמונה בנות ושני בנים, אשר מכולם נותרתי רק אנוכי בחיים, הודות לעליתי ארצה בשנת 1935.

הבת הבכירה היתה אסתר. היא התחתנה עם הרב זליג פפרמן ונולדו להם שמונה ילדים. גרו בעיר וולודאבה.



משפחת לרנר יהודה־לייב: הניה, שלמה אלבירט — חתנו, תהילה לרנר (בישראל) שמחה וחומה

חנה, השניה, התחתנה עם משה גרוסברד ונולדו להם שני ילדים. גרו בעירה הורודלה ע״י הרובישוב.

יוסף אחינו התחתן עם הנה לבית אלטבירד. הוא עבר לגור בורשה ולהם נולדו שתי בנות.

רחל אחותי התחתנה בטלושטש ב־1937 עם מתתיהו שיפער.
אחי שמחה התחתן עם חינקה ז'ולטי.

אני, תהילה נחמני, הייתי הבת השביעית במשפחה. ואחרי נולדו הניה, נחמה ואלקה. הצעירה בבנות נפטרה בדמי ימיה, אחרי מלחמת העולם הראשונה ולא זכתה להגיע אפילו עד עירנו טלושטש.

במלחמת העולם הראשונה הגיעו הכוחות הצבאיים של הגנרל בלחובייץ אל חוות הורי. קודם לכן חנו בחווה חיילי הצבא הגרמני. הרוסים טענו, איפוא, שאבא היה מרגל וכלאו אותו בולודאבה ואף הוציאו עליו פסק דין מוות. הפועלים שלנו טענו שאין יותר רכוש פרטי ואין החווה שייכת יותר להורי. הפועלים יחד עם כנופיית הבלחובצים הכובשים הרסו את החווה ושדדו אותה.


המשפחה עברה אז אל ולודאבה. כאשר נודע שהוצא פסק דין מוות על אבא, מיהרה אמי באישון לילה אל ראש הקהילה צדוק מינץ, והזעיקה אותו. האדון מינץ יצא מיד אל הכומר של העיר וזה מצידו פנה אל ראש הכנופייה השלטת בעיירה וביקש חנינה. לבלחובצים נאמר כי למשפחתי היה כסף רב וזהב מוסתרים. לפיכך דרשו מאבא לגלות את מקום הרכוש הרב, שכאילו הסתיר. מכיוון שלא היה מה להראות להם, תבע ראש כנופיית הבלחובצים בעיירה כי יתנו שני רסני זהב עבור סוסו והסוס של אשתו. במחיר גבוה נרכשו שני הרסנים ואבא שוחרר מן הכלא.

ב־1918, אחרי המלחמה חזרנו אל החווה, אך היה קשה לשקמה. קרוב משפחה הציע לאבא למכור את החווה ולעזוב את זמלודיץ'. יחד עם קרובנו רכש אבא טחנת קמח גדולה, המופעלת על ידי זרם המים שבנהר, ליד הכפר פופלין שליד העיירה ונגרוב.

בכפר זה לא היתה אף משפחה יהודית מלבדנו. אנחנו הילדים גדלנו ולא רצינו להישאר בכפר שאין בו אף משפחה יהודית נוספת. ב־1932 חיסל אבא את עיסקו בפופלין ועברנו לעיר טלושטש.

יצחק גוטוביץ — רמלה

מוקדש לזכר הנפשות היקרות והנשמות הטהורות של הורי ואחי. אבי: משה בן יחזקאל גוטוביץ ז״ל ואמי: חנה רבקה בת יצחק גולדברג ז״ל, שנרצחו בידי הנאצים בעת חיסול גיטו טלושטש בחודש מאי 1942; ולזכר אחי, יחזקאל, שמת מות גבורים בקרב לשחרור ורשה מצפורני החיה הנאצית בשנת 1945.



להורי נולדו שני בנים. אני הייתי הבן הבכור ואחי הבן הצעיר, שנקרא שמו בישראל יחזקאל, על שם סבנו יחזקאל גוטוביץ ז״ל, שהיה מראשוני המתיישבים היהודיים ב־טלושטש.

אבי, משה גוטוביץ, היה איש עמל. כל ימיו עבד בזיעת אפיו כדי למצוא את פרנסתו. עסק בכל הבא לידו. בקיץ היה עוסק בפירות אילן. היה חוכר שדה אילן (סעדער) מבעלי האחוזות שבסביבה לעונה אחת או לכמה עונות. לפעמים היה מאחסן חלק מהתנובה, במטרה להוציאה למכירה בימות החורף, כדי שיוכל ליהנות ממחירים יותר גבוהים. אולם מאחר והפרי לא אוחסן בבתי קירור, אלא במחסן או בחדר, לא ראה ברכה בעמלו. חלק גדול מהפרי נרקב ויצא שכרו בהפסדו.

כתום עונת הפירות עסק אבא במכירת בשר ודגים שהיה מספק לבתי לקוחותיו.

על אף עבודתם הקשה לא התלוננו הורי אף פעם על רוע מזלם, אלא קיבלו באהבה את גורלם והיו שמחים בחלקם.

אחי הצעיר יחזקאל ואני היינו חברים בתנועה הציונית, והעליה לארץ ישראל היתה משאת נפשי.

השלטון הפולני לא התיר לגברים צעירים לצאת מהארץ לפני שירותם בצבא. החלטתי משום כך להתגייס לצבא הפולני טרם זמני כמתנדב. כך אוכל להשתחרר יותר מוקדם ואקדים את עלייתי ארצה. אולם, לאסוני פרצה המלחמה כחודש-חודשיים לפני שעמדתי להשתחרר וכל תכניותי הושמו לאל.

אחרי שהצבא הפולני הובס ע״י הגרמנים ברחתי לוילנה, שהיתה כבושה ע״י הסוביטים. רבים שהצליחו לברוח מהשטחים הכבושים ע״י הנאצים, פנו לוילנה, בהאמינם ששם ייפתח להם פתח תקוה לנסוע לארצות-הברית דרך יפן או סין.

כעבור זמן הצטרף אלי גם אחי יחזקאל, ששלחתי אליו מכתבים והמרצתיו להזדרז ולבוא אלי, לוילנה, כדי להציל את נפשו בעוד מועד.

בוילנה מצאתי כמה פליטים מבין תושבי טלושטש, ביניהם את דבורה, בתו של ר׳ אהרון (ארקה) גולדווסר, ביחד עם בעלה. הם נישאו זמן קצר לפני פרוץ המלחמה ותיכף אחרי ירח הדבש נאלצו לקחת את מקל הנדודים בידם, כדי להציל את נפשם.

דבורה ובעלה באו לוילנה מביאליסטוק, שבה ישבו בתקופה הראשונה אחרי שנמלטו מהגיהינום הנאצי שבפולין. הם סיפרו לי שבכוונתם לנסוע מוילנה ליפן, ומשם יחפשו דרך להגיע לקרוביהם בארה״ב. לאסונם ולאסון כולנו, לא הספיקו להוציא לפועל את תכניותיהם וחרב הרוצח הנאצי הישיגתם אחר-כך בוילנה וגדעה את שני השתילים הרכים בעודם באיבם, לפני שהספיקו להתפתח. הי״ד.

בין הפליטים בוילנה מצאתי גם את אברהם ירוזולימסקי, בנו של ר׳ עקיבא ירוזולימסקי, מי שהיה שנים רבות תושב טלושטש וסוחר אריגים העובר עם מרכולתו בין הכפרים שבסביבה. שנים אחדות לפני המלחמה עקר מטלושטש וחזר לעירו פרושניץ, שם היה מושבו לפני שהשתקע בטלושטש.

לאברהם ירוזולימסקי שיחק מזלו והוא אמנם הצליח להגיע בעוד מועד לארה"ב דרך יפן. שם הקים קן משפחתי, מתפרנס מאטליז בשר כשר למהדרין וגם משמש כר"מ בישיבה קטנה.

עם פרוץ המלחמה בין גרמניה ורוסיה (ב־22 ביוני 1941) ברחנו, אחי ואני, לאזורים המרכזיים של רוסיה הסובייטית. שם גוייסנו שנינו לצבא האדום.

השתתפתי בקרבות שבין הצבא הרוסי ובין חילות גרמניה, בכל החזיתות, מסמולנסק ועד ברלין.

אחי יחזקאל גם הוא השתתף בקרבות עם הגרמנים בחזיתות שונות. כאשר הצבא האדום התקדם למטרופולין של פולין, נמצא אחי יחזקאל בשורות הקדמיות והשתתף בקרבות לשיחרור ורשה. בקרב זה נפל חלל. יהי זכרו ברוך!

אחרי שיחרור ורשה ותבוסת הצבא הגרמני, שנכנע ללא תנאי, שוחררתי מהצבא ובאתי לורשה, במטרה לברר מה עלה בגורלם של הורי וקרובי וכל יתר התושבים היהודיים של עיירתנו. פגשתי את מרים־גיטל רדזימינסקי, בתו של פיני רדזימינסקי, שהיתה בטלושטש בזמן חיסול הגיטו בחודש מאי 1942. היא היתה בין העדים המעטים לזוועות בעת חיסול הגיטו בטלושטש. מפיה נודע לי שאבי ז"ל היה בין אלה שנורו ע"י הנאצים ועוזריהם הפולנים בצעדם בדרך האחרונה, מטלושטש לגיטו ורשה, דרך רדזימין.

הי"ד.

רות צהובי — תל־אביב

לזכרו של יונה רדזימינסקי הי״ד 1909 — 1948



יונה נולד בשנת 1909 בעיירה טלושטש, שם גדל והתחנך. כבר מנעוריו הכה בו הרעיון הציוני שרשים עמוקים, הצטרף לתנועת הנוער הציוני והיה מן הפעילים הבולטים בתנועה, לה הקדיש את כל לבו ואהבתו. במסגרת הנוער הציוני יצא להכשרה לטורק ולטילישקוב.

יונה הגיע ארצה לפני פרוץ מלחמת־העולם השניה ביחד עם אשתו טובה לבית זלצמן. באותה תקופה הכרתי את הזוג החביב הזה, שכן היה יונה מחבריו הטובים של בעלי יצחק. הוא היה בעל הופעה נאה גבה־קומה ויפה־תואר.

זמן קצר לאחר הגיעו ארצה, הצטרף יונה לשורות ה„הגנה" ואף כאן הקדיש את כל מרצו ונפשו. השתתף באמונים הרבים וזאת בכל להט אהבתו לעם ולמדינה.

ארבע שנים לאחר עליתם ארצה נולד בנם משה. לא היה אז גבול לשמחתו ואושרו. הוא לא פסק מלהתפעל מפלאי היצירה ולא הפסיק לדבר על אודות בנו הפעוט, ובעת דברו על הילד קרנו שתי עיניו והעידו על אושרו ושמחתו המרובים.

אולם למרות טרדותיו המרובות אחרי הולדת בנו לא הפסיק יונה את פעילותו בהגנה. אל לנו לשכוח, כי חברות בהגנה, באותה התקופה, הצריכה

העדרות ממושכת מהבית ואמונים רבים. יונה לא הסס אף לרגע והשתתף בכל. באחת הפעולות בהן השתתף נפצע פצעי מות ע"י כדור האויב.

זכורתני, כי בזמן ביקורנו אצלו בבית־החולים לא נראה לנו כלל כפצוע־קשה. הוא נפצע במצחו, אולם הפגיעה לא נראתה לנו כרצינית. עמדתי ליד מיטתו והשתדלתי להרגיעו בדברי עידוד, כי מצבו הולך ומשתפר וכי במהרה ישוב לאיתנו ויחזור בקרוב לחוג משפחתו, לאשתו ולבנו, ואפילו לפעילותו האינטנסיבית בהגנה. ברם הוא, כאילו התעלם מדברי עידוד אלה, כנראה



קבוצת בני נעורים מ„הנוער הציוני" בטלושטש (מימין לשמאל): יונה רדזימינסקי, רחל גלברד (בישראל), מרים זלוטובקה, יהודה רדזימינסקי וזלדה רדזימינסקי הי"ד.

חש, כי ימיו ספורים, בבחינת „לב יודע מרת נפשו", ולכן פנה ליצחק ובקשהו לזכור את בנו הקטן שנותר בבית, ובדברו הבחנתי בסילון של דמעות הזורמות בשטף מעיניו.

כעבור יומיים זעזעתנו הבשורה הרעה כי יונה איננו עוד.

יהי זכרו ברוך!

ארגון יוצאי טלושטש בישראל

דער ארגון איז אנטשטאנען אין אנהויב פון די פופצקיער יאָרן (1952 — 1951) באלד נאָכדעם ווען עס זענען אָנגעקומען אין לאנד די רעשטלעך פון דער שארית־הפליטה פון אונדזער שטעטל, סיי די, וועלכע זענען צוריקגעקומען פוילישע רעפאטריאנטן פון רוסלאנד, וווהין זיי זענען געהאט אנטלאָפן און א דאנק דעם געבליבן לעבן, און סיי די, וועלכע זענען ארויס לעבעדיקע פון די וועלדער און בונקערס אָדער פון די טויטן־לאגערס, וועמען די נאצישע רוצחים האָבן נישט באוויזן אויסצומאָרדן.

דער ארגון האָט כמעט נישט אנטוויקלט קיין ספעציעלע טעטיקייט, אויסער דאָס דערטיילן פון אן איינמאָליקע שטיצע פאר אייניקע פאמיליעס־עילים, פון די צוריקגעקומענע פון רוסלאָנד, ווי אויך דאָס אויפשטעלן אן אָנדענקונגס־טאָוול פאר די קדושי טלושטש אין מרתף השואה אין ירושלים. די עיקר אויפגאבע זיינע איז באשטאנען אין צונויפרופן די לאנדסלייט איינמאָל אין יאָר אין יום הזכרון, י״א סיון, כדי צו מאכן די אזכרה פאר די קדושי טלושטש.

עס זענען אין דער צווישנצייט ארויפגעשווימען פארשידענע פאָרשלאָגן וועגן שאפן עפעס, וואָס דערמיט זאָל ווערן פאראייביקט דער אָנדענק פון די קדושים פון אונדזער שטעטעלע, ווי שאפן א גמילות־חסד קאסע אויפן נאָמען פון די קדושי טלושטש, פלאנצן בוימער אין יער הקדושים אדג״ל.

וועגן ארויסגעבן א יזכור־בוך פאר אונדזער חרוב שטעטל, מיט בלויז אייגענע כוחות, האָבן מיר אפילו נישט געקענט חלומען, ווייסנדיק אז דאָס איז פארבינדן מיט זייער א סך שוועריקייטן, סיי צוליב דוחק אין פינאנציעלער סיי פאכמענישע כוחות. מיר האָבן געטראכט, אז דער איינציקער רעאלער וועג פאר דער הנצחה פון די קדושים פון אונדזער שטעטל וועט זיין דאָס אָנשליסן זיך צו א יזכור־בוך, וואָס עס וועט ווערן



מפגש יוצאי טלושטש לקראת ביקורו בישראל בשנת 1958 של בן עירנו:
מנחם ב. צ. פרידמן ורעיתו מריאו־דה־ז'ניירו
צוזאמענטרעף פון די טלושטשער לאנדסלייט אין ישראל אין יאר 1958
צום באזוך פון אונדזער לאנדסמאן מנחם בן־ציון פרידמאן און זיין פרוי פון ריא־דע־זשאניירא

ארויסגעגעבן דורך איינעם פון די לאנדסמאנשאפטן פון די דריי גרעסערע שטעטלעך פון ראדזימינער קרייז, ווי ראדזימין, וואָלאָמין אָדער יאדאָוו.

היות דאָס איז צוליב פארשידענע סיבות נישט רעאליזירט געווארן. האבן מיר באשלאסן מיט אייגענע כוחות ארויסצוגעבן אן אייגן ספר־הזכרון. צום גליק האָט זיך געפונען צווישן אונדזערע לאנדסלייט א „משוגע לאיתו דבר" אין דער פערזאָן פון ר' חנוך פערעל, וועלכער האָט אויף זיך גענומען די דאזיקע שווערע אויפגאבע און זיך איבערגעגעבן מיט אייפער דער דאָזיקער הייליקער ארבעט און דערמיט דערמעגלעכט דאָס דערשיינען פון בוך. המקום ישלם שכרו!

יצחק צהובי



א גרופע טלושטשער לאַנדסלייט



מפגש יוצאי טלושטש בשנת 1969 בהשתתפות בני עירנו:
משה בן יעקב (פופובסקי) ורעיתו ממלבורן, ומרים־גיטל קרסון־רדזימינסקי מנורביטש (ארה"ב)



צוזאמענטרעף פון די טלושטשער לאַנדסלייט אין יאָר 1969
מיטן אנטייל פון אונדזערע לאנדסלייט פון אויסלאַנד:
משה בן יעקב (פאפאווסקי) און זיין פרוי פון מעלבורן און מרים־גיטל קערסאַן־ראדזימינסקי
פון נארוויטש־אמעריקע

נקרולוגים



כי גדול כים שברך,
מי ירפא לך! (איכה)

לזכר עולם

אנו מבכים מרה על מות הקדושים של מורנו ורבנו הנערץ

הגאון ר׳ יעקב־יוסף בר׳ יהושע בריקמן זצ״ל

מרא דאתרא ורעיא מהימנא של בני עדתו בקהילת טלושטש
והסביבה, ומשפחתו, שנרצחו באכזריות ע״י הנאצים הארורים
ימח־שמם־וזכרם בשנת 1942

דמותו האצילה והקדושה חרותה על לוח לבנו
ולא נשכח את סבלו לעולמים !

השם ינקום דמם !

עטופי אבל קודר :

מעריציו־תלמידיו לשעבר :

ישראל גולדזוסר — ת״א
חנוך פרל — בני־ברק
אריה פרל — בת־ים
אלתר בן יהודה — בת־ים
משה בן יעקב — מלבורן
אברהם ירזזולומסקי — ניו־יורק

ארגון יוצאי טלושטש בישראל
שארית הפליטה בארץ ובתפוצות

לזכר עולם

יזכור ה׳

את הנפשות הקדושות והטהורות של יקירנו שנספו על קידוש השם, בשנים 1941 — 1943

זכרם יהיה חרות על לוח לבנו ולא נשכח את סבלם כל עוד רוח באפנו!



אבינו: **מנחם מנדיל פערעל** ב״ר **יחיאל משה** ז״ל, (מגזע חדושי הרי״מ ז״ל). נפל בידי הנאצים בגיטו ורשה ביום כ״א אלול תש״א (1942)

אמנו: **אטקה** בת **משה אבפייאר** ז״ל, נפטרה בגיטו טלושטש ביום י״ז כסלו תש״א (1941)

אחיותינו: **מרים** ובעלה **משה זשולטי** וילדיהם: **ינטה, יעקב ואברהם; ברײנדיל** ובעלה **שלמה גוזשיציאנסקי** ובתם, שנספו בגיטו בעיר **רדום; פריל־לאה** ובעלה **משה רוכמן; פסה, רייזל, גליקה, שבע ואיטה**

אחינו: **פנחס** (פינצ׳י), אשתו **גליקה** וצאצאיהם (הבכור **אברהמ׳לה**)

השרויים באבל:


פרל חנוך ומשפחתו — בני־ברק

פרל אריה ומשפחתו — בת־ים

משפחת פרל



פריל־לאה, רייזל ובריינדל, גליקה ופסיה




יעקב׳לה ינטה׳לה ואברהמ׳לה

לזכר עולם

גל־עד

לזכר הנשמות הקדושות והטהורות של הורי, אחי ואחותי הנאהבים והנעימים:



נחמה ז'ולטי



בתה חינקה

אבי: **יעקב ז'ולטי** ב"ר **דב** ז"ל — נפטר ג' סיון תרע"ז — 1917

אמי: **נחמה** בת הרב ר' **יוקיל** (דיין) **פרקל מקלושין** ז"ל ונכדת הרבי מז'ליכוב, ר' **ליזר־ראובן** ז"ל

אחי: **מנדיל**, אשתו **חיה** בת ר' **מאיר זילברברג** ז"ל וצאצאיהם: **נחה ויעקב** ועוד חמישה ילדים

אחי: **משה**, אשתו **מרים** בת ר' **מנדיל פרל** ז"ל וצאצאיהם: **יעקב, יינטה ואברהם**

אחותי: **חינקה**, בעלה **שמחה לרנר** ובנם **יעקב**

דמויותיהם מלאות הסבל מרחפות תמיד לנגד עיני ה' ינקום דמם!

עטופי אבל:

יצחק צהובי (ז'ולטי) ומשפ., תל־אביב

לזכר עולם

משפחת ז'ולטי



משה



מנדיל



נחה



יעקב

לזכר עולם



חיה־ברכה פרידמאן (נפטרה) שמחה־בונם פרידמאן הי״ד

איך באוויין דעם קדושים־טויט פון מיינע טייערסטע, אומגעקומענע דורך די נאצישע רוצחים ימשו״ז

פאטער: **שמחה־בונם פרידמאן** ב״ר **ישראל יצחק** ז״ל

מוטער: **חיה־ברכה** (געשט. י״ג תשרי — 1925)

ברידער: **יענקיל**, פרוי **בעלא** און קינדער: **שלמה**, פרוי און קינדער

שוועסטער: **רבקה**, איר מאן **בנימין זאוולאדאווער** זייערע קינדער:
דוד און **מרים** און אנדערע

שוועסטער: **מרים**, איר מאן **דב געלבארד** און קינדער

שוועסטער: **חנה**, איר מאן **מרדכי לערנער** און קינדער

שוועסטער: **לאה**, איר מאן **יוסף פרידמאן** און קינדער

השם ינקום דמם!

אין טרויער:

מנחם ב. צ. פרידמאן און פרוי — ת״א

משפחת פרידמאן



לאה און יוסף פרידמאן



שלמה פרידמאן



מרים זאוולאצאווער



דוד זאוולאצאווער

לזכר עולם



מרים גלברד, ברוך וזאב׳לה

גל־עד

להנצחת זכרם הקדוש של אחי דב ובני משפחתו, שנספו על־ידי הנאצים הצוררים ימשו״ז, עם חיסול הגיטו בטלושטש, בשנת 1942

אחי: **דב גלברד** ז״ל, אשתו: **מרים** לבית **פרידמן** ובניהם: **ברוך וזאב** (וועלוואלע)

השם ינקום דמם!

מנציחה:

רחל ריפין־גלברד, תל־אביב

לזכר עולם





רבקה (רעגינע) ראדזימינסקי　　　　יהודה דרומי־ראדזימינסקי

מיר פאראייביקן, מיט הייליקן ציטער, דעם אנדענק פון אונדזערע טייערסטע:

אונדזער פאטער: **אברהם ראדזימינסקי** ז״ל

אונדזער ברודער: **אייזיק,**ביידע אומגעקומען אין געטא ווארשע אין יאָר 1943

אונדזער מוטער: **רבקה** (רעגינע) אומגעקומען אין געטא וואלאמין אין יאָר 1942

אונדזער ברודער: **יהודה** (דרומי), ז״ל. געשט. אין ישראל אין יאָר 1960 (י״ט שבט תש״ך).

אייערע הייליקע געשטאלטן שוועבן שטענדיק פאר אונדזערע אויגן. מיר וועלן אייך קיינמאל נישט פארגעסן.

ה. י. ד.

אין טרויער:

האלינא (הינדע) בענעט־ראדזימינסקי און פאמיליע דענוווער־קאלאראדא,
משה ראדזימינסקי און פאמיליע אין אייראָפּע

לזכר עולם

בלב קרוע אנו מבכים את מות הקדושים של יקירינו שנספו ע"י הרוצחים הנאצים ועוזריהם ימשו"ז בשנת 1942 עם חיסול הגיטו בטלושטש



יהודה־ליב וולך ומשפחתו

אבי: **יהודה** (לייבל) **וולך** ז"ל

אמי: **ציבה** עה"ש

אחי: **יוסף** (יוסיל), אשתו ובנם **יחזקאל** ואחי: **מרדכי**

אחיותי: **חיה** (חייטשה), בעלה **שפסיל ירוזולימסקי** וצאצאיהם **גולדה, מירל, שיינדיל, רייזל וברכה**

דודי: **זאב רדזימינסקי** ואשתו **נעשה**, בנם: **יוסיל**, אשתו וצאצאיהם
בתם: **חיה** (חייטשה), בעלה וצאצאיהם


דמויותיכם מלאות הסבל מרחפות תמיד לנגד עינינו. זכרם לא ימוש מלבנו לעולמים. הי"ד

מתאבלים:

אלתר בן יהודה (וולך) ומשפחתו
בישראל, בת־ים

לזכר עולם

משפחת וולך



יוסיל וולך ואשתו



בנם: יחזקאל



יוסיל רדזימינסקי

לזכר עולם

בחרדת קודש אנו מעלים את זכרם הקדוש של יקירינו הנפטרים והנרצחים

ה.י.ד.

אבי: **יעקב־יוסף גרינהויז** בר' **שמחה־בונם**

אמי: **רבקה** לבית **זילברברג**

אחי: **אהרן־דוד, צבי ופינחס**

אחיותינו: **צביה** ובעלה **פינחס גולדפדר** וצאצאיהם: **דוד, מלה־רחל ושמחה־בונם; מרים, גיטל** ובעלה **זאב זילברברג, נחה, חוה, ווידקה**

סבי: **אברהם־מאיר זילברברג** וסבתי: **נחה** (נפטרה)

דודי: **יעקב זילברברג**, אשתו **שרה־פסיה** (נפטרים), וצאצאיהם: **מרים** וילדיה, **שמריהו** ואשתו **חנה** ובתם, **חיה** ובעלה **שלמה רדזימינסקי, קויפמן** ואשתו **חוה** לבית **נובינא וגיטל**

דודותי: **לאה לוסטיק** ובעלה **בנימין־יעקב** וצאצאיהם: **אטקה** ובעלה **יהודה מונדרי, הרש, גיטל ומרים** ועוד (2); **דינה גורפינקל** ובעלה **יהודה־ליב** וצאצאיהם (4)

דודי: **שמריהו זילברברג**, אשתו **פייגא** ובנהם: **מנדיל, קויפמן והרש**

ה.י.ד.

המנציחים:

לאה סטוליק־גרינהויז ומשפ. בני־ברק


בני משפחת גרינהויז וקרוביהם



פינחס גרינהויז



גיטל זילברברג־גרינהויז



מנדיל זילברברג בר׳ שמריהו



הרשיל זילברברג בר׳ שמריהו

לזכר עולם

יזכור ה'

את הנשמות הקדושות והטהורות של יקירינו שנרצחו ע"י הנאצים הצוררים ימשו"ז בגיטאות טלושטש, ורשה, וולודאבה, בריסק ורובישוב ובמחנות השמדה, בשנים 1941 — 1944



הרב זליק פפרמן



יהודה־ליב לרנר

אבי: **יהודה־ליב לרנר** ז"ל

אמי: **יפה** (שיינדיל) בת **אליהו פייטרושקה** ז"ל

אחיותי: **אסתר** ובעלה הרב **זליק פפרמן** ז"ל מוולודאבה וצאצאיהם:
תהילה, יחזקאל, אליהו, ראובן, שרה, רחל, רבקה ולאה; **חנה** ובעלה **משה גרויסברד מהורודלה** ז"ל (ע"י **אלבירט** מבריסק וצאצאיהם: **לאה, אליהו ומשה**
מבריסק וצאצאיהם: **לאה, אליהו ומשה**

אחי: **יוסף** ואשתו **חנה** לבית אלבירט מורשה ובנותיהם: **חיה ושבע**

אחותי: **רחל** ובעלה **מתתיהו שיפר** ז"ל

אחי: **שמחה** ואשתו **חינקה** לבית זו'לטי וצאצאיהם

אחותי: **הניה ונחמה** ואחותי הצעירה: **אלקה** (נפטרה בדמי ימיה)

לא נשכח סבלכם לעולם! הי"ד

עטופי אבל:

תהילה נחמני־לרנר ומשפ., תל־אביב

לזכר עולם

משפחת לרנר



הניה לרנר



נחמה לרנר



יחזקאל פפרמן



ראובן פפרמן

לזכר עולם

מבכים אנו מרה על מות הקדושים של יקירינו שנרצחו על קדוש השם,

על־ידי הנאצים הצוררים ימח־שמם וזכרם

ר׳ **אהרן גולדווסר** ז״ל תלמיד חכם ירא״ש מחשובי חסידי גור

אשתו: **חנה** בת ר׳ **מאיר שפרן** ז״ל

בניהם: **מנחם מאיר**, אשתו **צביה** וצאצאיהם; **יצחק**, אשתו וצאצאיהם **ויעקב**

בנותיהם: **דבורה** ובעלה (ניספו בוילנה) **ובלומה**

ר׳ **יעקב שפרן** ז״ל

אשתו: **רבקה** בת ר׳ **משה־דוד גולדווסר** ז״ל

צאצאיהם: **אליעזר, פייגה, מרים ומשה** (מגיטו ורשה הובלו למחנה השמדה מיידנק)

בנם: **אברהם** — נפטר בברזל, בריאו־דה־ז׳ניירו

זכרם הקדוש לא ימוש מלבנו ולא נשכח את סבלם לעולם

באבל:

מירל (בת אהרן גולדווסר) ומשפ. רוצ׳סטר
יפה קנסטר (בת ר׳ יעקב שפרן) ומשפ. ת״א
צבי גולדווסר ומשפ. ת״א
ישראל גולדווסר ומשפ. ת״א

משפחת גולדווסר ושפרן



יעקב שפרן



חנה גולדווסר



צביה גולדווסר




מנחם־מאיר גולדווסר

לזכר עולם

משפחת נובינא



אחי — ברוך־מאיר נובינא



אשתו רויזה



בנו — משה־חיים



אחותי — יהודית נובינא

לזכר עולם

אנו מנציחים את זכרם של יקירנו הקדושים, שנפטרו ושנרצחו
ע"י הנאצים ימשו"ז



שרה רישמן־נובינא — ובתה — חיה־סימה

אבי: **אברהם נובינא** ז"ל

אמי: **חיה־סימה** עה"ש — (נפטרה לפני השואה)

אחי: **ברוך מאיר נובינא**, אשתו **רויזה** ובנם **משה־חיים**

אחי: **חנוך־זאב** (העניך וועלוויל)

אחיותי: **ברכה** ובעלה **יהושע־חיים זילברשטין** בנם ובתם; **לאה הולצקנר** (נפטרה) ובנה; **רחל** ובעלה — ניספו בגטו וונגרוב; **יהודית** — (נפטרה לפני השואה); **חוה זילברברג**, בעלה **קויפמן** וצאצאיהם; **שרה רישמן־נובינא** ובתה **חיה־סימה**

זכרכם לא ימוש מלבנו ולא נשכח סבלכם לעולמים!

השם ינקום דמם!

אבלים:

יוסף חדשי (נובינא) ומשפ. חיפה

נתן רישמן, ארה"ב

לזכר עולם

גל־עד

להנצחת זכרם הקדוש של קרובי היקרים, הנפטרים והנרצחים:

סבי: **מנדיל זלצמן** ז״ל וסבתי: **רחל** עה״ש מותיקי המתישבים בטלושטש (נפטרים), וצאצאיהם: **לאה** ובעלה, **גולדה**, בעלה ובתה; **מאיר־שלום זלצמן**, אשתו, בנם **שלמה'לה** ובתם **רחל'ה**

אבי: **שלמה זלצמן** ז״ל, אמי: **חיה־מלכה** (נפטרה)

אחי: **לייבל זלצמן** אשתו **פסיל** לבית **זילברשטין** וצאצאיהם: **הינדה, שמואל ורחל**; ואחי: **יוסף**

אחותי: **פייגה־רייזל**, בעלה **משה לאַש** וצאצאיהם, נרצחו על־ידי הנאצים הארורים ימח־שמם וזכרם

זכרכם הקדוש חרות עמוק על לוח לבי, לא אשכחכם לעולמים!

באבל:

טובה פוסטולסקי ומשפ. חולון

משפחת זלצמן




מנדיל זלצמן



מאיר שלום זלצמן



יוסף זלצמן



לייבל זלצמן

לזכר עולם



האחים: יצחק ושמחה־נח
(באמצע הסבא בורשטין)



גוטמן פופובסקי

בלב נשבר אני מעלה את זכרם הקדוש של יקירינו, שנגדעו באיבם ע״י המרצחים הנאצים ימש״ו

אבי: **יעקב פופובסקי** ב״ר **אברהם מנשה** ז״ל ואמי: **חיה־שרה**

אחי: **יצחק**, אשתו **גיטל** ובתם **פייגה'לה**; ואחי: **אברהם־מנשה**

אחותי: **גיטל־רחל** ובעלה **שמואל בורנשטיין** ובניהם: **יצחק ושמחה־נח**

דודי: **גוטמן פופובסקי**, אשתו **פייגה** לבית **רדזימינסקי** וצאצאיהם

השם ינקום דמם!

ולזכר הנפטרים:


סבי: **אברהם־מנשה פופובסקי**; וסבתי: **מלכה** — מראשוני המתישבים בעיר טלושטש.

זכרכם חרות על לוח לבי, לא אשכחכם לעולם!

באבל:

משה בן יעקב (פופובסקי) ומשפ. — מלבורן

לזכר עולם



יונה רדזימינסקי ז״ל
3/9/1948 — 1909
תרס״ט — כ״ח אדר תש״ח

יונה רדזימינסקי ז״ל נולד בשנת 1909 להוריו **מאיר** (המכונה מאיר טילר) **ורחל**. הוא נמנה על החברים הפעילים בתנועת הנוער הציוני בטלושטש.

בשנת 1939 זכה להתגשמות חלומו — לעלות ארצה, בקבלו רשיון עליה (סרטיפיקט), אחרי שעבר הכשרה מוקדמת בקיבוץ של הנוער הציוני בטורק.

עם הגיעו ארצה הצטרף לשורות ה„הגנה״. בשלהי מלחמת העצמאות (כ״ח אדר תש״ח) נפל מכדור האויב, בעמדו על משמר העם והמדינה.

תהיה נשמתו צרורה בצרור החיים של גבורי האומה, אשר בדמיהם הביאו לנו את המדינה.

כבוד לשמו ולזכרו!

ארגון יוצאי טלדשטש בישראל

גל־עד

לנשמות הקדושות והטהורות של יקירינו שנרצחו על־ידי הנאצים הצוררים ימשו״ז בשנים 1941 — 1943 בגיטאות טלושטש, שצ׳וצ׳ין, ורשה ווולומין ובמחנות השמדה

אבי: **אהרן־יעקב רדזימינסקי** בר׳ **מרדכי־הירש** ז״ל

אמי: **מלכה־גיטל** בת **אליהו זרנצ׳ני** ז״ל (מסטרדין)

אחותי: **חוה** ובעלה **יעקב שידלובסקי** ז״ל וצאצאיהם (3)

אחותי: **חנה** ובעלה וצאצאיהם

אחי: **יוסף,** אשתו וילדיהם ז״ל

דודי: **אברהם רדזימינסקי** ואשתו **רבקה** ובנם **אייזיק** ז״ל

זכרכם הקדוש לא ימוש מלבי לעולמים

השם ינקום דמם!

אבלים:

יהודה בן ארי (רדזימינסקי) ומשפ. — ת״א

מיט אצובראכן האריץ באוויינען מיר דעם מערטירער טויט פון אונדזערע טייערסטע, גרויזאם אומגעקומענע דורך די נאצי־רוצחים ימשו״ז

מוטער: **חנה־שרה שימאנאווסקי**

ברודער: **בצלאל,** שוועסטער: **עלקע** און איר מאן **מרדכי בורשטין**
און זייערע קינדער: **אברהם, מיכאל, אשר** און **יוכבד**

זאל דער דאזיקער אנדענקונגס־טאוול דינען ווי א מצבה אויף זייערע אומבאקאנטע קברים. השם ינקום דמם!

אין טרויער:

ארטור סיימאן (אשר שימאנאווסקי)
און פאמיליע (ברוקלין)

לזכר עולם

מיר פאראייביקן דעם הייליקן אנדענק פ׳ון אונדזערע טייערסטע, אומגעקומענע צורך די נאצישע רוצחים ימ״ש



משה אַבקאָוויץ



שמערל זילבערבערג

פאטער: **פיניע ראדזימינסקי** ז״ל

מוטער: **ציבע** בת **אברהם מאיר זילבערבערג** (געשט. פאר דער קריג)

שוועסטער: **ביילע** (געשט. פאר דער קריג), איר מאן **לייזער ראדזימינסקי** און זייערע קינדער **לייבעלע** און **משה׳לע**;
חנטשע און איר מאן **שמעריל זילבערבערג**; **רבקה׳לע**
און איר מאן **גוטמן פלאטקאווסקי** און זייער זינדעלע
אברהם (אומגעקומען אין אוישוויץ)

ברודער: **משה**, פרוי און קינד

מאן פאטער און שוואגער: **משה אבקאוויטש** ז״ל

ה.י.ד.

אייערע ליכטיקע געשטאלטן זענען טיף איינגעקריצט אין אונדזערע הערצער
מיר וועלן אייך שטענדיק געדענקען!

אין טרויער:

דינה גרינברג־ראדזימינסקי און איר טאכטער
נחמה פישר־אבקוביץ, אשקלון — אפרידר
מרים־גיטל קערסאַן — ראדזימינסקי, אמעריקע

לזכר עולם

בחרדת קודש אני מעלה את זכרם הקדוש של הורי ובני משפחתי היקרים,
שנרצחו על־ידי הנאצים ימ״ש בשנים 1941 — 1944



עומדים: אשתו, טובה ואחותו רחל
יושבים: גוטמן פופובסקי, אמו רבקה, אחיו יהודה

אבי: **גוטמן פופובסקי** ז״ל ואמי: **דובה** (דאבטשע)

אחי ואחיותי: **פסיה, אריה, חנה, רבקה, מלכה, חינקה ויעקב**

סבי: **דוד פופובסקי** ז״ל (נפטר בישראל וסבתי: **רבקה** (נפטרה)
וצאצאיהם: **יהודה, רחל ומרדכי**

סבי: **יעקב אוסובסקי** ז״ל (נפטר) וסבתי: **חסיה** — נספתה בעיר יאַדוב וצאצאיהם: **נח, דוד, ישעיהו** (שאיע) **ורחל**

דודי: **חנוך** (העניך) **אוסובסקי** (נפטר) ואשתו **דינה** וצאצאיהם: **צבי ומרים** ועוד בת — נספו בגיטו טלושטש.

השם ינקום דמם!

מתאבלים:

יהושע פופובסקי ומשפ., רמת־השרון


משפחת גוטמן פופובסקי ז"ל



הבנות: פסיה, חנה רבקה ומלכה



בתו: חינקה



צבי ומרים אוסובסקי בחברת דודתם רחל אוסובסקי

לזכר עולם



ברוך־מרדכי בערגמאן



אסתר־רבקה

אונדזער פאטער: **ברוך־מרדכי בערגמאן** ז״ל

אונדזער מוטער: **שרה** (סארשטע) בת **שמואל יעקב ברגמאן** ז״ל

אונדזערע ברידער: **אפרים, ישראל־מענדל, גאדיל** און **לייבל**

אונדזערע שוועסטער: **אסתר־רבקה**, איר מאן און קינד און **רחל**

אומגעקומען מיט א גרויזאמען טויט אויף קדוש השם

דורך די נאצישע מערדערס ימשו״ז ה.י.ד.

אין טיפן טרויער:

שמחה בערגמאן און פאמיליע (גבעתיים)

גולדה גישפאנק־בערגמאן און פאמ. (עכו)

לזכר עולם

לזכר הנפשות היקרות שנספו בימי השואה ע"י הנאצים הארורים ימש"ז



חיים לרנר



אשתו ינטה

אבי: **חיים לרנר** ב"ר **יצחק־מאיר** ז"ל

אמי: **ינטה** בת ר' **שמואל יעקב ברגמן** ז"ל

אחי: **ראובן וזליק**

אחותי: **זלטה**

נספו במחנה השמדה טרבלינקה

דודי: **מרדכי לרנר** ואשתו **חנה** וצאצאיהם
צבי ברגמן ואשתו **חנה** לבית **שפרן**, בנם ובתם (תאומים)
אפרים לרנר ואשתו **פייגה** (לבית שפרן)

יהי לוח זכרון זה גל־עד במקום מצבה על קברם האלמוני

באבל קודר:


יהודה לרנר ומשפ. — ירושלים

לזכר עולם

מיט צובראכענע הערצער באוויינען מיר דעם מערטירער טויט פון אונדזערע
טייערסטע, גרויזאם אומגעקומענע דורך די נאצישע רוצחים
און זייערע מיטהעלפער ימשו״ז



חיה־צביה און איר מאן
הערש לאופטמאן



יעקב־נח שקאלניק

פאטער: **יעקב־נח שקאלניק** ז״ל אומגעקומען אין מינסק — מאַזאָוויעצק

מוטער: **אסתר** — פון דער היים טישלער

שוועסטער: **חיה־צביה** און איר מאן **הערש לאפטמאן**

ברידער: **שאיע־יצחק** און **עוזר־דוד**


אייערע ליידן וועלן מיר קיינמאל נישט פארגעסן

השם ינקום את נקמתם ויזכור לנו את עקדתם!

אין טיפן טרויער:

הארי (הערש) שקאלניק און פאמ׳ (ניו־יורק)
דארא (דאבע) מאזער־שקאלניק און פאמ׳ (ניו־יורק)
אלטקע־ג׳ייקאבס־שקאלניק, (ניו־יורק)

לזכר עולם



שמחה אויסלענדער און פרוי בראניע



חיים אויסלענדער

מיט היילִיקן ציטער פאראייביק איך דעם אנדענק פון מיינע טייערסטע

פאטער: **יהודה־ליב אויסלענדער** ז״ל (נפטר ט״ו אב)

מוטער: **הינדע**; שוועסטער: **רויזע־טשארנע**, איר מאן **מרדכי זלאטוווקא** און קינדער: **ברכה**, מאן און קינדער

ברודער: **שמחה אויסלענדער**, פרוי **בראניע** און איין קינד

ברודער: **חיים אויסלענדער**, אומגעקומען דורך די נאצישע רוצחים ימש״ י״א סיון — 1942


השם ינקום דמם!

אין טרויער:

רחל צימבל־אויסלענדער און פאמ. לוד

לזכר עולם

בדמעות שליש אנו מבכים על אבדן יקירינו הקדושים והטהורים, שנרצחו באכזריות על קדוש השם ע"י הנאצים הארורים, ימח שמם וזכרם, עם חסול הגיטו בטלושטש בחודש מאי 1942



דוד זברניצקי



אשתו שרה רבקה

אבי היקר: **משה גוטוביץ** בר' **יחזקאל** ז"ל

אמי הנאמנה: **חנה־רבקה** עה"ש בת ר' **יצחק גולדברג** ז"ל

אחי המסור: **יחזקאל** (נפל כגבור בצבא הרוסי, בקרב לשחרור ורשה בשנת 1944)


דודי: **דוד זברניצקי** ואשתו **שרה־רבקה** (לבית גוטוביץ)

דמויותיכם עומדות תמיד לנגד עינינו לא נשכחכם לעולם! הי"ד

השרוים באבל קודר:

יצחק גוטוביץ ומשפחתו, רמלה

לזכר עולם



מרים זאבראַניעצקי

פאטער : **הערש פאסטאלסקי** — געשט. אין רוסלאנד

מוטער : **ליפטשע** — געשט. אין רוסלאַנד

שוועסטער : **לאה**, איר מאן **הערש זאבראניעצקי** און זייער טאכטער **מרים** (מארישע)

שוועסטער : **יענטע**, איר מאן **יוסף גוטמאן** און קינדער

שוועסטער : **מרים**, איר מאן **אהרן גוטמאן** און קינדער

שוועסטער : **אסתר**, איר מאן **לייבל קאנסטאנטינאווסקי** און זייער זון **אביש**

אומגעקומענע מיט א גרויזאמען טויט דורך די נאצי־מערצער ימש״ו


אין טרויער :

יעקב פאסטאלסקי, און פאמי, — חולון

פייגע שעטשקאווסקי און פאמיליע — בוענעס־איירעס

גיטל זוענגעל און פאמיליע — בוענעס־איירעס

לזכר עולם



מענדיל זלאטאגורא און זיין פרוי

פאטער: **חיים זלאטאגורא**;

מוטער: **פעשע**;

ברודער: **מענדיל** און פרוי

שוועסטער: **יענטע, רבקה** און איר מאן **בונם ערענבערג** און
קינדער: **צורל, מאניע** און **יעקב־משה**; **העניע** און איר מאן
אלע אומגעקומען דורך די נאציס ימ״ש

ברידער: **משה זלאטאגורא** — געשט. אין ישראל י״ז כסלו — 1965

השם ינקום דמם!

אין טרויער:

יפה גאלדפעלד — זלאטאגורא און פאמ.
תל־אביב
יודל זלאטאגורא און פאמ.
מאנטאווידעא


משפחת זלאטאגורא



שוועסטער רבקה און איר פאמיליע



שוועסטער העניע און איר מאן



משה זלאטאגורא

לזכר עולם

אנו מנציחים את זכרם הקדוש של יקירינו:

בעלי ואבינו: אייזיק קונסטנטינובסקי ז״ל נפטר כ״ו אלול תשכ״ג (3.9.63) בישראל



אייזיק קונסטנטינובסקי

הותני וסבנו: **משה קונסטנטינובסקי** ואשתו: **פריל**

ובניהם: **ניסן** (נאסקע) ואשתו **לאה** לבית **מילר** וצאצאיהם (2); **לייבל** ואשתו **אסתר** לבית **פוסטולסקי** ובנם **אביש**; **ויוסיל**

ובנותיהם: **מרים, דובה, מניה ונחה** כולם נספו ע״י הנאצים, ימח שמם וזכרם, עם חיסול גיטו טלושטש ביום יא״ סיון תש״ב — 1942

המנציחים:

רוזה קונסטנטינובסקי, רמת־יוסף

מנהם ואריה קונסטנטינובסקי, בת־ים

לזכר עולם



פרוי׳ פון הערש אייכענבוים ז״ל



איר טאכטער מרים אייכנבוים




בערל פלאטקאווסקי



זלמן אייכענבוים בר׳ יעקב

השם ינקום דמם !

לזכר עולם



מענדיל סטאפעק



לייב וויינגאט




פרוי פון מלך סטאפעק



פאַיע סטאפעק

השם ינקום דמם !


לזכר עולם



איטשע ראדזימינסקי



רבקה־ציבה — זיין פרוי



וועלוויל ראדזימינסקי בר׳ לייבוש



זעלדע ראדזימינסקי בת ר׳ מאיר
טילער ז״ל

השם ינקום דמם !

לזכר עולם



מינדל פלאטקאווסקא



מענדל זלאטוויקא



קויפמאן זילבערבערג בר׳ יעקב ז״ל



מינדל דאמבראווא

השם ינקום דמם !

לזכר עולם

יזכור:

מיט חרדת קודש פאראייביק איך דעם הייליקן אנדענק פון מיינע טייערסטע

מיין פאטער: **חיים צבי בענעט** ז״ל

לאנגיעריקער מיטארבייטער אין דער יידישער קהילה אין לאדז

מיין מוטער: **ביילע־טויבע**

מיינע שוועסטער: **שרה** און **מאשע**

אלע אומגעקומען דורך די נאצישע רוצחים ימ״ש אין אויגוסט 1944, בעת דער אויסזידלונג פון לאדזשער געטא

מיין פרוי: **לאה** — די טאכטער פון הרב פישל ראבינאוויטש ז״ל פון לאדז

מיין זון: **יצחק אהרן**

ביידע אומגעקומען אין די גאז־קאמערן אין אוישוויץ אין יאָר 1944

אייער הייליקער אנדענק איז איינגעקריצט טיף אין מיין הארץ.
איך וועל אייך קיינמאל נישט פארגעסן

השם ינקום דמם!

אין טיפן טרויער:

אברהם בענעט און פאמיליע
דענווער — קאָלאָראַדאָ (אמריקע)

לזכר עולם

מיט הייליקן ציטער פאראייביק איך דעם אנדענק פון די ליכטיקע געשטאלטן
פון מיינע פארשטארבענע עלטערן:



רויזה לבית גערעכט

פאטער: **דוד־יהודה** בן **יעקב־מרדכי הכהן** ז״ל

אוועקגעריסן געווארן פון זיין פאמיליע אין בליענדן עלטער, אלטזייענדיק
קוים 36 יאָר. נפטר ב׳ ראש השנה תרע״ט — 1919

מוטער: **רויזה** בת **אפרים גערעכט** ז״ל

געטש. אין ריא־דע־זשאניירא, כ״ב אלול תשכ״ה — 1965
אין עלטער פון 77 יאר

פאראייביקט דורך זייער טאכטער:

פעליציא־פרימעט פרידמאן און איר
מאן מנחם בן־ציון — תל־אביב

לזכר עולם

יזכור ה׳

את הנשמות הקדושות והטהורות של יקירינו שנספו ע״י המרצחים הנאצים ימח־שמם־וזכרם, בגיטאות אופוצ׳נה ואוסטרובצה ובמחנות השמדה

הדוד והאב: **ישראל־יוסף פרל** בר׳ **יחיאל־משה** ז״ל (מגזע חדושי הרי״מ זצ״ל) שו״ב בעיר אופוצ׳נה ומחשובי חסידי גור.

הדודה והאם: **מאטיל** עה״ש בת **דב־בערווימערשפערג** ז״ל, אשה אצילת רוח, נאמנה ומסורה לבעלה ולמשפחתה

בניהם: **אר׳ה** ז״ל — מהתלמידים המצויינים בישיבת הגאון מאוסטרובצה זצ״ל. **חיים־מאיר** ז״ל — הצטיין בחסידות וביראת שמים. עסק כל ימיו בנגלה ובנסתר. **אברהם ויחיאל־משה** ז״ל

בנותיהם: **רחל** ובעלה, **והנדיל** עה״ש

הדוד והאב: **אלתר פרל** ב״ר **יחיאל־משה** ז״ל מעיר אוסטרובצה. מצא מותו בהתפוצצות במיכרה פחמים שבמחנה הריכוז יאבוז׳נה זמן קצר לפני השחרור.

הדודה והאם: **גולדה** עה״ש בת ר׳ **משה־ליב סנקיביץ** ז״ל אשה משכילה, נאמנה ומסורה לבעלה ולילדיה

בנם: **הרש־מרדכי** — הצטיין בתורה וביראת־שמים. נחטף מחיק משפחתו ע״י הנאצים ימח־שמם וכעבור ימים מספר קבלו הוריו הודעה: „אייער זאהן איזט פערשטארבען״ (בנכם מת)

ה׳ ינקום דמם!

עטופי אבל:

חנוך פרל ומשפ.	**בני־ברק**
אריה פרל ומשפ.	**בת־ים**
יואל־מרדכי בר׳ ישראל־יוסף ומשפ.	**ת״א**
שרה פרל בת אלתר,	**בני־ברק**

לזכר עולם

אנו מעלים את זכרם הקדוש של קרובינו היקרים שנפטרו ושנרצחו על־ידי

הנאצים ימש״ז בשנים 1941 — 1944

סבנו: ר׳ **יחיאל משה פרל** בר׳ **יואל** ז״ל (המכונה יואל וורקער, מגזע „חידושי־הרי״מ״ ז״ל), נפטר י״ב אלול (1924) בעיר מגנושוב

סבתנו: **דבורה־זיסל** בת ר׳ **אייזיק אקרמן** ז״ל — נרצחה בגיל 81 במגנושוב

דודנו: **שלמה פרל** ואשתו **מנוחה** וצאצאיהם: (7) — ניספו בגיטו אופולה; דודנו: **יואל פרל** — ניספה בגטו מגנושוב

דודותנו: **פייגה דיקשטיין** (נפטר ח׳ אב — 1934) ובעלה **יעקב־אלעזר** (נפטר כ״ז אב — 1929) וצאצאיהם: **משה, לאצה, לאה ורייזל** — ניספו בגיטו וורשה; דודתנו: **דישקה קלינא** ובעלה **מרדכי** וצאצאהים (4) — ניספו במגנושוב; דודתנו: **שרה ווינברג** ובעלה **יוסף** וצאצאיהם (5) — ניספו במגנושוב; דודתנו: **פסיה הרצוג־פרל** ובעלה וצאצאיהם (2) — ניספו במגנושוב

דודנו: **פישל זילברמן** — ניספה במחנה טרבלינקה (2.4.1943) וצאצאיו: **שרה, איסר ורייזל** — ניספו בגיטו וורשה ביום כיפורים — 1942

קרובינו: **חוה פשעניצא־דיקשטיין** ובנה **יעקב־אלעזר** — ניספו בגיטו וורשה

השם ינקום דמם!

אבלים:

הנוך פרל ומשפ. — בנ־ברק
אריה פרל ומשפ. — בת־ים
יוכבד אלסון־פרל — ניו־יורק
שרה פרל — בני־ברק
יואל פרל ומשפ. — תל־אביב
מרדכי דקשטין ופרידה קאס — ניו־יורק



חוה פשעניצא ובנה

לזכר עולם

בחרדת קודש אנו מנציחים את זכרם הקדוש של יקירינו שנרצחו באכזריות על־ידי הנאצים הצוררים ועוזריהם ימשו״ז

הסבא: ר׳ **משה אבפייאר** בר׳ **חנוך** ז״ל (נרצח בגיל 85), אציל נפש ועדין רוח, בעל מדות תרומיות, מעשיו ועסקיו באמונה, שמו נודע לתהילה

הסבתא: **יינטה** בת ר׳ **חיים אפלקר ובריינדל** ז״ל (נפטרה בשושן פורים תרפ״ח — 1928)

האב והדוד: **טוביה אבפייאר** ז״ל — נרצחו (הוא והסבא) בדמבלין (כ׳ סיון תש״ב — 7.5.42) והובאו שם לקבר ישראל

האם והדודה: **מלכה** בת **חיים ליסטק ופריינדיל** ז״ל ובתם **פריל־רבקה** (פאליע), נרצחו שתיהן במחנה השמדה סוביבור ב־8.5.42

בנותיהם: **רחל׳ה ואיטקה** עה״ש. נספו בינואר 1943 ונקברו בכפר רוסוש

בנם: **אהרן** — נשרף חיים ב־17.5.1944 בכפר אוקשה ביחד עם עוד קבוצת חברים־פרטיזנים, בהיאבקם עם נשק ביד עד לכדור האחרון.

דודנו: **צבי אבפייאר** בר׳ **משה** ז״ל, אשתו וצאצאיו: **מינדל וחנוך** — ניספו בגיטו שדליץ

דודתנו: **מינדל מורל** לבית ר׳ **משה אבפייאר** ז״ל ובעלה **צבי** (נפטרים) וצאצאיהם: **חיים, לייבל, איטקה וטוביה** ומשפחותיהם, ניספו בגיטו וורשה; דודתנו: **אסתר אפלקר** לבית **אבפייאר** ז״ל (נפטרה) ובעלה **יעקב־הרש** בר׳ **חנינא** ז״ל וצאצאיהם: **חיים־גרשון, חנוך ושבע׳לה** — ניספו בגיטו ריקי

השם ינקום דמם!

המנציחים:

חנוך פרל ומשפחתו — בני־ברק

אריה פרל ומשפחתו — בת־ים

לזכר עולם



מרדכי־יוסף

בהרדת קודש פאראייביקן מיר דעם הייליקן אנדענק פון אונדזערע טייערסטע

פאטער: **שמואל** ב״ר **יצחק פרעסבערג** ז״ל — נפטר י״ח חשון — 1929

מוטער: **לאה** בת ר׳ **יעקב געלער** ז״ל

ברידער: **משה, מרדכי־יוסף** און **וועלוויל** — אומגעקומען דורך די נאצישע רוצחים ימשו״ז אין קרעשאוו, כ״ג חשון תש״ג — 1942. הי״ד

פעטער: **חיים שפרונג**, געשט. אין ניו־יארק א׳ אב — 1945

מומע: **רבקה שפרונג** בת ר׳ **יצחק פרעסבערג** ז״ל, געשט. ד׳ אב — 1967 אין ניו־יארק

פעטער: **יצחק געלער**, פרוי **פייגע** און קינדער: **הרשל, שלמה, מלכה** און **העניע** — אומגעקומען אין געטא ווארשע. הי״ד

פעטער: **אפרים געלער**, פרוי **מירל** און קינדער: **דוד, שמואל יצחק, אסתר, גולה** און אנדערע. הי״ד


מומע: **מעצע־מינטשע קאמיל־געלער**, איר מאן **בערל** און קינדער: **יעקב, פעריל** און **רחל** — אומגעקומען אין געטא ווארשע. הי״ד

אייערע ליכטיקע געשטאלטן זענען טיף איינגעקריצט אין אונדזערע הערצער.
מיר וועלן אייך קיינמאל נישט פארגעסן!

אין טרויער:

חנה פערעל־פרעסבערג און פאמ. —
בני־ברק
יעקב פרעסבערג און פאמ — ניו־יארק

בני משפחת פרעסבערג וקרוביהם



לאה, משה, וועלוויל



רבקה שפרונג



חיים שפרונג

לזכר עולם

מיט הייליקן ציטער פאראייביקן מיר דעם אנדענק פון אונדזערע
פארשטארבענע און אומגעקומענע קרובים

פעטער: **שלום פרעסבערג** בן **יצחק** ז״ל — נפטר בניו־יארק י״ח אלול — 1965

מומע: **אלקה־לאה מאגזאמען** לבית **פרעסבערג** און איר מאן **ליב־דן**,ביידע געשט. אין ניו־יארק

פעטער: **דוד פרעסבערג** — געשטארבן אין ווארשע

פעטער: **יעקב פרעסבערג** ב״ר **יצחק** ז״ל, פרוי **רבקה** און קינדער: **שמואל, שלמה** (נפטר) און **פעסע,** אומגעקומען אין קרעשאוו כ״ג חשון — 1942

מומע: **מינדל** בת **יצחק פרעסבערג,** איר מאן **ברוך** און קינדער — אומגעקומען אין טארנאגראד

מומע: **שרה** בת **יצחק פרעסבערג,** אירע קינדער — אומגעקומען דורך די נאציס ימשו״ז אין רוסלאנד (אדרעסער געגנט) און איר מאן — דערמארדערט דורך די פעטלוראוועצעס ימ״ש אין דער צייט פון דער ערשטער וועלט־קריג

השם ינקום דמם!

אין טרויער:

חנה פערעל־פרעסבערג און פאמ. — בני־ברק
יעקב פרעסבערג און פאמ. — ניו־יארק
משה פרעסבערג און פאמ — קבוץ מצר
לייב פרעסבערג — ארגענטינא (לא־פלאטא)

משפחת פרעסבערג



יעקב פרעסבערג און זיין פאמיליע



שרה בת יצחק פרעסבערג



אלקה־לאה מאַגזאַמען

לזכר עולם



תלמידות בי"ס „בית־יעקב", בטלושטש בהדרכת המורה מרים־גיטל פלונצ׳יאַק

נקמת דם ילד קטן
עוד לא ברה השטן
(ביאליק)

לזכר הנשמות הקדושות והטהורות של רבבות תינוקות של בית־רבן, ובינהם תלמידות בית ספר „בית יעקב" בעיר טלושטש — השתילים הרכים שנגדעו באיבם באכזריות ע"י המרצחים הנאצים ועוזריהם ימח שמם וזכרם!

ארץ, אל תכסי דמם! —
דם תינוקות חפות מפשע
שנשפך כמים ע"י מלכות הרשע
ה' נקום את נקמתם
וזכור לנו את עקדתם

עטופי אבל מרכינים ראש על קברם
הבלתי נודע:

יוצאי טלושטש בישראל ובתפוצות

לזכר עולם



לשש מאות ריבוא בני ישראל, אנשים, נשים וטף, שנרצחו באכזריות על־ידי המרצחים הנאצים וקלגסיהם, ימח־שמם־וזכרם, בגרמניה, פולניה וביתר ארצות אירופה ובתוכם בני קהילתנו הקדושה טלושטש והקהילות הקדושות שבסביבתה הי״ד

ולדראון עולם

לאומות העולם, אשר במעשיהן ובמחדליהן נתנו יד להשמדת שליש מעמנו על־ידי מלכות הרשע, ללא חטא ופשע

ארץ, אל תכסי דמם!

השם נקום את נקמתם — וזכור לנו את עקדתם!

אבלים:

ארגון יוצאי טלושטש בישראל
שארית הפליטה בארץ ובתפוצות

אל מלא רחמים

שוכן במרומים, דיין אלמנות ואבי יתומים, אל נא תחשה ותתאפק לדם עמך ישראל שנשפך כמים.


המצא מנוחה נכונה על כנפי השכינה, במעלות קדושים וטהורים כזוהר הרקיע מזהירים, את נשמותיהם הזכות והטהורות של שש מאות רבוא בני ישראל, אנשים, נשים וטף ובתוכם בני קהילתנו הקדושה טלושטש והקהילות הקדושות שבסביבתה, שנהרגו ושנשחטו ושנחנקו ושהוטבעו ושנקברו חיים, ושנשרפו בכבשני האש ובתאי הגזים במחנות השמדה, על־ידי הנאצים וקלגסיהם, בגרמניה וביתר ארצות אירופה, שנכבשו על־ידי הצוררים ימחה שמם וזכרם לנצח! כולם קדושים וטהורים וביניהם גבורים וגדולי־הרוח ואדירי התורה, יזכרם ה׳ לטובה ובגן עדן תהא מנוחתם, בעל הרחמים יסתירם בסתר כנפיו לעולמים ויצרור בצרור החיים את נשמתם, ה׳ הוא נחלתם והוא ינקום את נקמתם ויזכור עקדתם ותעמוד לנו ולכל ישראל זכותם. ארץ, אל תכסי דמם, ואל יהא מקום לזעקתם, ובזכותם ישובו נדחי ישראל לאחוזתם, ויהיו הקדושים לזכרון תמיד, לפני ה׳ צדקתם, יבואו שלום וינוחו על משכבותיהם ויקיצו ויעמדו לקץ הימים לחיותם, ונאמר אמן.

רשימת הקדושים

בני הקהילה הקדושה טלושטש

קרבנות השואה שנפלו על קידוש השם

בידי הנאצים ימ״ש



לזכר עולם

נאמען פון ראש המשפחה	נאמען פון דער פרוי	נעמען פון די קינדער
אבקאָוויטש משה		
אויסלענדער הינדה		חיים
אויסלענדער שמחה		
אומג. אין רוסלאנד	בראניע	לייבל
אייכנבוים יענקיל	פרוי	זלמן, מרים, יצחק
אייכנבוים הערש	חנה	אברהם, מרים
אסאוזסקי דינה		צבי, מרים ועוד בת
אסאוזסקי		נח, דוד, שאיע, רחל
אסטשענגא אברהם	שרה	
אלבירט שלמה		
אומג. אין בריסק	חיה	לאה, אליהו, משה
בארנשטיין שמואל		
אומג. אין וואלאמין	גיטל־רחל	יצחק, שמחה־נח
בורשטין בערל	חיה	3 קינדער
בורשטין פינטשע	פרוי	קינדער
בורשטין מרדכי	עלקע	אברהם, מיכאל, אשר, יוכבד
בורשטין שמחה	חנה	קינדער
בערגמאן הערשל	חנה	זון און טאכטער (צווילינג)
בערגמאן ברוך־מרדכי	שרה	אפרים, ישראל־מענדיל, גאדיל, לייבל, אסתר־רבקה, מאן און קינדער און רחל
בערמאן הערש	פייגע־טאבע	5 קינדער
הרב בריקמאן יעקב־יוסף	פרוי	חיה׳לה, רבקה׳לה און זייערע פאמיליעס, פייגה׳לע און יוכבד
גאזשיטשאנסקי	בראניע	יענטה׳לע
ד״ר גאָלאָמב	פרוי	קינדער
גאלדוואסר אהרן (ארקע)	חנה	יעקב, בלומה, ביילה־גיטל, דבורה און אין מאן (אומג. אין ווילנע)
גאלדוואסר מנחם־מאיר	צביה	קינדער
גאלדוואסר יצחק	פרוי	קינדער
גוטאוויטש משה	חנה־רבקה	יחזקאל (געפאלן אין דער סאָוו. ארמיי)
גוטאוויטש שמואל	פרוי	2 קינדער (טעכטער)
גוטאוויטש חיים־יענקיל	חיה	רבקה און פאמ.
אומג. אין געטא ווארשע		יצחק־יחזקאל
גוטמאן יענקיל	פרוי	
גוטמאן יידל	פרוי	קינדער
גוטמאן יוסיל	יענטה	מאיר, יעקב און 2 טעכטער

לזכר עולם

נאמען פון ראש המשפחה	נאמען פון דער פרוי	נעמען פון די קינדער
גוטמאן אהרן	מרים	2 זין און 2 טעכטער
גורפינקל יהודה־לייב	דינה	4 קינדער
גאלדפעדער פנחס אומג. אין געטא ווארשע	צביה	דוד, מאליע־רחל, שמחה־בונם
געלבארד דב	מרים	ברוך, זאב (ווערלוואלע)
גראסבאר משה	חנה	רחל, אליהו — אומג. אין רובישויב
גראסמאן אלעזר	פרוי	לייבל, חנה, עטל, ועוד 3 ילדים
גרינהויז יעקב־יוסף	רבקה	אהרן־דוד, צבי, פנחס,
דאמבראווא מינדל		מרים, נחה, חוה, ווידקה
הערמאן אברהם	לאה	5 קינדער
וואלאך יהודה־לייב	ציבה	מרדכי, גאלדע, מירל, שיינדיל רייזל, ברכה
וואלאך יוסיל	פרוי	יחזקאל
וויינבערג דוד	הינדע	אסתר, שרה און 1 זין
וויינגאט יהודה־לייב	אסתר	3 קינדער
ווענגראווסקי שרה		
ווענגראווסקי אברהם	שרה	חיה
ווענגראווסקי יוסיל	פרוי	זון
זאבראניעצקי הערש	פרוי	קינדער
זאבראניעצקי פרץ	פרוי	
זאבראניעצקי דוד	שרה־רבקה	
זאבראני־עצקי הערש	לאה	מרים, חנה, מאיר, משה׳לע, יענקיל
זאוולאדאווער בנימין	רבקה	מרים, יעקב, יוסיל און אנדערע
זאוולאדאווער דוד אומג. אין ווראצלאוו		
זאלצמאן		סימה, גיטל, חיה, מאיר־שלום
זאלצמאן מאיר־שלום	פעריל	רחל׳ע, שמחה׳לע
זאלצמאן לאה		און פאמיליע
זאלצמאן גאלדע		מאן און טאכטער
זאלצמאן לייבל	פעסל	הינדע, שמואל, רחל
זאלצמאן שלמה		יוסף, עטל
זילבערבערג אריה	חנה	שמואל, אברהם, לאה
זילבערבערג		גיטל
זילבערבערג מרים		קינדער
זילבערבערג שמערל	חנה	טאכטער

לזכר עולם

נאמען פון ראש המשפחה	נאמען פון דער פרוי	נעמען פון די קינדער
זילבערבערג קויפמאן	חוה	קינדער
זילבערבערג וועלוויל	גיטל	
זילבערבערג שמערל	פייגה	מענדל, קויפמאן, הערש
זילבערשטיין משה	העניע	
זילבערשטיין יעקב	פרוי	קינדער
זילבערשטיין וואלף־לייב	פרוי	קינדער
זילבערשטיין יהושע־חיים	ברכה	קינדער — אומג. און געטא ווארשע
זלאטאגורא חיים	פעשע	יענטה, רבקה, העניע, מענדל און זייערע פאמיליעס
זלאטאגורא משה נפטר בישראל		
זלאַטאווקא משה	ברכה	יוספה, לייב
זלאטאווקא מרדכי	רויזע־טשארנע	מרים
זלאטאווקא הערש בן יוסף	לאה	2 קינדער
זלאטאווקא מענדל	הענדל	
זשולטי	נחמה	
זשולטי מענדל	חיה	נחה, יעקב און נאך 5 קינדער
זשולטי משה	מרים	יענטה׳לע, יעקוב׳לע, אברהמ׳אלע
טאוב מאיר	שרה	יוסף, הערש
יאסקולקא חיים	פרוי	קינדער
ירוזאלימסקי שעפסל	חייטשע	קינדער
לאפטמאן הערש	חיה־צביה	(פון מינסק מאזאוויעצק)
לאַש משה	פייגה־רייזל	
לוין שמואל־איצל	איטה	
לוין אשר	פריידה	
לוסטיק בנימין־יעקב	לאה	הערש, גיטל, מרים און נאך 2 קינדער
לערנער חיים	יענטה	ראובן, זעליק, זלאטה
לערנער אפרים	פייגה	קינדער
לערנער		הדסה
לערנער מרדכי	חנה	וועלוויל, ברכה, עדה
לערנער יהודה־לייב	יפה	העניע, נחמה
לערנער שמחה	חינקה	יעקב
לערנער יוסף	חנה	חיה, שבע
מאנדרי יהודה	עטקע	
מילער סאנע	פרוי	2 קינדער

לזכר עולם

נאמען פון ראש המשפחה	נאמען פון דער פרוי	נעמען פון די קינדער
נאווינא אברהם	פרוי	ברכה, שרה רישמן ובתה חיה-סימה, רחל ובעלה
נאווינא ברוך-מאיר	רויזה	משה-חיים
נאווינא מנוחה		שיפרה, ראשקע, חנוך-זאב, שלמה
נאפארסטעק שלמה	יענטה	6 קינדער
נאווינא איצל	מינקה	ברוך,ביילה-רחל, אשר, שרה
נגר משה	פרוי	קינדער
ערענבערג בונם	רבקה	צירל, מאניע, יעקב-משה
אומג. אין געטא ווארשע		
סטאפעק מלך	פרוי	פאיע, און נאך קינדער
סטאפעק מענדל	פרוי	פאיע און נאך 2 קינדער
פאסטאלסקי	אסתר	שרה, חיים
פאסטאלסקי	מרים	יענטה, פעסה
פאסטאלסקי הערש	ליפשה	אין רוסלאנד געשט.
פאסטאלסקי איטשע	פריידה	פייגה, חיה, שרה-לאה, יעקב, איסר
פאפאווסקי יעקב	חיה-שרה	אברהם-מנשה, פייגה
פאפאווסקי יצחק	גיטל	פייגה׳לע
פאפאווסקי גוטמן בן מנשה	פייגה	3 קינדער
פאפאווסקי גוטמאן	דובה	פעסע, אריה, חנה, רבקה, מלכה חינקה, יעקב, יידל רחל, מרים
פלאטקאווסקי גוטמן	רבקה	אברהמ׳אלע
פלאטקאווסקי בערל	פרוי	מאיר
פלאטקאווסקי ישראל	לאה	בערל-דוד
פלאטקאווסקי שמואל	פרוי	קינדער
פלאם מאניע (ראזנבלום)		קינדער און מאן
פערעל מענדל	עטקה	פעסה, רייזל, גליקה, שבע, איטה
פערעל פנחס	גליקה׳לע	אברהמ׳אלע, יענטה׳לע
פעפערמאן זעליק	אסתר	תהילה, חזקאל, אליהו, ראובן, שרה, רחל, רבקה, לאה
אומג. אין וולאדאווע		
פרידמאן שמחה	פרוי	
פרידמאן יענקיל	בעלא	קינדער
אומג. אין אסטראוו-מאז.		
פרידמאן שלמה	פרוי	קינדער
פרידמאן יוסף	לאה	קינדער — אומג. אין געטא ווארשע

לזכר עולם

נאמען פון ראש המשפחה	נאמען פון דער פרוי	נעמען פון די קינדער
צימערמאן	רייזל	גיטל, חיה און זייערע פאמיליעס
צימערמאן אשר	פרוי	קינדער
צימערמאן מרדכי	פרוי	קינדער
קאבילקא		זיסל און פאמיליעס
קאבילקא איטשע־מאיר	פרוי	קינדער — אומג. אין געטא ווארשע
קאבילקא אלי־ברוך	פרוי	קינדער
קאנסטאנטינאווסקי משה	פעריל	מרים, דובה, מאניע, נחה
קאנסטאנטינאווסקי נאסקע	לאה	2 קינדער
קאנסטאנטינאווסקי יוסיל		
קאנסטאנטינאווסקי אייזיק געשט אין ישראל		
קאנסטאנטינאווסקי לייבל	אסתר	אביש
ראדאשינסקי יצחק	שיינדיל	
ראדזימינסקי זאב בן לייבוש	מרים	קינדער
ראדזימינסקי אברהם בן לייבוש		
ראדזימינסקי איטשע	רבקה־ציבה	
ראדזימינסקי אהרן־יענקיל אומג. אין שטשוטשין	מלכה־גיטל	חנה און פאמ. יוסיל און פאמיליעס
ראדזימינסקי אברהם	רבקה (רעגינע)	אייזיק
ראדזימינסקי (דרומי) יהודה (נפטר בישראל)		
ראדזימינסק אברהם בר׳ יוסף	פרוי	קינדער
ראדזימינסק ראובן	פרוי	קינדער
ראדזימינסקי זאב	נעשה	חייטשע און פאמיליע
ראדזימינסקי יוסיל בר׳ זאב	פרוי	קינדער
ראדזימינסקי מאיר (טילער)	רחל	
ראדזימינסקי שלמה	זעלדה	קינדער
ראדזימינסקי לייזער		לייב׳לע, משה׳לע
ראדזימינסקי פיניע		
ראדזימינסקי משה	פרוי	קינדער
ראכמאן משה אומג. אין געטא ווארשע	פעריל־לאה	
ראזנבלום הערצקע	חיה־שרה	קינדער
ראזנבלום וואלוויל	חנה	קינדער
שאפראן יעקב אומג. אין מיידאקעק	רבקה	אליעזר, פייגה, מרים, משה
שארפמאן לייבל	ביילה	

לזכר עולם

נאמען פון ראש המשפחה	נאמען פון דער פרוי	נעמען פון די קינדער
שווארצבערג אלתר	זלאטה	2 טאכטער
שווארצבערג סענדער	פרוי	קינדער
שטערן שמחה	גיטל	ברוך
שידלאווסקי יעקב	חוה	3 קינדער — אומג. אין געטא יאדאוו
שימאנאווסקי הנה־שרה		בצלאל
שיפער מאטעס	רחל	
שקאלניק יעקב־נח	אסתר	שאיע, יצחק, עוזר־דוד

